STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09425

TSUM LIKHTIKN MORGN

Abraham Raphael Forsyth

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום ליכטיקן מאָרגן

אברהם פאָרסייט

צום ליכטיקן מאָרגן

היסטאָרישער ראָמאַן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
יצחק אייזיק הורוויץ ברענטש 10
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו־יאָרק
1953

TSUM LICHTIKN MORGN

By

ABRAHAM FORSYTH

Copyright 1953 *by*
ABRAHAM FORSYTH

צייכנונג פון פנחס סקולקא

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U. S. A. by
Shulsinger Bros. Linotyping and Publishing Co.
21 East 4th Street, New York, N. Y.
253

ג ע ו ו י ד מ ע ט ד ע ם
אָ נ ד ע נ ק פ ו ן
מ י י נ ע ע ל ט ע ר ן
רפאל און שרה חנה ע״ה

ביכער אַרויסגעגעבן פון זעלבן מחבר:

בר־כוכבא, 1941

היסטאָרישער ראָמאַן

אין רויטן גלי, 1947

אַ ראָמאַן פון דער רוסישער רעוואָלוציע



קאַפּיטל איינס

. . . **העט**, ווייט, ווייט, ניט מיטן אויג אַרומצונעמען, ניט מיט אַ פור אין אַ טאָג דורכצופאָרן, האָבן זיך געצויגן די גיטער פון פּאַן, איגנאַץ סטריזשעווסקי.

פּאַרזייטע פעלדער, לאָנקעס מיט פעטן גראָז. געדיכטע, טונקל־בלויע וועלדער. צווישן זיי אומצאָליקע טייכן, אָזיערעס און זומפּן, אַוואו אַ מענטשנס פוס האָט נאָך ניט געטראָטן.

אויף די פעלדער האָט זיך די שפע אָנגעזען. אויף די גרינע לאָנקעס האָבן זיך געפּיטערט בהמות, שעפּסן און טאַבונעס פערד. פּאַן סטריזשעווסקי'ס ראַסאָווע פערד האָבן געהאַט אַ שם ווייט איבער די גרעניצן פון זיינע מאַיאָנטקעס.

אין די אַלטע וועלדער, וויניק באַרירט נאָך מיט האַק און זעג, האָבן זיך ווילדע חיות אַרומגעיאָגט. און אַרום די טייכן און זומפּיקע נידערפלאַכן האָט געווימלט מיט ווילד פויגל; ענטלעך, גענדז, קוראָ־פּאַטקעס און פאַזאַנען.

דער שפּארבער האָט דאָ אינדערהויך געלויערט. פלעגט מיטאַמאָל, ווי אַ שטיין, אַ לאָז טאָן זיך אַרונטער, פלעגט צורייסן אַ יונגן פויגל און פאַרשווינדן אין די רוימען.

אויף דעם גאַנצן אַרום איז נאָך געלעגן דער אָטעם פון בראשית־דיקייט. דאָס לעבן איז דאָ געפלאָסן לאַנגזאַם און אָן שנויים. די פּויערים וואָס האָבן געוואוינט אין דערפער, צעשפּרייט און צעוואָרפן, האָבן די פּריצישע פעלדער באַאַרבעט און אַלע דינסטן געטאָן.

אויך שטעטלעך זענען דאָ געווען, וואו, פאַר אַ לאַנגע צייט, האָבן יידן געוואוינט, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַרענדע פון ברויזן און זאַוואָדן, מיט פּאַקטעווען גיטער און איבערהויפּט מיט פאַרשיידענע האַנט־אַרבעטן. זיי זענען געווען די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן באַקליידט און באַשוכט די אַדעללייט און די פּויערים. האָבן געמאַכט און פאַר־ריכט די אַקער־אייזנס. האָבן געברענט ציגל, געמאַכט ליימענעם געפּעס. די סטאָליאַרעס האָבן די שטוב־איינריכטונגען געמאַכט און טייל האָבן אויך געפירט מסחרים.

אָט דאָ, ביי דעם פּאַן, איגנאַץ סטריזשעווסקי, האָט איינער, אַ איד, רחמיאל, געהאַלטן אין אַרענדע אַ מיל.

מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז רחמיאל׳ס עלטער זיידע, יהודה לייב, געקומען אַהער אין דער געגנט, אַנטלויפנדיק פון וואָלין פון די היידאַמאַקעס.

יהודה־לייב איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ יונגער מענטש מיט אַ פרוי און קינד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ אין פעלד איבערצו־נעכטיקן.

ער האָט אַרומגענומען מיט זיין בליק די ווייטע שטרעקעס לאַנד, דאָס שלענגלדיקע טייכל. פון פאַך אַ מילנער, האָט זיין געניט אויג באַלד דערזען די ברייטע מעגלעכקייטן, צו בויען דאָ אַ וואַסער־מיל.

יהודה־לייב האָט זיך געמאָלדן צום אַלטן פריץ, פאַן וואָלדעמאַר סטריזשעווסקי, אויסגעלייגט פאַר אים דעם גאַנצן פּלאַן, און ווי אַ פאַכ־מאַן געבעטן באַ אים אַ דערלויבניש צו בויען די וואַסער־מיל.

דער פאַן האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, האָט זיך צוגעקוקט צו די אָפּגעטראָגענע מלבושים און צום מוטיקן פּנים. ניט פאַרפעלט צו באַמערקן די קנייטשן פון זאָרג אַרום די ווינקלען פון די אויגן. ער האָט געפרעגט:

— פונוואַנעט? פון ווייט?

— פון וואָלין. די היידאַמאַקעס האָבן קיין רואיקן טאָג ניט געלאָזט לעבן. איך וויל דאָ בויען אַ היים, פאַר זיך, פאַר דער משפּחה.

פאַן סטריזשעווסקי האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט. ער איז געווען אַ בויער און דער איד מיט זיין פּלאַן איז אים געפעלן געוואָרן. עס איז געווען די צייט, ווען פּוילן האָט געגאַנסן גוטע טעג אונטער דעם קעניג, יאַן סאָביעצקי. די גרעניצן פון פּוילן האָבן זיך געצויגן פון באַלטישן ים אין צפון, ביז איבער דעם טייך דניעפּער אין מזרח, און ווייט צו די סטעפּעס אין דרום. אומעטום האָט מען געבויט וועגן און פאַר־בעסערט דאָס לאַנד. דער פאַן האָט איינגעזען, אַז ניט נאָר וועט די מיל אים אַריינברענגען הכנסה, נאָר, אַז דאָס גראָבן דעם סטאַוו וועט אָפּציען דאָס וואַסער פון די זומפּן און זיי פאַרוואַנדלען אין פרוכטבאַרן באָדן. האָט ער געגעבן זיין הסכמה און באַפוילן דעם פאַרוואַלטער צו געבן יהודה־לייבן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן און אויך צושטעלן אַרבעטער.

אונטער דער אויפזיכט פון יהודה־לייבן האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט טיפער און ברייטער געמאַכט דאָס טייכל. גע־בויט אַ בריק און די זאַסטאַווקעס, וואָס האָבן פאַרהאַלטן דאָס וואַסער, געבויט די מיל אויף דער אַנדער זייט פון סטאַוו. די שטוב פאַר דער משפּחה און אַנדערע געביידעס.

ווען דאָס פאַרהאַלטענע וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן הויך, איז עס געפלאָסן אין דער הילצערנער קאַריטע, אַראָפּגעפאַלן אין די קעסט־לעך פון די הילצערנע רעדער און זיי באַוועגט מיט זייער משא. די רעדער האָבן זיך געדרייט און באַוועגט די מילשטיינער, וואָס פלעגן מאָלן די זערנעס.

יהודה־לייב האָט דאָ געלעבט ביזן טיפן עלטער, און פון דעמאָלט אָן זענען שוין אַוועק עטלעכע דורות. די אַרענדע פון מיל איז איבער־געגאַנגען בירושה פון טאַטן צום קינד. עס איז געווען אַ מנהג פון חזקה ביי יידן. קוים האָט איינער געהאַלטן אין אַרענדע אַ מיל, צי אַ שענק, האָט קיין אַנדער איד ניט פּרובירט אויסדינגען עס פאַר מער געלט.

דער אַלטער פּאַן, וואַלדעמאַר סטריזשעווסקי, איז שוין אויך געווען לאַנג טויט. איצט האָבן אַלע גיטער געהערט צום יונגן פּאַן, איגנאַץ. און ער איז געווען גאָר אַנדערש פון זיין זיידן. ער פלעגט אַ סך צייט פאַרברענגען אין דער הויפּט־שטאָט אין וואַרשע. האָט זיך געמישט אין פירונג פון לאַנד.

און די צייטן זענען איצט געווען גאָר אַנדערע. ווי בייזע וועלף האָבן זיך די שכנישע לענדער, עסטרייך, פּרייסן און רוסלאַנד אַ וואָרף געטאָן אויפן פּאָטערלאַנד און אָפּגעריסן שטיקער. איצט שאַרפן זיי ווידער די ציין.

איגנאַץ סטריזשעווסקי האָט געזען ווי די פירער פון לאַנד ברענגען אומגליק, האָט ער זיך געערגערט. ער פלעגט אַנטלויפן פון וואַרשע, נאָר אויך אין זיין שלאָס האָט ער ניט געפונען קיין רו. ווי אַ ווילדער פלעגט ער שפּרייזן איבערן צימער און כעסן אויף דער גאַנצער וועלט. דעמאָלט פלעגן אַלע אַרומיקע ציטערן און מורא געהאַט נאָענט צוצו־קומען צו אים.

ער פלעגט זיך אָפּשטעלן באַם וואַנט, וואו ס׳זענען געהאַנגען די בילדער פון די פּוילישע קעניגען און די אַדעליקע פון זיין משפחה. זיי זענען געווען עדות פון דער פאַרגאַנגענער גלאָריע, ווען פּוילן איז געווען גרויס און מעכטיק, ווען צו איר וואָרט האָט זיך די וועלט צו־געהערט. און איצט ? . . . ער האָט ווידער גענומען ווילד שפּרייזן, ווי נאָכגעיאָגט פון איין מאַנונג : וואָס זאָל ער טאָן ? וואָס זאָל ער טאָן ?

און וואָס מער ער האָט געפילט זיין הילפלאָזיקייט אַנטקעגן די אויסערלעכע מאַכטן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אים געוואָלט איינהאַלטן דעם אַלטן איינשטעל אין זיין אייגענער ממשלה. ער האָט געפירט די גרענדע אין גאַנצן אַרום און האָט גע׳שמ׳ט מיט זיין גאַסטפריינדלעכ־

קייט. ער פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען בעלער און צו זיי פלעגט מען קומען פון גאַנצן קאַנט. אין אַזעלכע פאַלן איז אַלץ געווען מיט אַ ברייטער האַנט. און זיינע אַרויספאָרן מיט די געסט אויף יאַגד זענען געווען באַוואוסט און מען פלעגט נאָכדעם רעדן וועגן זיי אַ גאַנץ יאָר.

יידן האָבן געהאַט ביי אים פרנסה. און די רעדער אין רחמיאלס מיל זענען זעלטן געשטאַנען שטיל.

אַז עס פלעגט קומען האַרבסט, די פויערים האָבן אַראָפּגענומען די תבואות פון די פעלדער און עס אַריינגעפירט אין די שפייכלערס צום פריץ, געקראָגן זייער חלק פאַר זייער האַרעוואַניע, איז אַרבעט אין מיל געווען איבערגענוג.

רחמיאל, אַ הויכער, פול לייביקער ייד, איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין מיל. אַרומגעגאַנגען איז ער אין אַ פאַרמעליקטן קאַמזאָל, פון וועלכן ס'פלעגן פון אונטן אַראָפּהענגען די ציצית, מיט אַ גרינער סאַמעט־טענער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ שיכט פון שטויב און מעל, און האָט אויסגעקוקט, ווי זי איז פאַר דער צייט גרוי געוואָרן. געהאַט האָט רחמיאל אַ האַסטיקן גאַנג, און אַ טבע צו אַרבעטן שנעל. אַז ער פלעגט גיין, האָט זיך געדאַכט, אַז ער יאָגט זיך און די ציצית לויפן אים נאָך.

די טאָג־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן מיט באַגינען און האָט זיך געצויגן אַזש שפּעט, ביז עס פלעגט טונקל ווערן. און אַמאָל פלעגט מען נאָך אַרבעטןביים ליכט פון אַן אויל לעמפּל. איבעררייסן פלעגט רחמיאל נאָר, ווען ער האָט געדאַרפט עסן און דאַווענען.

דאָך איז ער, רחמיאל, געווען צופרידן און געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם פאַר דעם חסד, וואָס ער גיט אים און דער משפחה ברויט צו זעט און געזונטע יאָרן.

אָט אַזוי, אין טעגלעכער האַרעוואַניע, זענען געגאַנגען וואָכן און יאָרן. זיין ווייב, ריווע־לאה, האָט אים קינדער געבראַכט: צוויי מיידלעך. דערנאָך איז געבאָרן געוואָרן נאָך אַ קינד, אויך אַ מיידל, נאָר עס האָט לאַנג ניט געלעבט, האָט אָפּגעקרענקט אַ צוויי־דריי חדשים און איז געשטאָרבן.

ריווע־לאה האָט פון דעם דריטן קינפּעט אַן געהאַלטן אין איין קרענקען, און איז אַ צייט לאַנג ניט פאַרגאַנגען אין טראָגן. רחמיאל האָט שטאַרק באַגערט צו האָבן אַ זון, איז זיין האַרץ דערפרייט געוואָרן, ווען זיין ווייב, ריווע־לאה איז ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן.

ס'איז אַוועק דער זומער. ס'האָט זיך דערנעענטערט די צייט, ווען זי האָט שוין געדאַרפט געלעגן ווערן. רחמיאל האָט זיך געקליבן אָפּ־צופירן זי אין שטעטל צו דער מוטער, דאָרטן איבערקומען די קינפּעט, נאָר אין דרויסן האָט געגאָסן יעדן טאָג. די וועגן זענען געווען ניט דורכצופאָרן, האָט ער עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג.

אומגעריכט איז געקומען אַ געוויטער. צום געדיכטן רעגן איז צוגעקומען אַ קאַלטער ווינט. די ביימער האָבן זיך צו דער ערד געבויגן. דער ווינט האָט געריסן די לעצטע בלעטער, האָט געבראָכן צווייגן און זיי ווייט פאַרטראָגן.

דאָס וואַסער אין סטאַוו האָט געהאַלטן אין שוועלן. אַלע זאַסטאַווו־קעס זענען געווען אָפן און דאָס וואַסער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין הויבן. רחמיאל מיטן אַרבעטער, וואַצלאַוו, האָבן געהאַלטן אויג אויף די פּאַדקרעפּעס צום בריק, דאָס שטראָמיקע וואַסער זאָל זיי ניט אונטער־שווענקען, ווייל דעמאָלט איז די מיל אין געפאַר אַראָפּגעטראָגן צו ווערן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן פרי. רחמיאל האָט צוליב דער נאָענטקייט פון געפאַר פאַרגעסן די מידקייט, און אַז מען דאַרף עסן. מיט צוגע־גרייטע זעקעלעך ערד איז ער מיט וואַצלאַוון ניט אָפּגעטראָטן פון בריק. יעדע מינוט, האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז עס קענען זיך אַ ריר טאָן די פּאַדקרעפּעס. און מיטאַמאָל קומט צעלויפן דאָס עלטערע מיידל, שיינדל.

— גיכער, טאַטע! גיכער!!! קום אין שטוב! די מאַמע . . . דער מאַמען איז ניט גוט.

פינצטער איז די וועלט געוואָרן פאַר רחמיאלן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו די וואַסערן. צו די ביימער, וואָס האָבן זיך נידעריק געבויגן אין אַלע זייטן אין דעם געוואַי פון ווינט און זיינע ליפּן האָבן אַ תפילה געשעפּטשעט: „רבונו־של־עולם, אויב איך האָב געזינדיגט, שטראָף מיך, נאָר גיס ניט אויס דיין צאָרן אויפן אומשולדיקן, אויף דעם נאָך ניט געבאָרענעם נפשל און אויף מיין פרוי".

רחמיאל איז אַהיים געלאָפן. ריווע־לאה איז אין בעט געלעגן אין טיפע ווייען. שוין פאַרנאַכט צו האָט זי זיך ניט־גוט געפילט. שפּעטער, אַז די ווייען האָבן זיך איבערגעחזרט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי הויבט אָן גיין צום קינד, האָט זי נאָך באַוויזן אַריינצושטעלן אין אויוון אַ טאָפּ וואַסער אָנצוואַרעמען.

— וואָס איז דיר, ריווטשעניו?! אפשר דאָס פערד איינשפּאַנען? דיך אין שטעטל פירן? . . .

ריווע־לאה'ן האָבן אין דעם מאָמענט אָנגעכאַפּט שטאַרקע ווייען. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. פאַרדריקט אין די הענט דעם איבערדעק. גע־

וואָלט זיך שטאַרקן און ניט אַרויסגעבן זיך. נאָר זי האָט ניט געקענט אויסהאַלטן און אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן יאָמערלעכן געשריי.

איר געשריי האָט רחמיאלן אינגאַנצן דורכגענומען. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. וואָס טוט מען דאָ, גאָט אין הימל?! איינער אַליין אָפּגעשניטן דורכן שטורם פון אַלעמען. ער איז באַלד צוריק געלאָפן צום בריק. געשיקט וואַצלאַוון נעמען דעם פערד־און־וואָגן און גלייך ברענגען די הייב־אַם, די „באַבקע יאַדוויגאַ", וואָס וואוינט ניט ווייט פון מיל.

איינגעוויקלט אין צוויי פאַטשיילעס און דאָך אַ דורכגעווייקטע, איז די הייב־אַם געקומען צופאַרן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דורכגענעצטע מלבושים, איז צוגעקומען צו ריווע־לאה׳ן און איר אַלט, צעקנייטשט פנים האָט וואַרעם אַ שמייכל געטאָן. מיט איר האַנט האָט זי אַ גלעט געטאָן ריווע־לאה׳ס האָר.

יענע נאַכט האָט ריווע־לאה געבאָרן אַ זון.

אינדערפרי האָט זיך דער געוויטער איינגעשטילט. דער רעגן האָט אויפגעהערט און די געפאַר פון שוועלענדיקן וואַסער איז אַריבער. רחמיאל איז אין שטוב אַריין.

אינעווייניק איז געווען שטיל און טונקל. אויסגעמאַטערטע זענען אַלע געשלאָפן. יאַדוויגאַ האָט דאָס פּיצעלע אויסגעוואַשן און גוט איינגעוויקלט אים אין אַ וואַרעמען צודעקל. איצט איז דאָס קינד געלעגן אויף אַ קישעלע לעבן דער מוטער.

רחמיאל איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דעם וויב, געקוקט אויף איר בלייך, אויסגעמאַטערט פנים. דערנאָך זיך גוט איינגעקוקט אין דעם קליינעם נפשל. פון דעם צודעקל האָט זיך קוים אַרויסגעזען אַ רויט קיילעכל פון פּנימל. אַזוי איז רחמיאל געשטאַנען אַ היבשע ווילע. זיינע אויגן זענען געווען דאָ אויף דער מוטער און דאָ אויף דעם ניי־געבאָרענעם זון. דאָס האַרץ זיינס איז געווען אָנגעפילט מיט גליקזעליקייט און דאַנקבאַרקייט צום רבונו־של־עולם. ער האָט זיך געוואָלט אַראָפּבייגן און אַ קוש טאָן דעם ווייבס שטערן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. זאָל זי רוען. אָרעמינקע, זי האָט זיך גענוג אָנגעמאַטערט.

ריווע־לאה האָט אָבער דערפילט זיין נאָענטקייט. די וויעס פון אירע אויגן האָבן אַ ציטער געטאָן, זיך עטוואָס געעפנט, און באַלד זיך ווידער געשלאָסן. זי איז געווען צו שוואַך צו האַלטן זיי אָפן, צו שוואַך עפּעס צו זאָגן.

ערשט איצט האָט רחמיאל דערפילט די גאַנצע מידקייט. ער האָט

צוזאַמענגערוקט צווײ בענקלעך און זיך צוגעשפּאַרט. באַלד איז ער שטאַרק אײַנגעשלאָפֿן.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. יאַדוויגאַ איז אויף געווען און האָט זיך געפּאַרעט ביים אויוון. ריווע־לאה און דאָס עופֿ׳עלע זענען נאָך אַלץ געשלאָפֿן. ער האָט זיך ווידער צוגעקוקט צו דעם קליינעם נפֿשל און באַלד גענומען טראַכטן פֿון ברית.

איצט, אַז גאָט האָט אים אַ זון געשאָנקן, האָט ער דערפֿילט דעם וויטיק, וואָס מען איז דאָ אַזוי אָפּגעריסן פֿון יידן און יידישקייט. ווי אַזוי וועט ער אים דערציִען? ער אַליין איז אויסגעוואַקסן דאָ אין מיל, צווישן גוים. מער ווי דאַווענען קען ער ניט. און דאָס האָט אים אויס־געלערנט דער פֿאָטער. אין שטעטל צווישן יידן פֿלעגט ער קומען נאָר אויף ימים־נוראים. און דאָרטן, אין בית־מדרש, פֿלעגט ער דערפֿילן, ווי אָפּגעריסן ער איז פֿון יידישקייט, כאָטש אויפֿגעהאָדעוועט האָט אים דער טאַטע אין שטרענגער פֿרומקייט. נאָר אַז ער פֿלעגט הערן ווי יידן ריידן וועגן תּורה, טייטשן אויס אַ פּסוק, אַ שווער שטיקל־גמרא, פֿלעגט ער זיך פֿילן פֿאַרשעמט, און זיין קליין ביי זיך.

רחמיאל האָט זיך איצט געשטעלט דאַווענען שחרית. דאָס היינטיקע דאַווענען איז געווען אַנדערש. די תּפֿילות זיינען געווען אַן אויסגוס פֿון זיין נשמה צום רבונו־של־עולם, פֿאַר דעם גרויסן גנאָד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן. דאָס האַרץ איז געווען פֿול. דאָס געמיט לויטער. ערשט נעכטן איז אַלץ געווען אַזוי שרעקנדיק, שטורמיש און איצט אַזאַ רואיקייט . . . און שטיל האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט: „דו האָסט מיר אַ זון געגעבן. איך וועל פֿון זיך דאָס לעצטע אָפּרייסן און אים דער־ציִען צו גיין אין דיינע וועגן. ער וועט זיין אַ לערנער און וועט דיין וואָרט הויבן און פֿאַרשפּרייטן".

און אַ גליקלעכער האָט ער זיך גענומען גרייטן צום ברית־מילה. עס האָט געזאָלט זיין שוין איינמאָל אַ ברית. אַזאַ, וואָס דאָס נאָענטע שטעטל זאָל רעדן דערפֿון. איז ער אין שטעטל געפֿאָרן. איינגעקויפֿט בראָנפֿן, וויין, הערינג צו מאַריבירן. ער האָט אייגענע עופֿות צום שוחט געפֿירט. ס׳איז אַראָפּגעקומען ריווע־לאה׳ס מוטער, זלאַטע, און גע־בראַכט אויסגעבאַקענע טאָרטן און לעקאַך. אין קיך האָבן זיך געדרייט עטלעכע ווייבער. ס׳איז געווען טומלדיק, אָנגעפּאַרעט און רויכיק. אַלץ איז געגאַנגען כאַדאָראַם.

אין דעם טאָג פֿון ברית איז רחמיאל פֿאַרטאָג אַוועקגעפֿאָרן אין שטעטל אַריין מיט צווײ פֿורן און אַראָפּגעבראַכט די משפּחה זיינע און דעם מוהל.

געווען זענען זיי יידן פשוטע, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך געפּראַ־צעוועט צו דערנערן זיך און זייערע משפּחות. קיין סך תורה האָבן זיי ניט געקענט. דערפאַר אָבער איז זייער האַרץ געווען אָפענער, נאָענטער צו גאָט. אַז עס איז ביטער געווען, האָט מען זיך צו אים געווענדט, ער זאָל געבן געזונט און כחות, ער זאָל צושיקן פּרנסה, מען זאָל זיך קענען פאַרגרייטן צום ווינטער מיט אַ שוך, אַ בגד, מיט אַ זעקל קאַרטאָפל און אַנדערע נויטיגקייטן. און טאָמער האָט אויסגעפעלט, האָט מען עס אַנגענומען ווי אַ באַשערטע זאַך און שטיל געליטן אין דחקות.

און אינאיינעם מיט זיי האָט רחמיאל אויך געבראַכט דאָס שיינדל פון דער משפּחה — לייזער־וועלוועלען, רחמיאלס עלטער־פעטער.

אין שטעטל האָט דער פעטער געהאַט די גרעסטע שניט קראָם. דאָס גאַנצע געשעפט האָט געפירט דאָס ווייב, שיינע־רחל. זי האָט שוין באַלד נאָך דער חתונה איינגעזען, אַז צו ברייגגען חיונה טויג זיך איר לייזער־וועלוועל ווייניק אויס. האָט זי אַליין געטראָגן אויף זיך דעם עול פון פּרנסה. און ער איז גאַנצענע טעג געזעסן און געלערנט.

די גאַנצע משפּחה האָט זיך געגרויסט און געיחוסט מיטן פעטער, לייזער־וועלוועלען, און אויף יעדער שמחה איז ער געווען דער אויבענאָן.

די קרובים זענען טומלדיק אַריינגעפאַלן אין שטוב, וואו עס האָט זיי באַגעגנט די אָנגענעמע דערוואַרטונג פון אַן ערב־יום־טוב. און די גוטע ריחות פון געקעכצן. מען האָט נאָך אָבער געדאַרפט וואַרטן אויף גדליה׳ן, רחמיאלס איינציקן ברודער, אַ ייד אַ הוליאַקע, וואָס איז אַלע־מאָל געווען די נשמה פון דער שמחה.

ער איז טאַקע באַלד אויך אָנגעקומען אָנגעטאָן פון אויבן אין אַ פויערישע סערמיאַגע. ער האָט זי באַלד אַראָפּגעוואָרפן, און האָט גוט אויסגעווישט די בלאָטיקע שטיוול.

— נו, אַ וועג! אַ בלאָטע דערטרונקען צו ווערן! וואָס מאַכסטו, ברודער? מזל־טוב! און ער האָט זיך צעקושט מיט רחמיאלן.

דער מוהל איז באַלד צוגעטראָטן צו די הכנות פון ברית. מען האָט געבראַכט דאָס שלאָפענדיקע עופעלע אויף אַ ווייס קישעלע. מען האָט אים „געיידישט", אַ נאָמען געגעבן שלמה, נאָך דעם מאַמעס טאַטן.

דאָס עופעלע האָט זיך געריסן אויף זיין קולכל, אָבער זיינע געוואַלדן זענען פאַרטומלט געוואָרן פון מזל־טוב־ווינטשעוואַניעס. מען האָט גע־טרונקען בראָנפן און פאַרביסן מיט לעקאָך און טאָרט.

ערשט איצט, אַז מען האָט גענומען צו ביסלעך משקה, האָט זיך צעשפּילט דער אַפּעטיט. די ווייבער האָבן געגרייט צום טיש. מען

האָט זיך געוואַשן און געזעצט זיך צו דער סעודה. די גלעזלעך זענען ווידער אָנגעפילט געוואָרן און טאַקע באַלד לײדיק געבליבן. רחמיאל האָט זײ ניט געלאָזן לאַנג שטײן לײדיק. אַן אויפגעהײטערטער פון גליק און אַ צוואָרעמטער פון בראָנפן האָט ער געהאַלטן אין אײן אָנגיסן די גלעזלעך מיט משקה און בעטן זיך:

— טרינקט, ברידערלעך מײנע! טרינקט יידן! לחיים! לחיים!

די געסט האָבן זיך ניט געלאָזט בעטן. די משקה האָט לײכט גע־מאַכט דעם געמיט. אויס דאגות־פּרנסה, אויס זאָרג. ס׳איז פרייד בײַ יידן. נאָך אַ ייד איז צוגעקומען צו דער עדה. האָט מען ווידער גע־טרונקען און פאַרביסן מיט גוט מאַרינירטן הערינג, מיט געפילטע פיש, טאַקע פון אײגענעם סטאַוו געכאַפּטע און מיט געבראָטנס.

די ווײַבער האָבן געטונקען שטיקער טאָרט און לעקאַך אין ווײַן. זיך פאַסמאַקעוועט. און אַז מען האָט שוין געשטילט דעם הונגער, איז מען דורשטיק געווען צו הערן אַ וואָרט־תורה. און די אויגן האָבן אויסגע־קוקט צום פעטער, לײזער־וועלוועל.

דער פעטער, לײזער־וועלוול, האָט מיט צופרידנקייט דערפילט די בקשה. האָט זיך אויפגעשטעלט אין גאַנצער הויך. ס׳איז שטיל געוואָרן. ער האָט אַרײַנגענומען די באָרד אין האַנט און האָט אַרומגענומען אַלעמען מיט זײַן בליק. זײַנע אויגן, טיפע, קלוגע. די יאַרמאָלקע אויפן שפּיץ קאָפּ האָט פולער געמאַכט דעם ברייטן שטערן. און די לענגלעכע, גרוי־ענדיקע באָרד האָט נאָך מער צוגעגעבן אים הדרת־פּנים.

ער האָט אָנגעהויבן: „רבותי! עס שטייט אין פּסוק „וירא אליו ד׳ . . . כחום היום״ מאַכט רש״י: הוציא הקדוש ברוך הוא — חמה מנרתיקה . . . גאָט האָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפאַס, כדי ער זאָל אברהם אבינו נישט מטריח זײַן מיט קיין אורחים.

און ווײַל דער רבונו־של־עולם האָט געזען אַז אברהם אבינו איז זיך מצער וואָס עס קומען ניט קיין אורחים, האָט דער אויבערשטער גע־בראַכט צו אים מלאכים אין געשטאַלט פון מענטשן.

פון אברהם אבינו, רבותי, דאַרף יעדער ייד זיך אָפּלערנען, שטענ־דיק, אין אַלע צייטן, מקיים צו זײַן די מצוה פון הכנסת־אורחים. געווען איז אברהם אָבינו אַ מלך, אַ נביא, אַ זקן פון הונדערט יאָר. אַ חולה, ער איז דאָך, ווי מיר ווייסן, געווען דעם דריטן טאָג פון זײַן מל זײַן זיך. ער האָט אַפילו געהאַט אַ חשד אַז די דרײַ אָנגעקומענע אורחים זענען געצנדינער, פונדעסטוועגן, איז ער אַליין, נישט דורך קיין שליח, געלאָפן מקבל פּנים זײַן די דרײַ אורחים בסבר־פּנים יפות.

דערפון קענען מיר זען ווי גרויס עס איז די מצוה פון אַ ברית, אַז גאָט האָט אים געשיקט מלאכים פאַרשטעלט ווי מענטשן און זיי זאָלן זיך מיט אים משמח זיין״.

די יידן זענען געזעסן מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, אָפענע מיי־לער. געשלונגען יעדעס וואָרט.

אַז לייזער־וועלוול האָט געענדיקט, האָבן אייניקע געשמאָטשקעט מיט די ליפּן: „טייערע ווערטער. גאָלדענע רייד״. אַנדערע אָבער, האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געזוכט עמיצער זאָל זיי קלאָרער מאַכן די דרשה. און ניט געפינענדיק קיין הילף האָבן זיי געשוויגן. די אויגן האָבן אָן ווערטער גערעדט: „האָסטו געזען אַזאַ דרשענען? אונדזער פעטער, לייזער־וועלוול קען, ברוך השם! ער קען!״

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דער פאַרלאַנג צו דערהויבן זיך, צו קומען צו התרוממות האָט ניט געפונען זיין פולן תיקון. ניט אינגאַנצן באַפרידיקט געוואָרן. האָט עס דערפילט, אינם האַרצן, לייבל דער שניידער, אַ ייד וואָס האָט שוין געהערט צו די חסידים, האָט ער גענומען פאַרציען אַ ניגון.

די הערצער פון די פאַרהאָרעוועטע יידן, ווי אָנגעצויגענע האַרפן־סטרונעס, האָבן פלוצלונג אויפגעוואַכט, צום ניגון צוגעצויגן געוואָרן. צוגעקלאַפּט מיט די הענט צום טאַקט, און מיט די פיס צום ריטם, זיך געשאָקלט און געצויגן צוזאַמען דעם ניגון. באַלד זענען זיי נאָך וויטער געווען פון זייערע טאָג־טעגלעכקייטן, דער ניגון האָט זיי ווי אויף פליג־לען געהויבן הויך און העכער. האָט אָנגעפילט זייערע נשמות מיט מתיקות און בענקשאַפט — אַ בענקשאַפט נאָך רו, שלימות און פרייד.

גדליה האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ענג ביים טיש. ער האָט אַ פליעסקע געטאָן מיטן האַנט, ווי אַ צייכן צום טאַנצן, און ער האָט זיך אויפגעהויבן. מ׳איז פון די בענקלעך אויפגעשטאַנען, געמאַכט פּלאַץ, פאַרלייגט אָן אָרעם אויף אַן אַקסל און מען איז אַוועק אַ ריקודל.

די אָנגעהאָרבעוועטע יאָרן זענען פאַרשוואונדן. לייכט האָבן זיך די פיס געהויבן. יינגער און זיכערער, זאָרגלאָז און פריידיק...

ריווע־לאה, וועלכע איז געלעגן אין צווייטן צימער, אַרומגערינגלט מיט ווייבער, האָט וואָך זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין הויז. די טיר איז געווען אָפן. דער וויינענדיקער שלמה׳לע האָט זיך ענדלעך באַרואיקט און איינגעשלאָפן. און זי איז אינגאַנצן דורכגענומען געוואָרן מיט דער דאַנקבאָרער פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט די שטוב. איר האָט זיך געדאַכט, אַז שלמה׳לעס קומען אויף דער וועלט, וועט אַריינטראָגן

גאָר נייעם פרייד אין איר לעבן, וואָס איז לעצטנס פאַרטונקלט געוואָרן דורך איר שוואַכן געזונט.

די פּנים׳ער פון די וויבער, וואָס זענען איצט געווען מיט איר אין צימער, האָבן אויך געשיינט פאַר פרייד. אויך זיי האָט זיך געבענקט נאָך שמחה. אויך זיי האָט געצויגן צו טאַנצן. ס׳האָט זיך געוואָלט כאַטש אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן די דאגות, דעם שווערן עול פון חיונה און האָדעווען קינדער. פון אָנהויב האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט צופּליעס־קען מיט די הענט. נאָר לאַנג האָבן זיי זיך מיט דעם אַליין ניט צופרידנ־געשטעלט. זלאַטע, דער קימפּעטאָרינס מאַמע, האָט אָנגענומען אַ יונג ווײַבל פאַר די הענט און אַרויסגעפירט אין גרויסן צימער. די מענער האָבן מיט דרך־ארץ אַ וואַרע געמאַכט פאַר זיי. „די באָבע טאַנצט!“ און זיי האָבן געטאַנצט מיט אמת יוגנטלעכן חן.

אַזוי האָט מען זיך משמח געווען ביז פאַרנאַכט. די אָנקומענדיקע גרויקייט פון אָוונט האָט דערמאַנט, אַז ס׳איז צייט אַהיים צו פאָרן. האָט מען אָפּגעכאַפּט מנחה. נאָכאַמאָל געוואונטשן מזל־טוב די עלטערן און דעם נייעם יידן. מען איז אין די פורן איינגעשטיגן און געלאָזן זיך צוריק אין שטעטל.

אין שטוב איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, נאָר ניט אויף לאַנג. שלמה׳לע האָט זיך געלאָזט הערן. ריווע־לאה האָט אים איר ברוסט געגעבן און ער האָט זשעדנע געצויגן דער מאַמעס מילך, ווי ער וואָלט וועלן צוריקקריגן דעם פאַרלוסט פון כחות, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, בעת מען האָט אים געיידישט. די פילבאַרע נאָפּלען פון איר ברוסט, האָבן אויפגענומען מיט הנאה דאָס גיריקע צופּן פון זיינע קליינע ליפּעלעך. שטיל האָט זי אַ תפילה געפּליסטערט: „גאָט זאָל דיך, זונעלע, אויף זיינע וועגן פירן. זאָלסט אויסוואַקסן אַ גוטער ייד, זאָלסט זיין געזונט און שטאַרק! . . .“

קאַפּיטל צוויי

אַ וואָך נאָכן ברית איז ריווע־לאה אַראָפּ פון בעט. די מאַמע אירע, זלאַטע, האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן אַהיים צו דער אייגענער באַלעבאַ־טישקייט. זי האָט זיך צעקושט מיט דער טאָכטער. ריווע־לאה האָט זיך אויף איר ברוסט צעכליפּעט און רחמיאל האָט זיך געערגערט:

— ווערסט נאָך דאָס מילך איבערפירן. ס׳קען, חלילה, דעם קינד פאַרשאַדן.

די מאַמע האָט איר געגלעט איבער די האָר. האָט זי צוגעדריקט צו זיך.

— נאַרעלע, וואָס וויינסטו? זי האָט אָנגעקושט אָן אַ שיעור די אייניקלעך, צוגעקומען צום פּיצעלע שלמה׳לע און געקושט זיינע ראָזעווע הענטעלע, און זי איז אַרויס. רחמיאל איז אויך אַוועק זי באַגלייטן צום פור.

ריווע־לאה האָט אויסגעווישט די טרערן. זי איז אַ צייט געזעסן פאַרטראַכט, זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס האָט איר דאָס האַרץ אַזוי פאַרדריקט. די מאַמע איז דאָך דאָ ניט ווייט אין שטעטל. זאָל דאָס זיין פון שוואַכקייט? כאָטש זי האָט שוין דריי קינדער, דאָך פילט זי זיך אָפט קינדיש פאַרלאָרן. פילט, ווי ס׳איז גוט צובויגן דעם קאָפּ צו דער מאַמעס ברוסט און דערפילן אויף זיך דער מאַמעס באַ־רואיקנדיקע האַנט.

זי איז צו שלמה׳לעס וויגעלע צוגעקומען און לאַנג געקוקט אויפן שלאָפנדיקן זונעלע. ער איז וואָס אַ טאָג געוואָרן פולער, ליכטיקער.

פון דעם קליינעם נפש׳ל אין וויגעלע איז אין איר חיות געוואַקסן, עס איז פאַרשוואונדן די אָפּהענטיקייט, וואָס האָט איר געהאַלטן געצוימט אין שטענדיקער שוואַכקייט. זי האָט אין זיך אימפּעט דערפילט, צו טאָן עפּעס אין הויז, פאַרן קינד, אָבער ניט געוואוסט צו וואָס פריער זיך צו נעמען.

רחמיאל האָט זיך אומגעקערט אין שטוב און גלייך באַמערקט דעם איבערבייט אין ריווע־לאה׳ן. זיין באַזאָרגט פּנים האָט זיך אויסגעליי־טערט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ווייב. זי האָט ווי אַ קינד אויס־קעזוען קעגן אים, דעם הויכן, פול לייביקן. ער האָט זיין האַנט אויף איר פּלייצע געלייגט. די אויגן זייערע, פול מיט וואַרעמע ליכט, האָבן זיך

באַגעגנט. ווי געצויגן פון איין געפיל, זענען זיי ביידע געבליבן שטיין לעבן דעם שלאָפנדיקן שלמה׳לע.

— ער שלאָפט נאָך אַלץ, דער בחור ?! נו, שלאָף, שלאָף, זונעניו!

— האָט ער געדעדט סתם ווערטער, ניט קענענדיק איינהאַלטן דעם אָנ־קוועל פון ליבשאַפט. אָנבויגנדיק זיין קאָפּ צו דער ווייב, האָט ער מיט די הייסע ליפּן באַרירט איר שטערן, און ווי ער וואָלט זיך ניט פאַרגונען מער, איז ער אַרויס אין מיל.

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען טיפער אָסיען מיט פאַרכמורעטע, נידעריקע הימלען. מיט רעגנס און פייכטקייט, מיט רויער קעלט, וואָס האָט דורכגענומען די ביינער. אָבער אינעווייניק איז דאָס לעבן פון דער משפחה געוואָרן פולער און וואַרעמער. יעדן טאָג האָט די מאַמע דערזען עפּעס אַ נייעם חידוש אין שלמה׳לען. ריווע־לאה האָט זיך ווי אַ פאַרנומענע קוואָקע געטראָגן איבערן שטוב. דאָס האַרץ איז געווען פול אָנגעקוואָלן: דאָ האָט דאָס קינד אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגעלעך, ווען ער האָט דערזען אַז די מאַמע האַלט אַ שיסעלע מיט קאַשקע. און די מאַמע איז געווען זיכער, אַז עס פאַרשטייט שוין . . . דאָ האָט דאָס קינד געמאַכט אַ מינעלע — ניט אַנדערש, אַז ער שמייכלט שוין צו איר, און דאָ האָט עס מיט די פּוכקע, וואַרעמע הענטעלעך אַריינגעכאַפּט איר נאָז און פון דעם באַריר איז זי אָנגעפילט געוואָרן מיט גליק־זעליקייט . . .

זי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. האָט זיך צעבליט, געוואָרן פולער און די באַקן האָבן באַקומען דעם פריערדיקן מיידלשן ראָזעווון קאָליר. זי האָט ניט פאַרשטאַנען פונוואַנעט האָט זיך עס גענומען. דאָס איז דאָך געווען דאָס פּערטע קינד אירס. און אפשר האָט זיך עס גענומען פון רחמיאלס באַנעמען זיך מיט איר?

איר פריערדיקע שוואַכקייט און קרענקען האָט דערווייטערט מאַן און ווייב. איצט איז ער געוואָרן מער צוגעלאָזן, און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי באַלד נאָך זייער חתונה. און ניט נאָר זי, נאָר אויך ער איז געוואָרן יונגער, שטאַרקער. און אין די נעכט פלעגט ער, מיט דער אַמאָליקער יוגנטלעכקייט, איר צערטלען, קושן און זי מיטרייסן מיט זיין ליידנשאַפטלעכקייט.

דער געוויינלעכער גאַנג פון טעג האָט איצט ביי רחמיאלן באַקומען מער תוכן. ער האָט געזען פאַר זיך אַ קלאָרן ציל. ער דאַרף די קינדער מגדל זיין, זיי זאָלן זיין לייטישע מענטשן. און ווען ער האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט ער מיינסטנס אינזינען געהאַט דעם קליינעם שלמה׳לען. וואָרום ווען די מיידלעך וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי, אם־ירצה־השם,

קריגן זייערע באַשערטע און מיט מזל חתונה האָבן. אָבער שלמה׳לע? שלמה׳לע איז עפּעס אַנדערש! . . .

די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן האָט שלמה׳לע פאַרבראַכט צווישן די ווענט פון שטוב, אין הויף און נאָענט צום מיל. אַרומגערינגלט מיט טאַטע־מאַמעס ליבשאַפט און איבערגעגעבענער אויפמערקזאַמקייט פון זיינע שוועסטער, האָט שטענדיק עמיצער געוואַכט איבער אים, ער זאָל, חלילה, ניט שטיין צו נאָענט צום וואַסער, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון בריק.

דער פינפטער ווינטער האָט געהאַלטן אין אָפּגיין . די פענצטער פון שטוב, וואָס זענען פאַר וואָכן־לאַנג באַוואָקסן מיט אייז־קוויטן און מיט שניי־ווייסן פּוך אויף זיי, האָבן גענומען אָפּלאָזן. די טעג זענען געוואָרן לענגער און די זון האָט געשמאָלצן דאָס אייז. מען האָט שוין געקענט זען פון אינעווייניק, ווי די ווייט פאַרשפּרייטע איינטאָניקע ווייסע וועלט, הויבט אָן צו אַנטפּלעקן זיך אין פאַרשידענע קאָלירן. דער שניי אויף די העכערע ערטער איז שנעלער צעגאַנגען און אָפּגעדעקט שטיקער טונקל רויטע ערד. און דאָרט, וואו דער שניי האָט זיך נאָך געהאַלטן, האָט ער שוין פאַרלאָרן זיין פינקלדיקע ווייסקייט. איצט האָט ער אויסגעקוקט שמוציק גרוי און געלב, ווי פאַרשימלטער אַנוואוקס פון שטייענדיקן וואַסער. דאָס אייז אויפן סטאַוו איז שוין אויך ניט געווען אַזוי שטייף און דורכזיכטיק־בלוי, ווי פריער. דאָס צוגעקומענע וואַסער האָט אים אויפגעבלאָזן.

שלמה׳לע, וואָס האָט נאָך ביז דאַן ניט געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן פּראַכט און פרייד פון דעם ברייטן, אָפענעם אַרום, איז געוואָרן מאָדנע וואַך צום אַנקומענדיקן פרילינג. מיט גיריקער געשפּאַנטקייט האָט ער געוואַרט ער זאָל שוין קענען אַרויסלויפן אין דרויסן. ער איז געווען פריידיק איבעראַשט, ווען דער גרויסער באַטשאַן איז געקומען צוריק צופליען אין זיין נעסט אויפן בוים, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער פון זייער שטוב אויפן בערגל.

— מאַמע! מאַמע! דער באַטשאַן איז שוין דאָ! — איז ער אַריינגעלאָפן צו איר אין קיך אינגאַנצן צעכוואַליעט פון פרייד, וואָס דער גרויסער, מאָדנער פויגל האָט זיך אונדערוואַרטעט באַוויזן.

— טאַקע?! שוין געקומען? נו, באַלד וועט שוין זיין גאַר גוט, וועסט אויפלעבן אין דרויסן. און דאָס ניי געבאָרן קעלבעלע ווילסטו זען? קום!

זי האָט אים אָנגענומען ביים האַנט און געפירט אין שטאַל, וואו אויפן שטרוי איז געלעגן, צוזאַמענגעדרייט אין אַ קנויל, אַ דאַר קעלבל.

שלמה׳לע איז צו דעם קעלבל צוגעקומען, באַטראַכט איר גלאַנציק־ברוינע פעל, און זיך אָנגעבויגן אַ גלעט טאָן.

האָט דאָס קעלבל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אים אומקלאָר אָנגעקוקט און געפּרוּווט זיך שטעלן אויף די פיס. שלמה האָט זיך דערשראָקן און זיך אָפּגערוקט.

— האָב קיין מורא ניט, זונעלע! אַ שטום באַשעפעניש. איז נעבעך הונגעריק. מען וואָלט זי באַדאַרפט צולאָזן צו דער קו.

מיט אַ מאָדנעם ציטער אין האַרצן האָט שלמה׳לע אויפגענומען יעדע נייע דערשיינונג פון פרילינג. אָט איז שוין דער אייז געבראָכן. דער טאַטע שטייט מיט אַן אייזערנעם פּרענט לעבן די זאַסטאַווקעס און קרישלט די גרויסע קריעס. שלמה׳לע שטייט לעבן פאָטער און אים ווילט זיך אים אַרויסהעלפן. נעמט ער אַ שטעקן און שטורכעט אַרונטער די אייז־פלאַכן.

— אַוועק פון די זאַסטאַווקעס! ווערסט נאָך, חלילה, אַריינפאַלן אין וואַסער! — טרייבט אים דער טאַטע.

ניט אַן פּאַרדרוס גייט שלמה׳לע אָפּ.

און דער פרילינג גאַלאָפּירט מיט נייע חידושים. אָט האָבן זיך די לאָנקעס באַצירט מיט יונגן גרינעם סאַמעט, באַשפּריצט מיט געלע בלימעלעך. אָט זענען אָנגעקוואָלן די פּוקעלעך אויף די צווייגן פון דיביימער. מען זעט שוין די שפּיצן פון יונגע בלעטער. אָט האָבן זיך אומגעקערט די פויגלען צו די אַלטע נעסטן. זיי האָבן אָנגעפילט די לופט מיט זייער ברויזנדיקער טשוויטשעריי. איצט האַלטן זיי אין פאַר־ריכטן און בויען זייערע נעסטן. פליען אַוועק און קומען באַלד צוריק מיט שטרויעלעך, הינערשע פעדערלעך. אָט האָט דאָס ענטל אויסגע־בריט די אייער און די יונגע קאַטשקעלעך האָבן אָנגעפילט דעם הויף מיט פריילעכער קוואַקעריי. די מאַמע ענטל האָט זיי געפירט אין קלאָרן טייך און זיי זענען אומדערשראָקן איר נאָכגעשוואומען.

און וואָס אַ טאָג אַלץ נייער צויבער און נייע פריידן. שלמה׳לע האָט ליב געהאַט אויסצוציען זיך ביים ראַנד פון טייך, קוקן אין קלאָרן וואַסער אַריין, באַטראַכטן דעם גרונט אין סטאַוו און די פישעלעך, וואָס שווימען אַרום ביים ברעג.

אַ נייע וועלט פול מיט אַנטפּלעקונגען.

שלמה׳לע האָט אויך ליב געהאַט צו זיצן הינטערן בריק, וואו דאָס וואַסער פאַלט פון דער קאַרעטע אין די רעדער. די זון שפּילט זיך דאָרטן מיט די וואַסער שפּריצן.

דער זשום פון די דרייענדיקע רעדער, דאָס שטענדיקע פליעסקען פון פאַלענדיקן וואַסער טראָגט אים, שלמה׳לען אַוועק ווייט, ווייט צו די האָריזאָנטן פון אַרום. דער טייך שלענגלט זיך צווישן קוסטעס און בוימלעך. פון ביידע זייטן טייכל — לאָנקעס. און אַביסל העכער פעלד נאָך פעלד פאַרזייט.

אָט די ווייטקייט פון לאָנקעס און פעלדער ציט אים ווי אַ צויבער. ער נעמט אַ לאַנגן שטעקן צווישן די פיס, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער רייט אויף אַ פערדל און לויפט אַרום איבער די פעלדער און לאָנקעס ביז ער קומט צום וואַלד.

דאָ בלייבט ער שטיין. אין וואַלד האָט ער מורא צו גיין, ווייל דער טאַטע האָט אים געזאָגט, אַז ער טאָר אין וואַלד אַליין ניט גיין, דאָרט געפינען זיך בערן, וואָס כאַפּן אַוועק קליינע קינדערלעך און עסן זיי אויף.

— פאַרוואָס כאַפּן די בערן די קליינע קינדערלעך? — האָט ער איינמאָל אַ פרעג געטאָן זיין טאַטן.

— זיי כאַפּן אַוועק בלויז שלעכטע אינגלעך, וואָס לערנען ניט קיין תורה.

שלמה׳לע האָט זיך פאַרטראַכט. אים וועלן די בערן ניט טשעפּען, ווייל ער קען שוין אויף אויסנווייניק קריאת־שמע און זאָגט עס יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין. דערצו וואָלט ער, פון זיכערקייט וועגן, גע־נומען זיין שטיינוואַרפער.

שלמה׳לע האָט שוין אַליין געמאַכט זיך אַ שטיינוואַרפער פון אַ שטיקל לעדער. ער האָט געזען אַזאַ שטיינוואַרפער ביי דעם שכנ׳ס אינגל, ביי יאַנעקן. האָט שלמה׳לע ניט גערוט. פון אַן אַלטן שטיוול האָט ער אויסגעשניטן אַ לאַנגן פאַס לעדער. האָט געמאַכט אַ וואַרפער. ער האָט אַריינגעלייגט אַ שטיינדל, האָט צעוויגט זיין האַנט.

דער וואַרפער האָט זיך אַן עפן געטאָן און דער שטיין איז מיט אימפעט געפלויגן העט ווייט, אַזש ביז אויף דער אַנדערער זייט סטאַוו. שלמה׳לע האָט מיט שטאָלץ נאָכגעקוקט דעם פלי פון שטיינדל און ווי אַ העלד געשמייכלט צו זיינע מיטשפילער: מאַרוסקען, יאַנעקן און סטאַשעקן.

זעענדיק דעם זון זיינעם אַרומיאָגן זיך מיט שקאָצימלעך, האָט דער פאָטער, רחמיאל, גענומען אַלץ מער פאַרטראַכטן זיך, צי איז שוין ניט צייט, אַז שלמה׳לע זאָל אָנהויבן גיין אין חדר. ער וואָלט אים באַדאַרפט אַוועקפירן אין שטעטל, ער זאָל דאָרטן שטיין מיט דער באָבען און לערנען אין חדר, איז אָבער די שוויגער פאַרנומען מיט פרנסה אין

מאַרק. און ערגעץ אַנדערשוואו באַשטעלן אים, האָט זיך ניט געוואָלט. שלמה׳לע איז נאָך קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען, און דער טאַטע האָט ניט געוואָלט שיידן זיך מיט אים.

ס׳האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז עס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיי אַן אורח, אַן אָרעם ישיבה־בחורל, וועלכער איז צופוס געגאַנגען אין אַן אַנדער ישיבה. ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין טיר מיט זיין קלומיקל אויף דער פּלייצע און געבעטן מען זאָל אים לאָזן דאָ איבערנעכטיקן.

ריווע־לאה האָט אָנגעקוקט דעם בחורל. ער איז געווען דאַר, הויט און ביינער און דאָס פּנים בלאַסלעך־גרין. אויסגעקוקט האָט ער נאָך גאָר ווי אַ קינד.

מיט איר מאַמיש האַרץ איז זי צו אים צוגעצויגן געוואָרן. האָט אים איינגעלאַדן אין שטוב, געבעטן וואַשן זיך און זעצן זיך צום טיש.

דאָס ישיבה־בחורל האָט דאָס קלומיקל אין אַ ווינקל געלייגט און איז אַוועק אין פּאַרהויז, וואַשן זיך.

ריווע־לאה האָט דערוויל דעם טיש געגרייט. אַ טישטוך אויסגעשפּרייט. אַוועקגעשטעלט מילך, קעז און פּוטער. דערלאַנגט אייגן־געבאַקן ברויט. אויפגעשלאָגן אייער און זיך אַוועקגעשטעלט פּרעגלען אַ פּיינקוכן אויפן דרייפוס.

ווען דאָס ישיבה־בחורל איז אַריין אין שטוב, האָט אים אין נאָז אַ שלאָג געטאָן דער געשמאַקער ריח פון געפּרעגלטס. ער האָט דערזען דעם געגרייטן טיש, איז ער קינדעריש צעטומלט געוואָרן: צי איז דאָס טאַקע פאַר אים געמיינט? ער האָט אַ בליק געטאָן צו דער באַלעבאָסטע. זי האָט אים וואַרעם אָנטקעגן געטראָגן אַ שמייכל. פון איר גוטסקייט האָט אים דאָס האַרץ פאַרדריקט און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די ווינקלען פון די אויגן.

אין זיין לעבן האָט ער, חיים׳ל, נאָך אַזאַ מאָלצייט ניט געזען. פון קינדוויז אָן האָט ער געוואוסט נאָר פון דחקות און נויט. אין תלמוד־תורה האָט אים דער מלמד געליבט פאַר זיין חשק צו לערנען און האָט אים דערמוטיקט ער זאָל אַוועקפאָרן אין דער פרעמד, אין אַ ישיבה. נישט־קשה, ער וועט ניט פאַרפאַלן גיין. יידן זענען בני־רחמנים. מען וועט אים שוין באַזאָרגן מיט טעג און אויסקומעניש.

חיים׳ל איז אַוועק אין אַ שטעטל און געלערנט אין אַ ישיבה.

מיט אויסקומעניש איז אים אָבער אָנגעקומען שווער. קיין קרוב און גואל האָט ער, חיים׳ל אין שטעטל ניט געהאַט. און טעג האָט ער געקראָגן ביי אָרעמע באַלעבאַטים. אין אייניקע משפּחות פלעגן נאָך די ווייבער דאַרפן אַרויסהעלפן אין ברענגען פּרנסה. און דאָרטן פלעגט

מען געבן אַ דרייער, צי אַ פירער און פּטור. זאָל ער זיך אַליין קויפן שפּייז. פלעגט אים אויסקומען צו עסן טרוקן ברויט. אַ מאָל, אין אַ יובל, האָט ער זיך פאַרגונען צו עסן ברויט מיט אַן אוגערקע און ראָסל, אָדער אַ שטיקל הערינג מיט אַקרעפּ. אַ גלאָז טיי מיט צוקער איז געווען אַ חלום.

און אָפּטמאָל פלעגט די באַלעבאָסטע, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג מיט אויסקומעניש פאַר די אייגענע קינדער, שילטן די אָרעמקייט: „וואָס זאָל איך אים געבן? אַז די אייגענע מיילער צו פאַרשטעלן, ווערט מען אויסגעריסן״.

חיימ׳ל פלעגט דאַן שטילערהייט אַרויס׳גנב׳ענען זיך, אַוועקגיין און הונגערן אַ גאַנצן מעת־לעת.

איצט האָבן זיך ביי דעם ישיבה־בחורל די אויגן צעלאָפן פון אַלע גוטע זאַכן אויפן טיש. ער האָט זיך גענומען צו דער אכילה. פון אַנהויב שעמעוודיק, צוואַרפנדיק אַ בליק צו דער באַלעבאָסטע, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון. דערנאָך איז ער אַריינגעטאָן געוואָרן אינ־גאַנצן אין עסן. און יעדעס מאכל האָט זיך אים אויסגעוויזן מאָדנע באַ׳טעמ׳ט. ס׳איז זיך צעגאַנגען אין די גלידער, און ס׳האָט זיך גע־וואָלט נאָך און נאָך.

ריווע־לאה, צוזעענדיק ווי הונגעריק דער אורח איז, האָט צוגעטראָגן נאָך מילך און קעז.

אָפּגעגעסן צו זעט, האָט חיימ׳ל זיך אָפּגערוט אַביסל. אָפּגעבענטשט און באַדאַנקט דעם רבונו־של־עולם און די באַלעבאָסטע. דערנאָך אַרויס אין דרויסן.

דער ברייטער סטאַוו, דער טייך, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט, די אָפענע וועלט פון פאַרזייטע פעלדער און די רואיקייט האָט אים פאַר־כאַפּט. ער האָט זיך אונטער אַ בוים אויפן גראָז אויסגעצויגן און דער־פילט, ווי גוט עס איז אַז מען איז זאַט, און ווי וואונדערלעך שיין גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן. ער האָט שוין פאַרגעסן זיין ציל צו גיין אין אַן אַנדער ישיבה אַריין, ער וואָלט דאָ געוואָלט רוען און רוען.

האָט חיימ׳ל שפּעטער געפרעגט: צי וואָלט ער דאָ געקענט בלייבן אַביסל לענגער. ער וועט, חלילה, ניט עסן דאָס ברויט אומזיסט. ער וועט דעם באַלעבאָס אַרויסהעלפן אין מיל, אָדער לערנען מיט די קינדער.

ריווע־לאה׳ן און רחמיאל׳ן איז דאָס שטאַרק געווען צום האַרצן. און דער ישיבה־בחור׳ל, חיימ׳ל, איז פאַרבליבן ביי זיי און אָנגעהויבן צו לערנען מיט די מיידלעך אַלף־בית. אַז ער זאָל אויך לערנען מיט

שלמה׳לען, איז דעם טאַטן ניט איינגעפאַלן. פאַר אים, שלמה׳לען, דאַרף מען אַן אמת־גוטן מלמד, ניט קיין יינגל. נאָר שלמה׳לע האָט דווקא ליב געהאַט צו זיצן ביים טיש און צוהערן זיך, ווי די שוועסטער לערנען. האָט געטראָפן אַז ווען די יונגערע שוועסטער האָט ניט געוואוסט ווי מען זאָגט קמץ בית, האָט שלמה׳לע געענטפערט: „באָ״.

און גראָד איז דעמאָלט דער טאַטע געשטאַנען ביי דער האַלב אָפּע־נער טיר און זיך צוגעהערט ווי דער יונגער מלמד לערנט מיט די קינ־דער. האָט שלמה׳לעס ענטפער דעם פאָטער אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט ראַפּטום אַן עפן געטאָן די טיר, איז צוגעגאַנגען צום זונעלע און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

דאָס ישיבה־בחורל, חיימ׳ל, איז שוין פאַרבליבן ביי רחמיאל דעם מילנער ביז די ימים־טובים. ער האָט אויסגעלערנט די מיידלעך צו־זאַמענשטעלן ווערטער און שרייבן. שלמה׳לע האָט זיי אָבער ווייט אי־בערגעיאָגט. ער האָט שוין געקענט זאָגן עברי אין סידור.

רחמיאל איז געווען שטאָלץ מיט זיין שלמה׳לען. און ווען דער ישיבה־בחורל, חיימ׳ל, איז אַוועקגעפאָרן, האָט מען אים פיין באַלוינט. ריווע־לאה האָט די גאַנצע צייט, פון זיין פאַרהאַלטן זיך ביי זיי, אים גוט צוגעזען. חיימ׳ל איז פולער געוואָרן אין לייב, די באַקן האָבן זיך אָנ־געגאָסן מיט קאָליר, און ער האָט, דאַכט זיך, אַ צי־געטאָן זיך אַרויף, ער איז אונטערגעוואָקסן.

ריווע־לאה האָט אויך חיימ׳לס קלומיקל פולער געמאַכט מיט עט־לעכע שטיקלעך וועש, אַ פּאָר העמדלעך, שקאַרפּעטקעס און רחמיאל האָט ערגעץ אָפּגעקויפט אַ מציאה, אַ פּאָר געטראָגענע שטיוועלעך, פונקט דעם בחור׳ס מאָס.

אויף די ימים־נוראים איז רחמיאל, ווי אַלעמאָל, געפאָרן מיט דער משפחה אין שטעטל.

געקומען מיטן טאַטן ראש השנה אין שול איז שלמה׳לע געבליבן שטיין פאַרלאָרן און צעשראָקן.

די גרויסע שול, פול געפּאַקט מיט דאַוונענדיקע יידן. די טליתים פאַרוואָרפן איבער די קעפּ. אין די הענט גרויסע מחזורים, האָבן זיי מיט משונהדיקע העויות געשאָקלט זיך און פון יעדן ווינקל האָט זיך געהערט אַן אימה׳דיק קרעכצן, אַ געוויין, זאָגנדיק דעם זוהר פון פאַר תקיעת שופר: „בחודש השביעי באחד לחודש: רבי יצחק פתח״ . . .

און מיטאַמאָל דערהערט ער פונדערהויך אַ פרויען־קול. אירע ווער־טער האָבן זיין האַרץ געפאַנגען מיט זייער היימישקייט. אַזוי האָט די מאַמע געלייענט, אַמאָל אין אַ שבת, דעם טייטש־חומש. ער האָט זיך

צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון דער תחינה־פאַרזאָגערין, וואָס איז געקומען פון דער ווייבער שול, וועלכע האָט מיט אַ וויינענדיק קול געלייענט: „זכור, געדענק אונדז, ליבער גאָט, דעם זכות פון די אַלע צדיקים און צדקניות, וואָס זיינען געווען פון אדם הראשון ביז היינטיקן טאָג, אַז זייער זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין, אַז דער גואל צדק זאָל שוין קומען און עס זאָל זיין תחית המתים און מיר זאָלן שוין הערן דעם שופר של משיח במהרה בימינו, אָמן״.

פון מאָל צו מאָל האָט זיך פון די ווייבער שול דערהערט אַ מוראדיקע יללה. יידן מיט לאַנגע בערד האָבן מיטגעוויינט.

שלמה׳לע האָט זיך פאַר שרעק צוגערוקט צום טאַטן און אין דער זעלבער צייט געקוקט צו דער טיר, וואו ער וואָלט זיך גערן אַרויסגעכאַפּט, אָבער ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט. באַלד איז דער רב מיטן בעל־תוקע, אין די קיטלען און טליתים, אַרויף אויף דעם באַלעמער. דער בעל־תוקע האָט געהאַלטן דעם שופר אין האַנט און מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן זיבן מאָל דאָס קאַפּיטל תהלים: „למנצח לבני קורח מזמור . . .״

— נו, נו־זשע, דאַווען! — האָט דער טאַטע געוויזן שלמה׳לען אין אָפּענעם מחזור וואָס צו זאָגן.

גאָטספאַרכטיק, מיט אַ מאָדנעם געפיל פון אונבאַגרייפלעכן, פרעמדן אַרום, האָט שלמה׳לע פּרובירט זאָגן די תפילות.

גלייך נאָך ראש־השנה האָט רחמיאל ביי זיך אָפּגעמאַכט צו געפינען אין שטעטל, פאַר שלמה׳לען, אַ לייטישן מלמד און נעמען אים צו זיך אין מיל, מעג דאָס אים קאָסטן מי יודע וויפיל.

מען האָט אים נאַראַיעט צו נעמען — זאַנוולען, יאַנקל דעם רימערס איידעם.

יאַנקל דער רימער האָט גענומען פאַר זיין טאָכטער אַן איידעם, אַ לערנער. ער האָט דאָס יונגע פאָר־פאָלק צוגעזאָגט דריי יאָר קעסט. דער איידעם זאָל זיצן אין בית־מדרש און לערנען. אָבער איצט איז פרנסה געווען ביי אים געשלאָגן און אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקותן, וועלכע האָבן זאַנוולען זייער ווי געטאָן. אַ קינד איז געקומען און זאַנוול האָט געוואָלט אַליין מפרנס זיין די משפחה. אָבער צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? איצט, אַז רחמיאל דער מילנער האָט אים געוואָלט פאַר אַ מלמד, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם.

ער האָט צוגעזאָגט צו קומען און פאַרהערן שלמה׳לען.

ווען די באָבע, זלאַטע, האָט דאָס דערהערט, איז ביי איר געוואָרן אַ גרויסע גדולה. ניט באַשערט איז איר דער נחת פון ברייננגען שלמה׳־

לען אין חדר. וואָס קען מען טאָן? אַז מען וואוינט אָפּגעריסן פון יידן, וועט זי היינט מאַכן פון דעם פאַרהערן אַ גאַנצע שמחה.

די שטוב איז געווען צוגעראַמט. דער טיש יום־טובדיק געדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. די מעשענע לייכטער אָפּגעפּוצט. די ברענענ־דיקע ליכט האָבן געמאַכט דעם מיטנוואָך, מער יום־טובדיק. זי האָט פאַרבעטן נאָענטע משפחה. אין שטוב איז געוואָרן לעבעדיק.

שלמה׳לען, אַביסל אַ צעשראָקענעם, האָט מען אָוועקגעזעצט אויבענאָן.

און אָט איז געקומען דער רבי, זאַנוועל. אין האַנט האָט ער גע־האַלטן זיינע מכשירים: אַ סידור און אַ ביינערנעם טייטל.

זאַנוועל איז צוגעקומען צו זיין תלמיד. אויף זיין יונגן, בלאַסן פּנים, איינגעראַמט אין אַ שיטער ברוינלעך בערדל, איז געלעגן דער גאַנצער ערנסט פון דער אויפגענומענער עובדה — מדריך זיין דעם יונגען דור.

ווען ער האָט אויפגעכאַפּט די צעשראָקענע אויגן פונם קליינעם שלמה׳לען, האָט ער צו אים וואַרעם אַ שמייכל געטאָן. האָט אויפגע־עפנט דעם סידור און מיטן טייטל געוויזן שלמה׳לען וואָס צו לייענען.

שלמה׳לע האָט פּאַמעלעך, אָבער אָן גרייזן, אָפּגעלייענט די עטלעכע שורות.

די מאַמע און די באָבע זענען געשטאַנען שטראַלנדיקע, מיט צע־נויפגעלייגטע הענט. די מאַמע האָט שטיל תפילה געטאָן: „ווי די ליכט לייכטן, אַזוי זאָלן דיינע אויגן, זונעלע, לייכטן אין דער תורה״.

אַ צופרידענער האָט זיך דער מלמד אויפגעהויבן. געדריקט רחמיאל האַנט:

— „ס׳ייִנגל האָט קענטיק אַ גוט קעפּל. איר וועט פון אים אַ סך נחת האָבן. איך וועל, אם־ירצה־השם, פון אים מאַכן אַ מענטש. אין עט־לעכע חדשים אַרום וועט ער שוין ביי מיר לערנען חומש״.

מען האָט צום טיש דערלאַנגט משקה און צובייסן. מען האָט גע־טרונקען און געוואונטשן טאַטע־מאַמען, זיי זאָלן דערלעבן צו פירן זייער קינד צו דער חופה און האָבן פון אים אַ סך נחת.

און שלמה׳לען האָבן די געסט געקניפּט אין די בעקעלעך: „אַ גוט יינגל, האָט אַ גוט קעפּל״.

***

באַלד נאָך סוכות איז זאַנוועל געקומען צופאָרן אין רחמיאל׳ס שטוב און אָנגעהויבן צו לערנען מיט די קינדער.

אין דרויסן איז געשטאַנען טיפער אָסיען, מיט נאַקעטע פעלדער, הוילעביימער און נידעריק כמורנעם הימל. זאַנוול האָט אַרומגענומען מיט די אויגן דעם גאַנצן טריבן אַרום, דעם סטאַוו, וואָס האָט זיך גע־רינצלט אונטערן ווינט, און אים איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן.

ער האָט זיך פלייסיק, מיטן גאַנצן האַרצן אָפּגעגעבן מיט לערנען די קינדער און האָט אָנגעקוואָלן פון דעם קליינעם שלמה׳לען.

אָבער אָפּגעלערנט מיט די קינדער, האָט זאַנוול ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט ניט געהאַט קיין סך וואָס צו ריידן מיט ריווע־לאה׳ן. און רחמיאל איז שטענדיק געווען פאַרנומען. די ווענט פון שטוב האָבן זיך אָנגעלייגט אָן אים און געדריקט. און אנטרינען צו ווערן איז ניט געווען וואוהין.

ער האָט דאָס זעלבע אויך אָפט געפילט אין שטעטל. דאָרטן, אַז עס פלעגט אים פּלוצים ענג ווערן אין שטוב, פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין בית־מדרש. דאָרטן פלעגט ער טרעפן נאָך אַזעלכע ווי ער, ווענען די אויסגאַנגלאָזע וואָכעדיקייט האָט געדריקט. איצט אָבער, אַז ס׳פלעגט אָנקומען די ענגקייט, פלעגט ער לאַנג שטיין ביים פענצטער און קוקן אין דעם כמורנעם אַרום, ווי ער וואָלט דאָרטן ווען דערזען אַ ליכט־שטראַל פון אויסוועג.

מיד געוואָרן פון שטיין ביים אומעטיקן דרויסן, פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו אַ בלאַט־גמרא.

אין דעם אומעטפולן ניגון פון דער גמרא האָט זיך געפילט דאָס געוויין פון אַ יונגער נשמה, וואָס איז אין קלעם. זאנוועל האָט געפילט די באַדנלאָזיקייט פון זיין לעבן און ניט געקענט דערטראַכטן זיך צו עפּעס אַן אויסגאַנג.

אויך איז געווען אַ נשמה־ווײ אין דעם מאָדנעם זינג־זאַנג, מיט וועלכן ער האָט געלערנט חומש מיטן קליינעם שלמה׳לען.

דער זינג־זאַנג האָט שלמה׳לען אַוועקגעטראָגן אין אַ ווייטער וועלט. אַ וועלט, וואָס איז געווען גאָר אַנדערש פון דער קאָלטער, איינטאָניקער פּאַנאָראַמע אין וועלכן די ערשטע שנייען האָבן פאַרוואַנדלט דעם אַרום. ער האָט געזען פאָר זיך ברייטע אָפענע שטרעקעס פון גרינעם לאַנד, באַגאָסן מיט גליענדיקער זון, אויף וועלכע עס האָבן געוואַנדערט די קעמל־קאַראַוואַנען פון די אָבות.

שלמה׳לע האָט זיך געמאָלן די אָבות: הויכע, ברייט־פּלייציקע, מיט אָפענעם זיכערן בליק אין די אויגן. די פנים׳ער פאַרברענט פון זון, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן אויסטערלישן טראַכט און מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט.

זיין פֿאַנטאַזיע האָט אויך געמאָלן פֿאַר זיך די אונענדלעכע סטאַדעס קי און שעפּסן, וואָס יעקב אָבינו האָט געטריבן צום ברונעם. און זיי פֿאַרגליכן מיט דער טשערעדע, וואָס דער פּאַסטוך, יוזעק טרייבט אין פֿעלד.

נאָר ווען שלמה׳לע פֿלעגט אינמיטן פֿון זיינע חלומות אַרויסכאַפּן זיך אין דרויסן, פֿלעגט דאָס אַלץ צערונען ווערן. ס׳איז שוין געשטאַנען קאַלטער ווינטער, און אין דער לופֿט איז געהאַנגען די בייסיקע פּייכט־קייט פֿון אַנקומענדיקן שניי.

דאָס בילדביים טייכל, וואו די גויעס זענען געשטאַנען און מיט הילצערנע פּראַניקעס געקלאַפּט איבער שטיקער גרעט, איז אים אויך געווען אַלט באַקאַנט. פֿלעגט ער זיך לאַנג אין דרויסן ניט פֿאַרהאַלטן, נאָר לויפֿן צוריק אין שטוב צום לערנען און צו די וואונדערלעכע מעשה׳לעך פֿון חומש.

און איינמאָל, דאָס איז שוין געווען שפּעטער, אין אָנהויב זומער, ווען ער האָט געלערנט די מעשה מיט יוספֿן און זיינע ברידער, האָט אים די מעשה אַזוי פֿאַרכאַפּט, אַז ער האָט ממש געזען פֿאַר די אויגן דעם קאַראַוואַן־בעדואינער, וואָס האָט אַוועקגעפֿירט יוספֿן צו פֿאַרקויפֿן אים פֿאַר אַ קנעכט.

ער האָט געטראַכט: „ווען איך וואָלט געווען יוסף, וואָלט איך אַנטלאָפֿן פֿון גרוב און ניט געלאָזן זיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ שקלאַף“.

די מעשה מיט יוספֿן האָט אים לאַנג געהאַלטן געשפּאַנט. און תיכף נאָכן עסן, ווען דער רבי, זאנוועל, האָט זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרעמל, האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פֿון שטוב און איז אַוועק צו די קינדער: יאַנעק, סטאַשעק און מאַרוסקע, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין פֿערדלעך.

— שליאָמעק! שפּיל דו מיט מיר אין פֿערדלעך! האָט מאַרוסקע, ווען יאַנעק און סטאַשעק האָבן ניט גערן געהאַט, געבעטן.

שלמה׳לע איז געבליבן שטיין. ער וואָלט זיך גריילעך געשפּילט מיט מאַרוסקע׳ן, אָבער די מעשה מיט יוספֿ׳ן גייט אים ניט אַרויס פֿון זינען. און ער גיט אַ זאָג:

— כ׳האָב אַ שיינע מעשה. איר ווייסט די מעשה מיט יוספֿן און זיינע ברידער?

אַלע שווייגן. די אויגן אויפֿגעשטעלט אויף אים.

— אַ, איר ווייסט ניט. טו זעצט זיך אַוועק און איך וועל אייך דערציילן.

אויף זיינע מעשה׳לעך זענען זיי אַלעמאָל געווען בעלנים.

— און דו? פון וואַנעט ווייסטו דאָס אַלע מעשה׳לעך? — פרעגט יאַנעק.

— פון וואַנען? דער רבי! דער רבי לערנט מיט אונדז אין חומש.

— און וואָס איז דאָס אַזוינס דיין „קומיש“?

— נו, חומש! איר ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט? — בלייבט שלמה׳לע אָן ווערטער, און ווייס ניט ווי צו דערקלערן — נאַרישע קעפּ, דאָס איז דאָך וואָס דער רבי לערנט מיט אונדז.

— און דו ביזט אַ קלוגיטשקער! — פאַרדריסט דאָס יאַנעקן — אַלץ ווייסטו. מיין טאַטע זאָגט: „אַלע זשידעס זענען כיטרע“.

סטאַשעק מישט זיך אַריין און שלאָגט איבער יאַנעקס רייד.

— גענוג! גענוג אייך צו גריזשען זיך! דערצייל, שליאַמאַק! דערצייל!

אַלע זעצן זיך אויס אויפן גראָז, אונטער אַ בוים, און שלמה׳לע הויבט אָן דערציילן די גאַנצע מעשה מיט יוסף׳ן, ווי אַזוי דער פאָטער יעקב האָט אים געשיקט אין פעלד צו זיינע ברידער — די פּאַסטוכער. ווי אַזוי די ברידער, וואָס האָבן אים ניט ליב געהאַט, האָבן אים אין גרוב אַריינגעוואָרפן און דערנאָך פאַרקויפט צו די פאַרבייגייענדיקע בעדואינער מיט זייערע קעמלען.

און שלמה׳לע איז אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מעשה, אַז ווען ס׳איז געקומען צו דעם, ווי יוסף לאָזט זיך דערקענען צו זיינע ברידער, האָט ער מיט ציטער און טרערן אויסגעשריען: „דאָס בין איך דאָך — יוסף! אייער אייגענער ברודער. יוסף, וועמען איר האָט פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפט!“ — און אמת׳ע טרערן זענען גערונען פון שלמה׳לעס אויגן.

מאַרוסקע נעמט אַרום שלמה׳לען. אירע אויגן זענען אויך פייכט. אָבער יאַנעק איז ניט גערירט. ער זאָגט:

— עט! שוין געהערט שענערע מעשה׳לעך. מיין באָבע דערציילט מעשות מיט ניט־גוטע, און ווי זיי פאַרפירן ערלעכע מענטשן, אַזש עס ווערט דיר סטראַשנע צו הערן.

— דאָס איז ניט סתם אַ מעשה׳לע. דאָס איז דאָך אין אונדזער הייליקער תורה געשריבן געוואָרן! — זאָגט שלמה׳לע מיט היץ. — ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר זיך שפּילן אין אַזאַ שפּיל.

— וואָסער שפּיל?

— ווי יוסף מיט זיינע ברידער. איך וועל זיין יוסף און איר וואַרפט מיך אַריין אין גרוב, אָבער איך וועל זיך ניט לאָזן פאַרקויפן. איך וועל פון גרוב אַנטלויפן.

די קינדער איז דאָס שטאַרק געפעלן און זיי זענען געוואָרן אויפ־געלעבט. אָבער וואו געפינט מען אַ גרוב? אַז קיין גריבער זענען דאָ נאָענט ניט געווען. נאָר ווייט פונדאַנעט איז געווען אַ פאַרלאָזענע ציי־געלניע. דאָרט זענען געווען אַ סך גריבער. לעכער אין דער ערד, פונוואַנעט מען האָט אויסגעגראָבן דעם ליים. אַהינצו האָבן זיך די קינדער מיט פרייד אַוועקגעלאָזן.

מען איז צוגעקומען צו אַ גרוב. שלמה׳לע איז עטלעכע מאָל אַרום אים געגאַנגען. גוט אויסגעפאָרשט, און געזאָגט:

— נו, איצט לאָזט מיך אַרונטער מיט שטריק.

— צו וואָס נאָך שטריק? קענסט ניט אַריינשפּרינגען?

— אָבער יוספן האָט מען דאָך מיט שטריק אַראָפּגעלאָזן!

— נו, גוט! זאָל זיין מיט שטריק — זאָגט סטאַשעק.

יאַנעק נעמט די שטריקלעך, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געשפּילט אין פערדלעך, ציט זיי אונטער שליאָמיקס פאַכוועס און מען לאָזט שלמה׳לען אַרונטער אין גרוב.

— נו, שליאָמיק! ווי געפעלט דיר דאָרט?

שלמה׳לע פילט ווי אַ קילע פייכטקייט נעמט אים דורך. און דאָס איז אים דוקא געפעלן. אַזוי האָט געמוזט אויסזען יוספס גרוב.

ער קוקט זיך אַרום אין גרוב. אויפן סאַמע דנאָ, אַ קליינע לוזשקעלע וואַסער, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אַ ווייס וואָלקנדל. ער הויבט אויף דעם קאָפּ. דער הימל איבער אים איז בלוי, מיט צעוואָרפענע, אָפּגעריי־סענע ווייסע וואָלקענדלעך. נו, איצט וועט ער זיי באַווייזן ווי קונציק ער וועט זיך אַרויסקריגן פון גרוב. ער שפּאַרט איין זיין פיסל אין אויסבויג פון ווענטל און גיט זיך אַ הויב אויף. אָט איז ער שוין אויבן. אָבער יאַנעק שטופּט אים אַרונטער צוריק.

— שטיי דאָרטן, וואוהין אַזוי שנעל? אַיאָ ס׳איז גוט דאָרט? — יאַנעקס אויגן פינקלען מיט ניט־גוטן. — וועסט ביי מיר ניט אַנטלויפן. דו וועסט דאָרטן ליגן ביז איך וועל דיך פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט . . .

שלמה׳לע גיט זיך ווידער אַ הויב אַרויף. און ווידער קריגט ער אַ שטויס פון יאַנעקן. נו, מער וועט ער שוין דאָס ניט פאַרטראָגן. ער הויבט זיך ווידער אויף. און ווען יאַנעק שטרעקט אויס זיין האַנט, אים אָפּצושטופּן, כאַפּט ער עס אָן און גיט אַ שלעפּ. יאַנעק איז אַריינגעפאַלן אין גרוב, אין דער סאַמע לוזשקעלע אויפן דנאָ.

— אַך, דו! פאַרכאַטער זשיד! זע, וואָס דו האָסט געטאָן? איינ־געגאַנצן מיך אין ליים איינגעריכט, ווי וועל איך איצט אַהיים קומען? — און ער האָט אַראָפּגעלאָזן שליאָמיקן אַ פּאָר בוכטשעס.

נו, ווער זיך שלמה׳לע לאָזן שפּייען אין קאַשע? און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג ביטער און פאַרביסן.

סטאַשעק האָט זיך אַריינגעמישט און זיי פאַנאַנדערגענומען. ער האָט זיי אויך געהאָלפן אַרויסקריכן פון גרוב.

אויסגעשמירט און אַראָפּגעפאַלן באַ זיך, איז שלמה׳לע אַהיים געגאַנגען. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער שפּיל, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זיין פונקט אַזוי ווי דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין חומש, און האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, זאָל זיך אויסלאָזן אַזוי שלעכט. דער צויבער אין וועלכן ער האָט זיך פריער איינגעלעבט איז צערונען געוואָרן. אַ, דער שלעכטער יאַנעק. ווען ניט ער? . . .

ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער צום ערשטן מאָל געקראָגן געשלאָגן פון רבי׳ן. און דערנאָך איז אַריינגעקומען דער טאַטע אַ צעקאָכטער, וואָס ער האָט פאַרפעלט דאָס לערנען. און ניט געקוקט אויף שלמה׳לעס וויינען, האָט ער אַראָפּגעצויגן זיין לעדערנעם פּאַס, האָט אַראָפּגעלאָזט שלמה׳לעס הייזקעס, אים אָוועקגעלייגט אויף די קני און מיט האַרץ געשמיסן. צוגעבנדיק צו יעדן שמיץ: אַ יידיש יינגעלע זאָל זיך ניט אַרומשלעפּן מיט שקצים! אַ יידיש יינגל דאַרף לערנען תורה! דאַרף . . .״

— רחמיאל!!! אפשר וואָלט שוין געווען גענוג! — האָט די מאַמע אויסגערופן און פאַרשטעלט שלמה׳לע מיט איר האַנט — אַן אומגליק אויף מיינע שונאימס קעפּ! דאָס קינד האָט שוין געהאַט גענוג היינט!

דער טאַטע האָט אים ענדלעך אָפּגעלאָזן און איבערגעגעבן אין רשות פון דער מאַמען. זי האָט אים אָפּגעפירט אין אַ צווייטן צימער. פרובירט באַרואיקן.

— נו, וואָס קען מען טאָן, זונעלע? אַז מיר לעבן צווישן גוים. אַז מיר זענען אין גלות! . . .

צום ערשטן מאָל האָט שלמה׳לע גענומען באַנעמען פאַרוואָס דער רבי זיפצט אַזוי שווער, ווען ער דערמאָנט דאָס וואָרט „גלות״. איצט האָט ער עס דערפילט אויף זיין אייגענעם לייב.

קאַפּיטל דריי

יענעם זומער האָט מען, איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, געקלאַפּט אין פענצטער פון רחמיאלס שטוב.

ריווע־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן. האָט אַ טאַרקע געטאָן איר מאַן: „רחמיאל! מען קלאַפּט אין פענצטער. גיי זע ווער דאָרט איז?"

— האַ? וואָס? וואו? אין פענצטער? — און אַ פאַרשלאָפענער נאָך, איז רחמיאל צוגעקומען צום פענצטער.

אין דער בלויקייט פון דער אָפּגייענדיקער נאַכט, האָט ער דערזען עמיצן אין אַ פּויערישער סערמיאַגע. די לינקע האַנט אויפגעהויבן אין אַן אָרעם־באַנד.

— ווער איז דאָרט?

— עפן! עפן אויף, רחמיאל! דאָס בין איך, גדליה.

— גדליה? — האָט רחמיאל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט ניט גלויבן זיינע אויערן — ווי איז מיר! מסתמא עפּעס געטראָפן מיט אים! ריווע־לאה! — האָט ער זיך געווענדעט אינעווייניק אין אַלקער — שטיי אויף. אונדזער גדליה האָט זיך דאָך אָפּגעזוכט! — און אַליין איז ער איילנדיק געגאַנגען צום טיר און זי געעפנט.

— גדליה! ברודער! וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן!? — איז ער צוגעקומען און אים געוואָלט אַרומנעמען.

גדליה איז עטוואָס אָפּגעטראָטן אַהינטער. האָט מיט אַ באַוועג פון האַנט באַשיצט זיך.

— פּאַוואָליע, ברודער! די האַנט . . . די וואונד איז נאָך פריש.

— גאָט אין הימל! וואָס האָט מען דיר געטאָן? נו, קום אַריין! וואָס שטייען מיר אין טיר?

זיי זענען אַריין. גדליה האָט קוים געשלעפּט די פיס.

רחמיאל האָט אָנגעצונדן אַ קינעלע. ביי זיין שוואַכן שיין האָט ער אָנגעקוקט דעם ברודער. ניט דערזעלבער גדליה. די באָרד אַראָפּגענומען און דער הולך גאָר אַ גוישער. ער זעט אויס שרעקלעך: די פּלייצעס געבויגן. דאָס פּנים בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט. די אויגן אויסגעלאָשן און אַזוי פאַר׳צער׳ט.

— אוי! ווי איז מיר! וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, גדליה?

— די מאַסקאַליעס — די רוסן — האָבן מיך שיער ניט דער׳הרגעט. די האַנט צעבראָכן. כ׳האָב שוין געמיינט, כ׳וועל דאָרטן אויפן פעלד מיט בלוט אָפגיין. קוים דערשלעפּט זיך צו אַ פּויערישן שייער. זיך באַהאַלטן אין היי.

— ווי קומסטו צו די רוסן ?

ריווע־לאה האָט דערוויל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ קליידל און איז צוגעקומען. זי האָט דערזען גדליה׳ן און האָט פאַרבראָכן די הענט.

— ווי איז מיר ! אוי, ווינד איז מיר ! רוצחים ! וואָס האָבן זיי געהאַט צו דיר ? פונוואַנעט קומסטו ? . . .

— אָ, ס׳איז אַ סך צו דערציילן. איך בין אַזוי מיד... אַזוי מיד. — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באַנק, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש. די אויגן האָבן זיך האַלב פאַרמאַכט.

ריווע־לאה האָט אויף שנעל אויסגעבעט אויפן באַנק. רחמיאל האָט דעם ברודער געהאָלפן צוגיין צום געלעגער. האָט אַראָפּגעצויגן זיינע שטיוואַליעס.

גדליה איז געלעגן מיט דער קראַנקער האַנט אַרויף און איז באַלד פאַרזונקען געוואָרן אין אַ מידן שלאָף.

ביידע מאַן און ,ווייב, זענען געבליבן זיצן לעבן דעם שלאָפנדיקן גדליה׳ן. די ערשטע גרויקייט פון פרימאָרגן האָט אין די פענצטער אַריינגעקוקט. רחמיאל האָט געטראַכט : „אַז גאָט שטראָפט אַ מענטשן ...אָט איז געווען גדליה — אַ יונג מיט ביינער. שטענדיק אַ פריילעכער. אויף יעדער שמחה דאָס האַרץ פון עולם. אַ זינגער, אַ טענצער. און אָט . . .״

די צוויי ברידער זענען געווען שטאַרק פאַרשיידן איינס פון דעם אַנדערן. רחמיאלס טראַכטונגען זענען געווען תמיד אַרום דער אייגענער משפּחה. ער האָט געלעבט מיט די דאגות פון פרנסה, צו באַשפּייזן ווייב און קינדער, באַזאָרגן זיי מיט אַ בגד און דערציען די קינדער. איבער־הויפּט מאַכן פאַר אַ לייט זיין שלמה׳לען. ער האָט פּינקטלעך געצאָלט דעם פּריץ די רענטע און מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט אין מיל.

נאָכן פאָטער׳ס טויט, איז די מיל אַריבער צום עלטערן, באַווייבטן ברודער, רחמיאלן, ווייל פאַר ביידן האָט די מיל ניט גענוג געטראָגן.

אינגיכן, נאָכדעם, איז גדליה געוואָרן אַ חתן און נאָך דער חתונה האָט ער זיך באַזעצט אין שטעטל.

זיין פרוי, חנה, איז געקומען פון אַ קרייז־שטאָט. זי איז געבליבן אַ יתומה און האָט זיך לעצטנס אויפגעהאַלטן ביי אַ פעטער. אויפן שידוך

איז זי איינגעגאַנגען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט מער זיין אויפן פּעטער׳ס האַלדז.

זיי האָבן געדונגען אַ שטיבל און גדליה איז געווען פול מיט פלענער, ווי ער וועט בויען זיין היים. געווען פול מיט אימפּעט.

אָבער חנה האָט אים ווייניק פרייד געבראַכט. גדליה האָט זי זעלטן ווען געזען אויפגעלייגט. אַ טשופּלע, פון זעלבן הויך ווי גדליה, באַר אַלס פרוי, האָט זי אויסגעקוקט העכער, מיט אַן אומרואיקן גלי אין די אויגן, וואָס האָבן דעם גאַנצן פּנים צוגעגעבן אַן אומעטיקן אויסזען. פלעגט זי ווי אַ שאָטן אַרומגיין אין שטוב. אָפט פלעגט זי זיך באַקלאָגן אויף דעם שוואַכן געזונט און האַרעוואַניע. און ניט איינמאָל פלעגט זי אין איר פאַראומערטקייט און ביטערקייט שילטן מיט קללות.

גדליה האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פאַרוואָס זי רעגט זיך אויף און וואַרפט מיט קללות. אַליין אַ לעבנסלוסטיקער פלעגט ער פילן, ווי אינדערהיים ווערט זיין שוימעדיקע פרייד פאַרשטילט. ער פלעגט אַרומגיין אַ געפּענטעטער, ווי צוגעדושעט פון די ענגע ווענט, פון דער נידעריקער סטעליע. ער פלעגט וואַרפן אַ זייטיקן בליק צו איר. געטראָגן אין האַרצן אי רחמנות, אי פאַרדרוס צו איר.

קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. און וואָס אמת, גדליה האָט זיך פון דעם ניט מצער געווען.

פּרנסה האָט ער געצויגן פון אַרומפאָרן איבער די דערפער, וואו ער פלעגט אָפּקויפן ביי די פּויערים, אַמאָל אַ פעלעכל, אַמאָל אַ קרענצל שוועמלעך, אָדער אַ זעקל קאָרן. עס האָט אים תמיד פונדערהיים געטריבן אין אָפענעם וועג.

גדליה האָט ליב געהאַט אַרויסצופאָרן מיט זיין פערד און וואָגן גאַר פרי, ווען אויף די שפּעט׳דיקע פעלדער איז נאָך געלעגן טויאיקער נעפּל. ווען די זון האָט זיך ערשט אַרויסגעשיילט פון ערדישן פוטערפאַס און האָט געוואָרפן לאַסטשענדיקע סנאָפּעס ליכט אין דער גרינער וועלט אַריין. זיין האַרץ און נשמה פלעגט פול ווערן מיט דעם פריידיקן אַרום, ווי די פעלדער מיט טוי.

ער פלעגט דעם ליכטיקן פרימאָרגן אַנטקעגן טראָגן זיין האַרץ־אויסגוס און די שטילע, נאָך האַלב דרימלענדיקע פעלדער און לאָנקעס, פלעגן פאַרנעמען זיין געזאַנג און מתיקות׳דיקייט פון אַ חסידישן ניגון, וואָס פלעגט מאָנענדיק, אָנכאַפּן ביים האַרצן. אָדער דעם פריידיקן, ברייטן געזאַנג פון די פּויערים־שניטער, ווען זיי קערן זיך אום אַהיים פון דער אַרבעט מיט די קאָסעס אויף די אַקסלען.

נאָר ס׳האָט אויך געטראָפן אַז די פּרימאָרגנדיקע פרייד פלעגט פאַרשטערט ווערן. אַזוי איז עס געווען איינמאָל, ווען ער האָט אין פעלד געטראָפן יאַנוש דעם קרום־אויגיקן.

יאַנוש איז געווען פון די גאָר אָרעמע פויערים, וואָס גדליה האָט געקענט. אַז גדליה האָט אים דערזען, האָט ער פאַרהאַלטן זיין פערד און וואָגן. זיך באַגריסט: „דזשען דאָברי, יאַנוש!" — און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן געזונט, וואָס מאַכן די ווייב, די קינדער?

ער האָט זיך צוגעקוקט צו יאַנושן אַליין. ווי פרי עס איז נאָך געווען, האָט זיך פון זיין שטערן געגאָסן שווייס. דאָס בידנע פערדל האָט שווער געאָטעמט. די זייטן האָבן זיך געהויבן און אַרויסגעבראַכט די אויס־געדאַרטע ריפּן.

יאַנוש האָט געהאָט געדונגען פון עקאָנאָם אַ קליינעם חלק ערד און פון די כחות אַרויסגעשלאָגן זיך, אַרויסצוקריגן פון דעם זיין ברויט. איצט האָט ער געאַקערט. און דאָס פערדל האָט קוים געשלעפּט דעם אַקער. יאַנוש האָט ניט נאָר געפירט דעם אַקער — נאָר כדי צו העלפן דעם פערדל, האָט ער עס אַליין אונטערגעשטופּט. ער האָט זיך דער־פרייט מיטן יידן.

גדליה׳ן האָבן אַלע אָרעמיקע פויערים געקענט. ער איז געווען אַ טייל פון דעם גאַנצן אַרום און ס׳איז גוט געווען מיט אים אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן.

יאַנוש האָט גדליה׳ן אין שטוב פאַרבעטן.

— קום! דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן געקליבן שוועמלעך. זיי טריקענען זיך נאָך.

זיי זענען אַריין. די שטוב — אַ נידעריקע כאַטע, מיט שטרוי גע־דעקט. צוויי אַלקערלעך. אַ הילצערנער פּראָסטער טיש מיט עטלעכע בענקלעך. דאָס געלעגער אויפן ברייטן אויוון. אויפן טיש, אָנגעמאַכט פון די הינער, וואָס זענען אַריין דורך דער אָפענער טיר זוכן ברעקלעך. די הינער זענען געווען אויפן טיש. יאַנוש האָט זיי אַראָפּגעטריבן. האָט אָפּגעווישט דעם טיש.

— זעץ זיך, גדליה! — אַליין איז יאַנוש געשטאַנען אינמיטן שטוב, געקראַצט די פּאָטעליצע. — מען וואָלט דיך באַדאַרפט טראַקטירן. וואַרט נאָר . . .

— ניין! אַ דאַנק, יאַנוש, מען דאַרף ניט.

— ניטאָ גאָרניט אין שטוב. — האָט יאַנוש יאוש׳דיק אַ מאַך געטאָן מיט די הענט.

— מען דאַרף גאָרניט.

גדליה איז אַרויס צום וואָגן און האָט אַריינגעבראַכט אַ זעקל מיט צידה־לדרך, וואָס די ווייב, חנה, האָט אים מיטגעגעבן. האָט עס אַרויס־גענומען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. אַ פריש געבאַקן לעבל ברויט, האַרטע הייער, גאָמעלקעס פון קעז. און אין אַ שמאַטקעלע, איינגע־וויקלט אין בלעטער, אַ שטיקל פוטער.

— עס יאַנוש! וואו איז דאָס ווייב? די קינדער?

— דאָס ווייב? אַוועק צום עקאָנאָם. פאַרדונגען זיך אַרבעטן אין קיך. דאָס גאַנצע ברויט איז אויסגעגאַנגען. און די קינדער, ביי דער שוועגערין.

גדליה האָט צעשניטן דאָס לעבל ברויט אין צווייען. האָט אַ העלפט צוגערוקט צו יאַנושן, געגעבן אים די גאָמעלקעס, אייער און פוטער.

יאַנוש האָט אַ בליק געטאָן אויפן שפּייז, און ווי צו זיך געזאָגט: „דז׳ לעבסט זאָט". — און גענומען זיך צום עסן.

גדליה האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק. אין אים איז געוועזן אַ קנאה. אין אים איז אָבער אויך געווען די צופרידנקייט פון אַ האַלב פאַרהונ־גערטן מענטשן, וואָס דערכאַפּט די נשמה.

דעם גאַנצן טאָג, נאָך יענער באַגעגעניש מיט יאַנושן, האָט ביי גדליה׳ן אין מוח געעגבערט: פאַרוואָס איז עס אַזוי? דער פויער, וואָס זייט, שניידט און באַשפּייזט אַלעמען, לעבט אַליין אין נויט און אָרעמקייט?

יע. ער האָט געוואוסט, אַז דער פויער מוז אַוועקגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין האָרעוואַניע צום פּריץ. ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט, ווי רייך אוןברייט עס לעבן די פּאַנעס. געזען די רייכע געשפּאַנען, אין וועלכע זיי פאָרן אַרויס און די טייערע מלבושים, אין וועלכע זיי קליידן זיך. געזען די פּריצישע פּאַלוואַרקן. די געביידעס האָבן אויס־געקוקט ווי פּאַלאַצן, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט שאָטנדיקע פּאַרקן. באַפּוצט ביי דעם אַריינפאָר מיט שיין־געבויטע טויערן. מיט אויסגעלייגטע בייטן בלומען. מיט פאָנטאַנען, אין דער פאָרמע פון פאַר־שיידענע פיגורן, וואָס האָבן געשפּריצט וואַסער, און מיט אָזיערעס.

ער האָט זיך אויך גענוג אָנגעהערט פון די באַדינער, מעשיות ווי מען הולטאַיעוועט דאָרטן. וואָס פאַר אַ רייכע בעלער מען פּראַוועט, מיט מוזיק און געזאַנג. ווי מען פרעסט ביי די מאָלצייטן. וויין און שאַמפּאַניער גיסט זיך דאָרטן ווי וואַסער.

גדליה האָט געפילט אַז ס׳איז ניט יושר׳דיק, אָבער ער האָט ניט געוואוסט פון קיין אַנדער איינשטעל. אַזוי איז עס שוין, האָט ער גע־טראַכט, און האָט גאָטס וועלטל ניט אָפּגעפרעגט.

איצט, נאָך זיין באַגעגעניש מיט יאַנוש׳ן, האָט ער ניט געקענט פאַרגעסן זיינע ווערטער: „דו לעבסט זאַט״. משטיינס געזאָגט, די פאַרגעניגנס וואָס ער האָט דאָס. כאָטש דער אמת איז, אַז חנה׳ס ברויט איז געשמאַקער פון סיטניצעס, דאָך ניט מער ווי אַ שטיקל ברויט. און יאַנוש האָט אים מקנא געווען. גדליה האָט ווידער געטראַכט פון דער שלעכטער דאָליע פון פויער און באַטראַק.

איינמאָל, פאָרנדיק מיטן פורל אַהיים, האָט גדליה אויפן וועג אָנגעיאָגט אַ יידישן וואַנדערער. גדליה האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד.

— וואוהין גייט איר, ר׳ ייד? אויב ס׳איז אינם זעלבן וועג, טאָ קומט אַרויף אויפן וואָגן. כ׳וועל אייך צופירן.

דער וואַנדערער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

גדליה האָט אים באַטראַכט. ער איז געווען אַ ייד אין די דרייסיקער, מיטל־וואוקסיק. פון לענגלעכן פנים, איינגעראָמט אין אַ ביר־ברוינער באָרד, האָבן צום אים אויסדרוקספול געקוקט טיף־בלויע אויגן מיט מונטערן בליק.

מיט אַ שפּריטנעם הויב־אַרויף, האָט דער וואַנדערער אַריינגעזעצט זיך אין פור.

— שלום־עליכם! — האָט גדליה אים דערלאַנגט זיין האַנט.

דער וואַנדערער האָט געדריקט גדליה׳ס האַנט.

— עליכם שלום! אַ דאַנק אייך פאַרן אונטערפירן — און אַוועקגעלייגט דאָס פעקל אויף דער פור. — מען רופט מיך פראַאים.

— אַ היגער? — האָט גדליה געפרעגט, כאָטש ער האָט באַלד געזען, אַז דער וואַנדערער איז איינער פון די טויזנטער, וואָס זענען געקומען פון די טיילן פון פוילן, וואָס האָבן איצט געהערט צו עסטרייך און פרייסן. דאָס פאָלק האָט זיי גערופן: „בעטל־יידן״. איבער אַלע וועגן האָבן זיי געוואַנדערט, זוכנדיק פרנסה און אַ היים.

— ניין. ניט קיין היגער — האָט פראַאים געענטפערט.

— פונוואַנעט?

— פון פרייסן. כ׳בין איינער פון די טויזנטער פון דער „זאקאָרדאָנאָווא האָלאָטאַ״ — ווי די פּאָליאַקן רופן אונדז.

גדליה איז געווען פאַרוואונדערט צו הערן, ווי ער האָט גוט אַרויסגערעדט די עטלעכע פּוילישע ווערטער.

אַ ווײלע זענען זיי געפאָרן שווייגענדיק. דערנאָך האָט פראַאים ווידער גערעדט:

— ניט פון פאַרגעניגן וואַנדער איך אויף די וועגן. מען האָט אונדז, עטלעכע יידישע משפחות, אַרויסגעטריבן פון דאָרף. בין איך

געבליבן אָן פּרנסה. איצט . . . איצט בין איך אויף אַן אמתן אַ „האָלאָט־ניק" ביז לעצטן בגד זיך דערטראָגן.

פּראַאים האָט אַן עפּן געטאָן זיין קאַפּאָטע און גדליה האָט דערזען זיין נאַקעט ברודיק לייב. גדליה'ן האָט פאַרדריקט דאָס האַרץ.

— וואוהין־זשע גייט איר, פּראַאים?

— אַוואו די צרות טראָגן מיך. כ'גיי פון דאָרף צו דאָרף. פון ישוב צו ישוב. כ'בין אַ שוסטער. אינדערהיים געהאַט אַן אייגענעם וואַרקשטאַט. ביי אונדז אין דאָרף בין איך געווען דער סענדיק. האָב פאַרמיטלט צווישן די יידן פון דאָרף און דער מאַכט. זענען מיר גרויס געוואָרן ביי זיי אין די אויגן. ביי די פּרייסן ווי ביי די פּאָליאַקן. נאָכן אַוועקגיין פון דאָרף האָב איך מער ניט קיין היים. דאָס ווייב מיטן קינד ביי די שוויגער־עלטערן. און אַליין? . . . אָט אַזוי . . . — און פּראַאים האָט יאושדיק אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט.

— האָט איר עפּעס פאַרדינט?

— ווייס איך . . . — האָט פּראַאים אַ קוועטש געטאָן מיט די פּליי־צעס — שוין דעם דריטן טאָג גאָרניט פאַרדינט. ביי וועמען? אַז די פּויערים זענען איצט פאַרנומען אין פעלד. און צו די פּריצים אוז שררות, ווי קען איך צוקומען? פאַר אונדז, די האָלאָטניקעס, זענען טיר און טויער פאַרמאַכט. נאָך גוט וואָס נעכטן האָט זיך געמאַכט ביי אַ בעל־עגלה אַ פּאָר שלייעס צענויפצופּיצן, האָט מען מיר געגעבן אָפּצועסן.

— און היינט? שוין עפּעס געגעסן?

פּראַאים האָט ניט געענטפערט. און גדליה האָט מער ניט גע־דאַרפט פרעגן. ער האָט געזען ווי די ווינקלען פון מויל האָבן אַ צוק געטאָן און ווי פּראַאים האָט מיטן צונג באַנעצט די אויסגעטריקנטע ליפּן.

אַ שטיקל צייט זענען זיי געפאָרן שווייגנדיק. פונדערווייטנס האָט גדליה דערזען דעם פּאַס פון קוסטעס. אַ טייכל איז צווישן די קוסטעס געלאָפן און אַ לאָנקע איז געווען דערביי. ער איז אַהין אַראָפּגעפאָרן. האָט אויסגעשפּאַנט דעם פערד און געלאָזן אים פריי צופּן דאָס גראָז. דערנאָך האָט ער און פּראַאים זיך געוואַשן אין קלאָרן וואַסער און דער־פילט אָפּגעפרישט. גדליה האָט אַרויסגענומען אַ לייווענטענעם האַנטוך און עס דערלאַנגט פּראַאימען, ווען יענער איז שוין גרייט געווען אָפּצוא־ווישן די הענט און פּנים מיט דער קאַפּאָטע.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ געפלאָכטענעם קויש, וואו ער האָט געהאַלטן זיין צידה־לדרך, אַ פענדל. גאָפּל, מעסער און לעפל.

באַלד האָט ער אַ פייער צעלייגט און אין פענדל עטלעכע אייער אָפּ־געקאָכט.

אָפּגעגעסן צו זעט און פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער פון טייכל, האָבן זיי זיך, ביידע, אויסגעצויגן אויפן גראָז און אָפּגעגעבן זיך דער רו.

די זון האָט זיך געבויגן צום מערב. לייכט שפּינענדיקע שאָטנס האָבן זיך געוויקלט אַרום די קזשאַקעס און ביימלעך ביים ברעג טייך, און אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אָוונט. שטילקייט און רו איז געווען אַרום.

גדליה איז באַהערשט געוואָרן פון אַט דעם פרידלעכן אַרום. די געדאַנקען, וואָס יאַנוש האָט ביי אים אַרויסגערופן עטלעכע טעג פריער, און די רייד, וואָס ער האָט היינט געהערט פון פּראַאימען, זענען איצט געווען פאַרשטופּט, טיף אינעווייניק. ער האָט איצט געקוקט אויף פּראַאימען, וואָס איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. און זיין פּנים איז גאָר איצט געווען אַזאַ רואיקער, ליכטיקער.

גדליה האָט געטראַכט: ווי ווייניק אַ מענטש דאַרף האָבן צו זיין צופרידן. פאַרוואָס־זשע קען עס אַזוי ניט זיין אַלעמאָל?

פּראַאים האָט אויפגעעפנט די אויגן און געטראָפן זיך מיט גדליה׳ס בליק.

דער פרעמדער וואַנדערער איז איצט געוואָרן גדליה׳ן נעענטער, און ער האָט זיך געווענדט צו אים.

— פּראַאים! אפשר קענסטו מיר דאָס דערקלערן: פאַרוואָס זענען מענטשן הונגעריק, ווען די וועלט מיט אירע שפע־דיקע פעלדער און וועלדער, מיט די פישן אין די טייכן, און לאָנקעס פול מיט רינדער איז אַזוי רייך? כ׳ברעך זיך דעם קאָפּ און קען ניט באַנעמען, פאַרוואָס איז ביי אונדז אין פּוילן געוואָרן אַזוי שלעכט, סיי דעם אָרעמען יידן, סיי דעם פּויער?

פּראַאים האָט זיך אויפגעזעצט. ער האָט גוט באַטראַכט גדליה׳ן. ער האָט זיך געיִשובֿט צי זאָל ער אים געבן אַן ענטפער. נאָר אין גדליה׳ס תמימות׳דיקע רייד איז געווען אַזוי פיל ערנסטקייט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן. און שטיל, ווי פאַרטראַכט, האָט ער געזאָגט:

— פון וועמען זאָל דער אָרעמער ייִד האָבן פּרנסה? אַז דאָס רובֿ פון פאָלק, די פּויערים זענען פאַרשקלאַפט און זענען אַזוי אָרעם. אָט גיי איך איצט אין די דערפער, איז דאָרט קיין שטיקל אַרבעט ניט צו קריגן. די פּויערים גייען אַרום באָרוועס. אין ווינטער טראָגן זיי לאַפּטשיעס. נאָך אַ גליק, ווען ס׳טרעפט זיך אַרבעט צו באַשוכן אַ חתן־

כלה. אָדער ווען דער פאַרוואַלטער באַשטעלט עפּעס פאַר זיך, פאַר דער פאַמיליע, אַניט . . .

— אָבער פאַרוואָס זענען די פּויערים אַזוי אָרעם? זיי פּראַצעווען דאָך שווער.

— זיי פּראַצעווען? נאָך ווי פּראַצעווען! אָבער ניט פאַר זיך גייט זייער פּראַצע. פאַרן פּריץ. און די פּריצים לעבן טאָקע אין וואוילטאָג. זיי, די פּריצים, האָבן דערפירט דאָס לאַנד צו אַזאַ אָרעמען מצב.

גדליה איז אומעטיק געוואָרן. געשוויגן. פראַאים האָט אים מיט זיין בליק געפאָרשט. דערנאָך געזאָגט:

— אָבער ניט אויף אייביק וועט אַזוי זיין, גדליה. ס'האָט זיך אַ ריר געטאָן. די פּראָווינצן האָבן עס אָנגעהויבן. זיי האָבן דער וועלט באַוויזן, אַז ניט שטענדיק וועט דאָס אָרעמע פאָלק בויגן זיין רוקן צו די פּאַנעס. זיי, די פּראָווינצן, האָבן אויך געהאַט אַ שלעכטן מושל. שלעכטע פּריצים. האָבן זיי זיך צעבונטעוועט. גענוג! גענוג געליטן! זיי האָבן דעם קעניג אָראָפּגעוואָרפן. די פּריצים פאַרטריבן און זייערע מאַיאָנטקעס צעטיילט צווישן די פּויערים.

גדליה האָט אויפגעלעבט. עפּעס האָט ער געהערט וועגן דעם ריידן, מען האָט אַפילו דערציילט, אַז אייניקע פּוילישע אַדעליקע זענען גרייט צו געבן די פּויערים הנחות. אָבער דערוויל זענען דאָס געווען בלויז רייד. אַז פּוילן קען פון דעם אויפגעריכט ווערן, דאָס האָט ער ניט גע־קענט משיג זיין.

— מרידה קעגן מלכות? מעג מען דאָס? — האָט גדליה געפרעגט.

— דאָס פאָלק, ווען עס וועט דערפילן דאָס אומרעכט, וועט שוין ניט פרעגן, נאָר האַנדלען. זיי ווילן מיט געוואַלט אויסקעמפן זיך אַ בעסער לעבן.

גדליה האָט ניט־גלויביק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס פאָלק? ווער איז ביי אונדז דאָס פאָלק? די פּריצים, וואָס האָבן די דעה, זיי גייט דאָס מסתמא ווייניק אָן. זיי הונגערן ניט. און די פּויערים? עט . . . זיי ווילן אַלץ אָננעמען פאַר גוטס . . .

—זאָג דאָס ניט, גדליה. דאָס פאָלק — דאָס זענען מיר אַלע: פּויערים, שטאָט־לייט, פּריצים. און אויך מיר, יידן. איך, דו . . .

— ווער, איך?

— יאָ. אויך דו. ביזטו דען ניט דאָ געבוירן געוואָרן? דאָ אויס־געוואַקסן. האָסטו דען ניט געפּראַצעוועט פון קינדוויס אָן? פילסטו דען ניט אַז דאָ, וואו דיין לעבן איז אַדורכגעגאַנגען, איז דיר אַלץ ליב און טייער? טייער די מענטשן. טייער דיביימער אַרום שטוב. דער

וואַלד. דער טייך. אַפילו די שטיינער און די בלאָטעס זענען דיר איינגעבאַקן.

גדליה האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף פראָאימען. מאָדנע. פונקט ווי פראָאים וואָלט געלייענט דאָס, וואָס עס איז ביי אים געלעגן טיף אין דער נשמה. אָבער ער אַליין האָט עס קיינמאָל ניט געקענט אַרויסשיילן אַזוי בולט און קומען צו אַזאַ אויספיר. פונוואַנעט ווייסט דאָס פראָאים? זאָל עס זיין דערפאַר וואָס ער קען פויליש? זאָל ער עס האָבן געלייענט אין די גאַזעטן, אָדער ביכער?

און צום ערשטן מאָל האָט זיך ביי גדליה׳ן דערוועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו דערוויסן זיך מער פון דעם אַרומיקן לעבן. אויסלערנען זיך לייענען די זעלבע ביכער.

דאָך, ניט גרינג איז אים געווען צו גלויבן פראָאימען. ער האָט געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, פראָאים, אַז מיר יידן וועלן פון דעם ניט געהאָלפן ווערן. מיר זענען אין גלות.

האָט פראָאים געענטפערט:

— אַלע זענען מיר אין גלות. אַפילו דאָס פוילישע פאָלק איז אין גלות. אין גלות אין זיין אייגן לאַנד. איבער אַלעמען הענגט די שווערד פון מאָסקאָל. איבער די פויערים הערשעווען די פריצים. און מיר — יידן? מיר לעבן מיטן גנאָד פון די פאַנעס. אַ פריי פוילן, וואו דער פויער וועט האָבן זיין אייגן ערד, וועט פאַרבעסערן דעם מצב. און אין אַ פריי פוילן וועט זיך אויך דעם יידן לעבן בעסער.

גדליה האָט געפילט וויפיל אמת ס׳איז דאָ אין פראָאימ׳ס רייד. אַלץ צו וואָס די יידן האָבן געזוכט צו דערשלאָגן זיך, איז געווען צו קריגן אין אַרענדע אַ גוט, אַ קרעטשמע, אָדער אָפּקויפן ביים פריץ, אַ שטיקל וואַלד. ער האָט געפילט ווי ניי חיות גייט אויף אין אים. און ווי די ענגע האָריזאָנטן פון זיין לעבן ווערן, מיטאַמאָל, אָפענער, ליכטיקער. ער האָט אַרויפגעקוקט צו פראָאימען און אים איז געווען שווער צו טראַכטן, אַז זיי האָבן זיך ערשט היינט באַגעגנט. אַז זיי וועלן זיך באַלד צעשיידן און מער ניט טרעפן. ער האָט געזאָגט:

— פראָאים! קום צו מיר. וועסט זיין מיין גאַסט. מיין ווייב, חנה, וועט זיין צופרידן צו האָבן עמיצן אין שטוב. וועסט זיך אָפּרוען. וועסט זיך אַרומקוקן און צו עפּעס זיך דערשלאָגן.

פראָאים האָט געשוויגן, ווי געישובט זיך. דערנאָך געזאָגט:

— נו, גוט. אַ דאַנק דיר. איך פיל טאַקע ווי אָפּצורוען מיינע פיס. צי אויף לאַנג, ווייס איך ניט.

ביידע האָבן זיך מונטער אויפגעהויבן און גענומען איינשפּאַנען דאָס פערד. און עס איז שוין טאַקע צייט געווען צו פאָרן אַהיים.

די זון האָט זיך שוין געזעצט הינטערן וואַלד. זי האָט זיך געטונקט אין גינגאָלד, אין וועלכע זי האָט צעצונדן די שיטערע וואָלקנדלעך אין מערב פון הימל. די וואָלקנדלעך האָבן דעם גינגאָלד איינגעהאַלטן, ביז זיי האָבן זיך גענומען מיניען אין וויאָלעט.

אונטן האָט זיך געשפּרייט אָוונטיקייט. אַ שטילקייט און רואיקייט איז געווען אַרום. די לעצטע פאַרשפּעטיקטע פויגלען האָבן צו די נעסטן געאיילט. פון טייכל האָט זיך דערטראָגן דאָס ערשטע קוואַקן פון די זשאַבעס. און די גרילן האָבן אָנגעהויבן זייער נאַכטיקן זעג־געזאַנג.

גדליה האָט געפּילט דעם צויבער פון פרישן פאַרנאַכט און דעם זון־פאַרגאַנג. די נאָענטקייט פון פראַאימען האָט אין אים געוועקט אומקלאָרע האָפענונגען. ער האָט מיט שמיץ אונטערגעטריבן דאָס פערדל און ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און זיי זענען געווען נאָענט צום שטעטל.

— און אָט זענען מיר שוין אינדערהיים — האָט ער פריילעך געזאָגט, פאַרהאַלטנדיק דעם פערד ביי איינע פון די שטיבער. און ער איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן.

חנה איז אַרויס אין דרויסן. דאָס פּנים אויסגעצויגן ברוגזלעך.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? די וועטשערע איז שוין קאַלט געוואָרן.

זי האָט דערזען דעם אומבאַקאַנטן מיט אַ פּעקל אין האַנט. האָט אים אָפּגעמאָסטן, מיט איר בליק. דערזען זיין אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטע, די טוכענע פאַרשטויבטע היטעלע.

— כ'האָב געבראַכט אַ גאַסט, חנה.

— אַ גאַסט??? . . . — און זעענדיק, אַז פראַאים איז געבליבן שטיין מיט זיין קלומיקל אין האַנט, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— קומט אַריין! קומט אַריין! — איז זי געוואָרן מער אויפגעלעבט.

גדליה האָט מיט צופרידנקייט באַמערקט דער ווייבס אויפגעלעבטקייט און די שפּריטנעקייט, מיט וועלכע זי האָט דעם טיש געדעקט מיט אַ טישטוך, דערלאַנגט מעסער, לעפל און גאָפּל, און דערנאָך דערלאַנגט דאָס עסן.

— האָסט מיך איבערראַשט מיטן גאַסט, גדליה לעבן. כ'וואָלט גע־וואוסט, אַז מיר וועלן האָבן אַ גאַסט, וואָלט איך זיך צעכ'בריה'ט.

— גוט גענוג! אַ דאַנק, — האָט פראַאים געזאָגט. — אַבי מען זיצט ביי אַ יידישן טיש. און כ'וועל היינט שלאָפן אונטער אַ דאַך, ניט אין פרייען פעלד.

חנה האָט עטלעכע מאָל פונדערווייט אַ קוק געטאָן צום אונבאַקאַנטן גאַסט. ער האָט געגעסן די וועטשערע לאַנגזאַם, ווי פאַרטראַכט. און מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, פאַרהאַלטן זיך, און חנה האָט דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין זיינע לויטערע אויגן.

באַנאַכט אויפן געלעגער, האָט גדליה דערציילט חנה׳ן וועגן זיין באַגעגעניש מיט פראָאימען. דערציילט איר אַז ער איז אַן אַרויסגעטרי־בענער פון דאָרף. אַז ער איז אַ וואַנדערנדיקער שוסטער, אַרבעט צו דערהאַלטן זיך און די משפחה.

גדליה איז איינגעשלאָפן און חנה איז געלעגן וואַך און וועגן דעם געטראַכט. זי האָט שוין געזען אַסך פון די „בעטל־יידן", אָבער אָט דער איז אַזוי אַנדערש. זי איז אויפגעשטאַנען מיטן ערשטן שפּראָץ פון טאָג און אַריינגעקוקט אין שטוב, וואו דער גאַסט איז געשלאָפן.

ער איז געלעגן איבערגעדעקט מיט דער קאַפּאָטע. דורך די לעכער האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטיקער הוילער לייב.

חנה האָט אַ טראַכט געטאָן: אָן אַ העמד אויפן לייב, נעבעך. זי האָט אַרויסגענומען גדליה׳ס אַ העמד און גאַטקעס, איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעקומען און עס אַוועקגעלייגט לעבן דעם שלאָפנדיקן.

ווען גדליה איז אויפגעשטאַנען האָט זי צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב צוגעגרייט געזעט פאַרן גאַסט. פאַר דיר. אפשר וואָלט איר זיך געגאַנגען אָפּבאָדן?

— ביסט גערעכט, חנה. און אין האַרצן איז גדליה איר געווען דאַנקבאַר פאַר איר זאָרגפעליקייט.

ווען פראָאים האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז גדליה צו אים צוגעקומען.

— קום, פראָאים! מיר וועלן גיין צום טייך זיך אָפּבאָדן. דערווייל וועט מיין יידענע צוגרייטן עפּעס צום עסן.

ביים טייך האָט גדליה, ווי אַ ברודער, געהאָלפן פראָאימען גוט אויסוואַשן זיך. האָט אים געריבן די פּלייצעס.

פראָאים האָט איצט, נאָכן אָפּוואַשן זיך און אַראָפּוואַרפן דעם ברוד, דערפילט דערפרישט און מונטער. און צי דאָס איז געווען פון קאַלטן וואַסער, צי פון דעם, וואָס דער פרימאָרגן איז געווען אַזוי ליכטיק, צי, אפשר גאָר, פון דעם געזאַנג פון די פויגלען, וואָס האָט זיך געטראָגן פונדערווייטנס, און האָבן אים דערמאָנט אין אַנדערע ליכטיקע פרי־מאָרגנס אין זיין דאָרף, נאָר די יונגע בלוטן האָבן זיך צעשפּילט. און ס׳האָט זיך אים געוואָלט אַ שטיף טאָן און פאַרמעסטן זיך מיט די כחות, ווי אין די יינגעלשע יאָרן.

ער האָט זיך געלאָזט שווימען. געלייגט קלאַפּטער. און גדליה איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען. זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע קונצן. גע־נורקעוועט און געשוואומען אונטערן וואַסער און דערנאָך אויפגעטויכט מיט אַ זשעדנעקייט נאָך פרישן לופט.

גדליה איז געווען דער ערשטער אַרויסצוגיין פון וואַסער.

— נו, געַנוג היינט! כ'בין שוין הונגעריק. — און ער האָט פאַר־נאַנדערגענומען דאָס פּעקל. אַרויסגענומען האַנטיכער און דערלאַנגט פראַאימען גערעט.

פראַאים האָט עס גענומען מיט דאַנקבאַרן שטומען קוק און זיך אָנ־געטאָן. ער האָט זיך דערפילט גאָר אַן אַנדער מענטש.

פאַר אַ צייט איז פראַאים געבליבן לעבן מיט גדליה'ן.

גדליה פלעגט אַרומפאָרנדיק זיך נאָכפרעגן ביי די פויערים, צי זיי דאַרפן אַ שוסטער, און פראַאים האָט געהאַט געַנוג אַרבעט. ער האָט זיך צענויפגעשטעלט אַ קליינעם וואַרקשטאַט אין אַ ווינקל, וואו ער פלעגט מערסטענסטייל זיצן שטיל און אַרבעטן. אָבער אָפטמאָל פלעגט ער אַוועקלייגן די אַרבעט און בלייבן טיף פאַרטראַכט. די אויגן פאַר־טראָגן ערגעץ אין ווייטקייט.

חנה איז צו אים צוגעצויגן געוואָרן. זי האָט געפּרוּווט אַרויס־ברענגען אים פון זיין איינגעשלאָסנקייט. זי איז געווען צו אים, ווי אַ מאַמע. האָט געוואַשן און פאַרריכט זיין וועש, זיינע הויזן. און אַפילו אַמאָל געגעבן אים, גדליה'ס אַ פּאָר גאַנצע הויזן. זי האָט פאַר אים געמאַכט גוטע מאכלים, וואָס, געוויינטלעך, פלעגט זי דאָס קאָכן זעלטן. און איינמאָל, ווען זי האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, האָט ער דאַנקבאַר אַ דריק געטאָן איר האַנט.

זי האָט דערפילט זיין באַריר. אַ וואַרעמע כוואַליע האָט אין איר אַ שלאָג געטאָן. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און איידל איר האַנט באַפרייט.

פון יענעם טאָג אָן איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. זי האָט יעדע מינוט אויף עפּעס געוואַרט. און ווען ער האָט מיט אַ טאָג שפּעטער פלוצלונג זיך צעזונגען, האָט אַלץ אין איר אויפגעוואַכט. זיין ווייך, האַרציק קול האָט געוועקט אין איר, לאַנג פאַרשטילטע, ניט אויסגע־קלונגענע געזאַנגען.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זיין זינגען:

„בין איך מיר אַ שוסטערל,
אַ שוסטערל דער שענסטער.
זיץ לעם מיין פענסטער,

גייט אַריין אַ פריילן מיט אַ שליאָך."
„שוסטערל, שוסטערל,
אין די שיך איז געוואָרן אַ לאָך".

אַז ער האָט געענדיקט, און געבליבן שטיל, האָט זי נאָך אַלץ אין זיך נאָכגעזונגען די טענער.

אַ ווײַלע האָט זיך נאָך געהערט דאָס קלאַפּן פון העמערל איבער דעם קאַפּול. נאָר ניט אויף לאַנג. פראַאים האָט ווידער פאַרצויגן.

„שיין מיידעלע, קליין מיידעלע,
קום מיט מיר נאָך באָרן" . . .

חנה׳ן איז דאָס ליד געווען באַקאַנט. זי האָט זי מיטגעזונגען:

„כ׳האָב מורא בחור
זאָלסט מיך נישט פאַרנאַרן".

איצט האָבן זיי שוין געזונגען צוזאַמען:

„שיין מיידעלע, קליין מיידעלע
קום מיט מיר נאָך עפּל.
כ׳האָב מורא בחור,
זאָלסט מיר ניט אָפּשניידן דאָס צעפּל.

שיין מיידעלע, קליין מיידעלע
קום מיט מיר נאָך מערן,
כ׳האָב מורא בחור,
זאָלסט מיך ניט פאַרשלייערן".

חנה האָט דערנאָך מיט חדוש צוגעהערט זיך צו דעם אָפּקלאַנג פון די לידער. ווי לאַנג איז עס שוין, אַז זי האָט אַזוי ניט געזונגען? . . .

זי האָט זיך געטראָפן מיט פראַאים׳ס אויגן, וואָס האָט געקוקט אויף איר איצט, ווי פאַר אים וואָלט געווען אַן אַנדער חנה.

— „כ׳האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איר קענט אַזוי שיין זינגען. זינגט נאָך עפּעס.

און עס איז געווען, ווי די געפּענטעטע געזאַנגען, וואָס זענען געווען אין איר איינגעווייד, האָבן נאָר געוואַרט אויף אַזאַ גליקלעכע געלעגנהייט. זי האָט געזונגען איין ליד נאָך דער אַנדערער און זיי האָבן געקלונגען האַרציק און ניי.

אויף מאָרגן איז פראַאים ווידער געווען אַריינגעטאָן אין זיך. גע־זעסן ביי דער אַרבעט שטיל און פאַרטראַכט. און עפּעס אומרואיק. ער האָט געוואַרט אויף גדליה׳ס קומען.

ווען גדליה איז אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריקגעקומען, האָט פּראַאים אים געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקפאָרן. אָפּפירן דער ווייב און קינד די פּאַרדינסטן.

פּראַאים איז אַוועק. געזאָמט זיך עטלעכע טעג און איז צוריקגע־קומען מיט אַ פּאַק פון פאַרשיידענע פּוילישע צייטונגען און ביכער. ער איז געזעסן און געלייענט זיי, ווי איבער דער אַרבעט. האָט זיך ניט אָפּגעריסן, און כסדר געהאַלטן אין פאַרצייכענען עפּעס אין אַ העפט. מען האָט מער ניט געהערט זיין געזאַנג. און דערנאָך איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן. דאָס מאָל שוין אָן אַ תירוץ.

יעדן מאָל, ווען פּראַאים פלעגט אַוועקפאָרן, פלעגט אויך פאַר־שווינדן די לעבהאַפטיקייט אין שטוב. און חנה פלעגט מיט אומגעדולד וואַרטן אויף זיין צוריקקומען. ס׳איז געווען ווי זי וואָלט וואַרטן אויף עפּעס אַן אַנטפּלעקונג, אַז ערגעץ אַנדערשוואו איז פאַראַן אַ מער פריידיק לעבן. אַ לעבן וואָס איז אַנדערש פון די גרויקייט און מאָנאָטאָנקייט אין איר שטוב.

נאָר פּראַאים האָט אָט די דערוואַרטונגען אירע ניט געזען. ער איז געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די בלעטער און ביכער און האָט זיי געשלונגען שעהנ׳ווייז. ביז חנה האָט איינמאָל ניט גע־קענט איינהאַלטן זיך און זי האָט געפרעגט:

— זאָגט מיר, פּראַאים, וואָס אַזוינס שרייבט מען אין די בלעטער, וואָס איר לייענט זיי אַזוי פיל?

פּראַאים האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון בוך און געטראָפן זיך מיט חנה׳ס אויגן. אין זיי איז געווען געבעטן. אין זיי איז געווען עפּעס מער... עפּעס אַזוינס פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקן.

ער האָט איר בליק ניט אויסגעהאַלטן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט דערציילן מיט וואָס זיין נשמה פיבערט די גאַנצע צייט. אַז ער ווייטיקט מיט דעם לעבן פון די אָרעמע, פאַרשטויסענע מענטשן. סיי יידן, סיי אַנדערע.

פּראַאים האָט אויפגעהויבן צו איר זיינע אויגן. גערעדט לאַנג. דערציילט: ווי אין דעם ווייטן פראַנקרייך האָבן די אָרעמע פויערים און אַרבעטער געמאַכט אַ בונט קעגן דעם קעניג און די רייכע פּריצים. און ווי אומעטום זוכן די מענטשן וועגן צו אַ בעסער לעבן. צום ליכטיקערן מאָרגן.

דערנאָך האָט פּראַאים שוין דערציילט גדליה׳ן מער, אַז אויך דאָ אין פּוילן האָט זיך אַ ריר געטאָן. עס זאַמלען זיך נייע כחות. ניט די

פריצים, נאָר דאָס פּראָסטע פאָלק... זיי וועלן דעם אַלטן שימל פאַר־טרייבן. אַ ניי, פריי פּוילן וועט אויפקומען.

און דערנאָך איז ער ווידער פאַרשוואונדן און אויף אַ צייט ניט צו־ריקגעקומען. אומזיסט האָט חנה אים דערוואַרט יעדן טאָג. פלעגט אַלע רגע אַרויסקוקן דורכן פענצטער צום וועג. ניטאָ מער פּראָאים, און זי איז אַרומגעגאַנגען, ווי זי וואָלט עמיצן אַ נאָענטן פאַרלאָרן.

ס'איז אַוועק דער זומער. אָסיען איז געווען אין דרויסן מיט כמאַ־רעדיקע טריפנדיקע הימלען, מיט צעווייקטע פעלדער און וועגן, מיט קאַליוזשעס אויף די גאַסן. אין שטוב האָט זיך חנה געפּאַרעט אַרום אויוועז און די אַלטע פאַראומערטקייט איז געווען אין איר.

אויך גדליה האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער איז צוליב די בלאָטעס ניט געפאָרן אין די דערפער און ניט געקענט באַנעמען פון וואָס נעמט זיך די אומעטיקייט אין שטוב, פאַרוואָס פרעסט אויף דער נשמה אַזאַ שווערקייט, וואָס איז אָן אַן אויסוועג. ווען פּראָאים וואָלט איצט געווען, וואָלט געווען אַנ־דערש. ער האָט עפּעס אַ ליכטיקייט פאַרמאָגט. אומזיסט האָט גדליה פּרובירט אויפוויקלען אַ געשפּרעך מיט חנה'ן. ס'איז ניט געגאַנגען.

חנה האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן ערשטן טרוקענעם טאָג מיט אַ לייכטן פרעסטל. ס'האָט זיך באַ איר אַנגעקליבן אַסך גרעט און זי איז אַוועק מיט דעם צום טייך, וואַשן.

זי איז געקומען אַהיים אַ דורכגענעצטע און דורכגעציטערטע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט אַ גאַנצן טאָג כמעט ווי ניט געגעסן, האָט זי זיך דאָך ניט געפילט הונגעריק. זי האָט זיך געמאַכט אַ הייס גלאָז טיי און אָן אויסגעמאַטערטע איז זי אַנידערגעפאַלן שלאָפן. באַנאַכט האָט זי שטאַרק געקרעכצט.

גדליה האָט זיך אויפגעוועקט. אַ טאַפּ געטאָן איר שטערן. זי האָט אינגאַנצן געברענט און געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע רייד. האָט גע־רופן פּראָאימען, גדליה'ן . . . האָט זיך גדליה דערשראָקן. אויפגעוועקט די שכנ'טע און אַליין איז ער געלאָפן נאָכן רופא.

ער איז באַלד געקומען מיט ברוך דעם רופא. ברוך — אַ הויכער, אויסגעדאַרטער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל און אומגעגנט.

ער איז צוגעקומען צו חנה'ן. האָט דערזען אירע צעפלאַמטע באַקן. די אויגן אירע, האַלב אָפן, האָבן אים, דאַכט זיך, ניט געזען. זיי האָבן געקוקט אין אומבאַשטימטער ווייטקייט.

דער רופא האָט אַרויסגענומען דעם גראַדוסניק און עס אַריינגע־

לייגט אונטער חנה׳ס פּאַכווע. דערנאָך אַרויסגענומען די איבעריקע מכשירים.

ער האָט איבערגעלייענט די היץ אויפן גראַדוסניק און גענומען אויסהערן דעם חולה. איינמאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעגאַנגען מיט די פינגער חנה׳ס ברוסט־קאַסטן, די זייטן אויסגעהערט, דאָס האַרץ.

גדליה האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון ברוכן. האָט געזען, ווי זיין פּנים ווערט אַלץ מער פאַרצויגן מיט זאָרג.

— וואָס איז מיט איר? — האָט זיך גדליה ניט געקענט איינהאַלטן.

— אַ שטאַרקע פאַרקילונג.

— וואָס האָט זי לעצטענס געטאָן?

— זי איז געוועןביים טייך. גרעט געוואַשן.

דער רופא האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט.

— נו, מיר האָבן אַ באַרעמהערציקן גאָט. דערווייל גיט איר מאַלינעס מיט טיי צו טרינקען. און טאָקע וואָס מער. און האַלט אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ.

גדליה האָט פאַרשטאַנען אַז ס׳איז שלעכט. האָט ער געשיקט אַ פור מען זאָל ברענגען ריווע־לאה׳ן. די שכנות זענען אַריינגעקומען. מען איז פון חולה ניט אָפּגעטראָטן.

חנה איז געלעגן ווי אין אַ הינערפלעט. אירע פריער צעפלאַמטע באַקן זענען איצט געווען אָן אַ טראָפּן בלוט. דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרן מער דורכזיכטיק און די נאָז איז געוואָרן פאַרשפּיצט. זי איז געוואָרן, וואָס אַ טאָג, אַלץ שוואַכער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן עטלעכע טעג. ברוך דער רופא איז יעדן טאָג געקומען. האָט זי אויסגעהערט. צו גדליה׳ן געזאָגט:

— ס׳איז לונגען־אַנטצינדונג. כ׳האָב זיך פאַר דעם געשראָקן.

— וואָס־זשע טוט מען, ברוך? ראַטעוועט זי! ראַטעוועט זי! — האָט גדליה געבעטן מיט טרערן.

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. ער אַליין קען זי ראַטעווען.

גדליה האָט געזען ווי עס צאַנקט חנה׳ס לעבן. ווי זי רוקט זיך אָפּ אַלץ ווייטער פון אים. ער האָט אָבער די הענט ניט אַראָפּגעלאָזן. „מיר האָבן נאָך אַ גרויסן גאָט“ — האָט די האָפענונג אין אים נאָכגעזאָגט.

יידן זענען געלאָפן אין שול. געעפנט דעם אָרון־קודש. געבעטן. אַ גאַנצע נאַכט האָט אַ חברה געזאָגט תהילים. מען האָט איינגעלייגט וועלטן. נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. חנה האָט נאָך געצויגן אַ טאָג און אינמיטן נאַכט שטיל אויסגעגאַנגען.

***

דער פּלוצימדיקער פאַרלוסט פון חנה׳ן, האָט גדליה׳ן דערשלאָגן. כאָטש זייער צוזאַמענלעבן איז ניט געווען גאָר גליקלעך, האָט ער אָבער ניט געקענט קומען צו זיך פונם׳ם קלאַפּ. אין זכרון האָבן זיך געשטופּט מאָמענטן פון פרייד און גליק, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר. זיי זענען ניט געווען פיל, דאָך האָבן זיי דערמאָנט, אַז חנה האָט געהאַט אויך גוטע מידות, פאַרוואָס־זשע האָט ער זיי פאַרקוקט? פאַרוואָס? . . .

פוסט איז געוואָרן די היים. און דער טאָג־טעגלעכער גאַנג פון לעבן האָט פאַרלאָרן זיין דרינגענדיקייט. גדליה האָט מער קיין פאַר־לאַנג ניט געהאַט אַנצוגיין מיט זיין מסחר. אַן אָפּהענטיקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך אָפּגעלאָזן און אַן אַ ציל אַרומגעבלאָנקעט אין שטוב און אין הויף.

די שכנים פלעגן אַריינקומען. האָבן אים, גדליה׳ן, געמונטערט און גע׳מוסר׳ט: „ס׳איז אַ גאָט זאַך. און דו ביזט נאָך יונג. און כל זמן דער מענטש לעבט, דאַרף ער זיך ניט אָפּלאָזן און פאַרלירן דעם מוט“.

און פּלוצלונג איז געקומען צופאַרן פראָאים. ער איז אַריינגעקומען און איז געבליבן שטיין אויפן שוועל. עס האָט אים פאַרוואונדערט די שטילקייט.

מאָדנע! . . . די גאַנצע צייט אויפן וועג זענען אים אין די אויערן געווען די קלאַנגען פון חנה׳ס געזאַנג. אַ שטילע האָפענונג איז אין אים געווען, אַז זיי וועלן אים אַנטקעגן קומען, ווען ער וועט נאָר אין שטוב אַריין. אָבער נאָך מער האָט אים פאַרוואונדערט די פאַרגליווערטקייט פון דעם מעבל, און די פאַרשטויבטע פאַרהאַנגלעך, וואָס האָבן אומעט אַנגעטריבן.

ער האָט דערזען גדליה׳ן, אַ פאַרוואָקסענעם, אַן אָפּגעלאָזענעם, ווי ער זיצט מיט זיין קאָפּ אין די הענט. אַ געפיל אַז עפּעס אַ צרה איז געשען, האָט זיך טיף איינגעשניטן: חנה . . . ער איז געבליבן שטיין אַ געשמידטער. געוואַרט: אפשר וועט ער דערהערן חנה׳ס טריט אין צווייטן צימער. די אויגן האָבן שטום געפרעגט: „וואו איז חנה?“

גדליה האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון אים. זיינע אויגן זענען פאַר־לאָפן געוואָרן מיט טרערן.

— ניטאָ מער מיין חנה. אַליין . . . אַליין געבליבן . . .

פראָאים איז געשטאַנען פאַרשטומט. טרויעריק האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. די געשטאַלט פון חנה׳ן האָט אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן, אַט אַזוי ווי ער האָט זי דערזען דאַמאָלסט, ווען איר האַרץ האָט זיך צעעפנט. דאַמאָלסט ווען זי האָט זיך צעזונגען, און איר זינגען איז

געווען אַזוי פיל באַגער נאָך לעבן און פרייד. ער האָט קוים אַרויס־גערעדט:

— וואָס איז מיט איר געשען? זי איז דאָך געווען פולקאָם געזונט?

— זי האָט זיך פאַרקילטביים טייך, וואַשנדיק גרעט. געקראָגן לונגען אַנטצינדונג. אין עטלעכע טעג איז זי פאַרברענט געוואָרן.

אַ ווײַלע זענען זיי ביידע געבליבן זיצן אָן ווערטער און אָן באַ־וועגונג. פּראָאים איז געווען דער ערשטער צו קומען צו זיך. ער איז צוגעגאַנגען צו גדליה׳ן, האָט זיין האַנט געלייגט אויף גדליה׳ס אַקסל. צוגעבויגן זיך און געזוכט זיין בליק.

פון זיין נאָענטקייט און וואַרעמקייט איז גדליה׳ן אַ טראָפּן לייכטער געוואָרן, און ער האָט אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— פאַל ניט אַריין אין עצבות, גדליה. דאָס אומגליק איז געשען. האָב־זשע מוט!...

ווידער איז אַנטשטאַנען אַ געדריקטע פּויזע. ביי גדליה׳ן אין מוח האָט זיך עפּעס גענומען באַוועגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און ווי ער וואָלט ערשט דערזען, אַז די שטוב איז ניט צוגעראַמט און דער אויוון ניט געהייצט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום אויוון איינהייצן. דערנאָך צוגעשטעלט וואַסער.

שפּעטער זענען זיי ביידע געזעסן ביים טיש און גדליה האָט דער־לאַנגט צום עסן. פּראָאים האָט דערציילט, וואו ער איז די גאַנצע צייט געווען, זינט ער האָט פאַרלאָזן גדליה׳ס שטוב. ער איז געווען אין וואַרשע, וואו ער האָט דערמוטיקט און צוזאַמענגענומען די יידיש־פּוי־לישע פּאַטריאָטן. עס איז צו זיי צוגעשטאַנען איינער, אַ בערעק יאָסע־לעוויטש, אַ מיליטער מאַן, און מען גרייט זיך צום קאַמף. און זעענדיק אַז גדליה איז געוואָרן מער אויפגעלעבט האָט ער געזאָגט:

— קום גאָר מיט מיר קיין וואַרשע, גדליה! קום! משנה מקום, משנה מזל. צי דען אָט דאָ, אין דעם העק, מוז דיין גאַנץ לעבן דורכגיין, אין שטענדיקער האָרעוואַניע און דאגות פאַר בלויז אַ שטיקל ברויט און בגד? עס קען דאָך זיין אַ בעסער לעבן. עס איז דאָך אין אונדז געווענדט...

גדליה׳ן זענען געפעלן געוואָרן פּראָאימס רייד. ער האָט זיך אָנ־געכאַפּט אָן זיין עצה. יע. ער מוז אַרויס פון דער ענגשאַפט, אין וועלכן זיין לעבן איז אַריין. איצט האַלט אים דאָ קיין זאַך ניט צו. ער איז פריי. ער מוז אַוועק פון דאַנעט, כאָטש אויף אַ קורצער צייט.

בלויז צוויי טעג האָט פּראָאים געזאַמט אין גדליה׳ס שטוב. ער איז געווען פאַרטראָגן און אומגעדולדיק. געשטאַנען ביים פענצטער און צו־

געקוקט ווי עס גיסט אַ דריבנע, געדיכט רעגנדל. צום אָונט האָט דער רעגן אויפגעהערט. פראָאים איז געוואָרן אויפגעלעבטער.

— נו, מירן פאָרן, גדליה?

— מאָרגן, אם־ירצה־השם. זאָל נאָר אַביסל אויסטריקענען די וועגן, וועלן מיר פאָרן. איך האָב געבעטן מײנע שכנים, אַז זיי זאָלן האַלטן אַן אויג אויף מיין שטוב. איך האָב זיי געזאָגט עפּעס אַ תירוץ, אַז איך מוז אויף אַ שטיקל צייט אַוועק וועגן אַ מסחר, וואָס מיר ביידע דאַרפן מאַכן. יאָ. מיר'ן פאָרן!...

פאַרטאָג האָט אַ לייכטער פרעסטל פאַרצויגן די בלאָטעס. גדליה האָט גענומען איינפּאַקן די זאַכן. אונטערגעיאָגט פון פראָאים'ס אומ־געדולדיקייט, איז ער גיך פאַרטיק געוואָרן. ער האָט געשפּאַנט דעם פערד־און־וואָגן. דערנאָך האָבן ביידע זיך געזעצט אָפּעסן.

פראָאים איז געווען אויפגעלעבט און האָט מיט אַפּעטיט פאַרצערט אַלץ אויפן טיש. גדליה אָבער האָט קוים פאַרזוכט דאָס עסן. עפּעס אַזאַ שווערקייט איז אים באַפאַלן, אַזש ס'האָט ביז ווייטיק פאַרדריקט דאָס האַרץ.

לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש. האָט אָפּגעראַמט די ברעקלעך. אויסגעוואַשן דאָס געשיר. האָט, אַן אומעטיקער, אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַרויס, פאַרשליסנדיק די טיר.

ער האָט דעם שליסל אַריינגעגעבן צו זיין שכן און זיי האָבן זיך געלאָזן אין וועג.

ניט פריילעכער איז גדליה'ן געווען אויפן האַרצן, ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן די היימישע ערטער. ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט זיך שיידן מיט אַ טייל פון זיין לעבן, וואָס איז געווען פריילינג־דיק, זוניק און פול מיט האָפענונגען. ער האָט ניט געוואָלט צולאָזן צום געדאַנק, אַז ער פאַרלאָזט טאַקע די היים. ער פאָרט זיך בלויז דורך.

נאָר אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג איז אים לייכטער געוואָרן. ס'איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ האָפענונג: ווער ווייס, ס'קען דאָך זיין אַנדערש. אָט ווי פראָאים האָט געזאָגט. און טאַקע אויך בעסער.

אַ געפיל פון דרייסטקייט און אַרויסרוף צו דער אונבאַוואוסטער צוקונפט, האָט זיך דערוועקט אין אים, און פאַרטריבן די נאָגעניש. ער האָט איצט מיט נייגיר באַטראַכט דעם וועג און די נייע ערטער. און פריי האָט ער זיך דערפילט. קיין אחריות פאַרן מאָרגן, קיין לאַסט. איינער אַליין, וועט ער ניט פאַרפאַלן גיין. און עפּעס, ווי נייע כחות וואָלטן אָנגעקוואָלן, האָט ער אָן מורא געקוקט דעם פאַרמעסט פון לעבן.

נאָך אַ טאָג און נאַכט פאָרן האָבן זיי, פאַרנאַכט צו, זיך דערנעענ־

טערט צו דער הויפּט־שטאָט. זיי זענען אַריין אין די פאָרשטעטלעך. דער וואָגן האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף די ברוקירטע גאַסן. די שטיבער זענען דאָ געווען ווי אין שטעטל.

פראָאים האָט אים געוויזן דעם וועג און זיי זענען פאָרפאָרן צו זיין אויפהאַלטס־פּלאַץ אין איינע פון די פאָרשטעטלעך. עס איז געווען אַ גרויסער הויף מיט אַ סך נידעריקע שטיבלעך און שטאַלן.

קוים אויסגעשפּאַנט דעם פערד־און־וואָגן, אַרומגעוואַשן זיך און אָפּגעגעסן האָט גדליה, פאַר גרויס נייגעריקייט, גלייך געוואָלט גיין אָנקוקן די שטאָט. נאָר פראָאים האָט אים פון דעם אָפּגערעדט.

— רו זיך אויס. מאָרגן וועל איך דיך נעמען און באַווייזן אונדזער שיינע הויפּטשטאָט.

גדליה האָט זיך געלייגט שלאָפן. נאָר ס'האָט זיך ניט געשלאָפן און גאַנץ פרי איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן אַרומקוקן זיך.

ער איז געווען איינער אַליין. אויף די דעכער פון די שטיבער און אויפן ברוק פון די גאַסן איז געלעגן פראָסטיקער טוי. אַלץ איז נאָך געשלאָפן און בלויז די הינט האָבן זיך געלאָזט הערן.

גדליה האָט פּאַמעלעך גענומען גיין. די ערשטע סטרוזשן זענען אַרויס מיט די גרויסע בעזימער קערן די גאַסן. גדליה האָט זיך מיט זיי באַגריסט.

— דזשיען דאָברי! אָדער „גאָט העלף!"

און די סטרוזשעס האָבן אים געענטפערט.

דערנאָך האָבן זיך באַוויזן פורלעך. ער האָט זיך נייגעריק צוגעקוקט. אַ שטאָטישער סוחר האָט געפירט אַ וואָגן קרויט. הויך זענען די גרינע קעפּלעך קרויט געווען אָנגעוואָרפן און צוגעדעקט מיט אַ לייוונט.

אַ פישער, מאָדנע געקליידט אין אַ בורקע און מיט אַן אַלט־פרענקיש היטל אויפן קאָפּ, האָט געפירט צום מאַרק דעם נעכטיקן פאַנג פון פיש. הינטער אים האָט זיך געשלעפּט אַ בידנע פורל פון אַ פּויער מיט געבונדענע עופות. אויך קענטיק צום מאַרק.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע גאַסן האָט ער דערזען אַ געשפּאַן פון צוויי פערד, וואָס האָט געפירט אַ שווערן וואָגן קאַנען מיט מילך פון אַ מילך פאַקטעריי. די קאַנען האָבן געקלאַפּט און געקלימפּערט און געוועקט די פאַרשלאָפענע גאַסן.

דערנאָך האָט ער דערזען אַ פּויערטע, אין אַ לאַנגע פאַטשיילע, פאַרבונדן פון הינטן מיט אַ קנופּ, וואָס האָט געטראָגן קאָראָמיסלעס מיט

צוויי פלאַכע הילצערנע שאָלן, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען קליינע ליימענע טעפּעלעך זויערמילך, מיט געבריטע פאַרברוינטע פּלוי־קעס. קענטיק ניט לאַנג פון אויוון, ווייל פון די טעפּלעך האָט נאָך געשלאָגן אַ פּאַרע.

גדליה׳ן האָט דער שטאָטישער מאכל פאַרשמעקט, און ער איז גרייט געווען קויפן זיך אַ טעפּעלע, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

אַזוי גייענדיק האָט ער ניט באַמערקט, ווי ער איז גאָר אין אַן אַנדער געגנט. די קליינע, נידעריקע שטיבער זענען פאַרשוואונדן. די גאַסן זענען דאָ געווען ברייטע מיט עטוואָס אויפגעהויבענע, געפלאַס־טערטע וועגן באַ די זייטן פאַר די פוסגייער.

אַלטע ביימער האָבן די גאַסן באַצירט. די הויפן גראַמע, ריין און אָנגענעם פאַרן אויג. און יעדע געביידע אין הויף איז דאָ געווען אַנ־דערש. אייניקע מיט ברייטע וועראַנדעס אַרום און מיט באַלקאָנטשיקעס אינדערהויך. געווען דאָ צוויי און דריי־גאָרנדיקע הייזער. און איין הויז מיט געשניצטע קאָלאָנעס פון פאָרענט און גרויסע פענצטער האָט אים ממש פאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט. און ווי גדליה איז אַזוי געשטאַנען און באַוואונדערט די געביידע, איז צוגעקומען צו אים אַ פּאָליציאַנט. האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. אים פאַרהאַלטן און גע־פרעגט:

— וואו איז דיין „טאָג־צעטל״?

גדליה האָט אים אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ער רעדט.

— טאָג־צעטל? צו וואָס דאַרף איך אַ טאָג צעטל?

— אָ, מאַכסט זיך טאַמעוואַטע, זשיד? ווייסט ניט אַז דו טאָרסט ניט אַריינקומען אין שטאָט אָן אַ דערלויבעניש? — און ער האָט אים אָנ־גענומען ביי דער האַנט.

— לאָז אָפּ! — האָט גדליה אַ דונער געטאָן — לאָז אָפּ!!! — און אַרויסגעריסן זיין האַנט מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער פּאָליציאַנט איז אָפּ־געפלויגן און שיער ניט אומגעפאַלן.

ס׳האָט אַ בלאַנק געטאָן אין דער לופט אַ שווערד, וואָס דער פּאָלי־ציאַנט האָט אַרויסגעצויגן און מיט דער בלויזער שווערד אַ לאָז געטאָן זיך צו גדליה׳ן.

פון דעם איז גדליה אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. פאַרוואָס וואַרפט זיך דער פּאָליציאַנט קעגן אים? האָט ער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט? אָבער מיט וואָס? און ווי ער איז געשטאַנען אַזוי צעטומלט און פאַר־לאָרן, האָט דער פּאָליציאַנט אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און גענומען

אים שלעפּן איבער די גאַסן, ווי מען שלעפּט אַ נאַרישן פאַרזינדיקטן לאַבוז.

די פאַרבייגייער, וואָס האָבן דאָס צוגעזען האָבן זיי באַגלייט מיט שטעכווערטלעך: „אַהאַ! געפּאַקט דעם האָז!” „זיי וואַקסן אויס וואו מען זייט זיי ניט”.

גדליה האָט געפלאַמט פון בושה. און אַזוי האָט דער פּאָליציאַנט אים געשלעפּט פון גאַס צו גאַס ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער ראַגאַטקע. דאָ האָט אים דער פּאָליציאַנט אַרויסגעשטופּט און געזאָגט:

— גיי צוריק, פּאַסקודנער זשיד! גיי אַהין פונוואַנעט דו ביזט געקומען. מיר ווילן ניט פאַרלויזיקן מיט אייך אונדזער קרוינשטאָט.

גדליה איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס. טרערן פון בזיון, באַליידיקונג און אַנטריסטונג האָבן אים געשטיקט. ער האָט זיין פויסט געביילט, געהויבן אין דער לופטן. און דערנאָך איז די האַנט מאַכטלאָז אַרונטערגעפאַלן. קעגן וועמען זאָל ער זיך פאַרמעסטן? פאַרוואָס האָט אים די שיינע שטאָט, וועלכע ער האָט אַזוי באַוואונדערט, אויסגעשפּיגן? פאַרוואָס? איז ער דען אַ פרעמדער דאָ? אַ כעס איז אין אים אויפגעקומען צו פּראַאימען. פאַרוואָס האָט ער אים געבראַכט אַהער? ניין, ער וועט גיין צוריק צו זיינע דאָרפישע מענטשן, צו די היימישע גאַסן פון שטעטל. די היימישע פעלדער, לאָנקעס און וועלדער...

און ווי גדליה איז אַזוי געשטאַנען אַן אויפגעטרייסלטער און פאַרלוירענער, דערזעט ער ווי פראַאים לויפט אַ פאַרזאָרגטער.

פראַאים האָט אים דערזען און אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אים.

— וואוהין ביזטו דאָס נעלם געוואָרן גאַנץ פרי? כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און דיך ניט געטראָפן, איז לויף איך אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן דיך זוכן.

— אַ דאַנק דיר פאַר ברענגען מיך אַהער! מוחל! מוחל דיר די טובה. ס'איז דאָך סדום! מען האָט מיך ווי אַ פאַרברעכער געשלעפּט איבער די גאַסן און אַרויסגעוואָרפן, ווי איך וואָלט גאָר קיין מענטש ניט געווען. ווי איך וואָלט אַ פרעמדער געווען. ס'איז מיין פוילן. איך בין דאָ געבאָרן געוואָרן. איך קען זאָגן, מיט דעם זעלבן שטאָלץ, ווי דער פּאָליאַק: „יאַ יעסטעם פּאָלאַקע”. איכ'ל פאָרן צוריק.

— שוין!? דו פאָרסט שוין צוריק? וואָס? דערשראָקן זיך, מסתמא! אָט דאָס איז עס גדליה. מיר — דאָ געבאָרענע, ווערן באַטראַכט ווי פרעמדע, ווי אומגעוואונשטע. אָט אַנטקעגן דעם ווערן מיר קעמפן. און איצט, קום!

— וואוהין?

— קום מיט מיר. ביזט אַליין שולדיק. וואָלסט געוואָרט, וואָלט איך פאַר דיר אַ צעטל געקראָגן. וואָלט געוויזן דיר די שטאָט.

— איך וויל ניט קיין צעטל! איך וויל ניט זיין, וואו מען וויל מיך ניט. כ׳וועל פאָרן צוריק!

— קום! דו ביזט מיט מיר. האָב קיין מורא ניט.

פראָאים האָט אים געפירט אין שטאָט דורך אַן אַנדער ראָגאַטקע און דורך אַנדערע גאַסן און געבראַכט צו זיין אויפהאַלטס־פּלאַץ.

דעם גאַנצן טאָג איז גדליה געזעסן אין שטוב אַן אַנגעדראָלענער און ניט געוואָלט אַרויסגיין אין דרויסן. אָבער אין אָוונט האָט אים פראָאים גענומען מיט זיך.

זיי זענען לאַנג געגאַנגען דורך ניט־באַלויכטענע געסלעך צום עק שטאָט און זענען אַריין אין אַ הויף. אינדערטיף האָט זיך געזען אַ גרויסע סטאָדאָלע. ביים טיר איז אויף דער וואַך געשטאַנען אַ יונגער בחור.

פראָאים האָט זיך מיט אים דורכגערעדט שטילערהייט און דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט צו גדליה׳ן ער זאָל אים נאָכגיין.

אינעווייניק איז געווען געפּאַקט. אַ פופציק־זעכציק יידן פון פאַר־שיידענעם עלטער: יונגע, מיטן ערשטן שפּראָץ פון באָרד און וואָנצעס און יידן שוין באַיאָרנטע, מיט לאַנגע בערד און פיאות. מען איז געזעסן און צווישן זיך געשמועסט. מען האָט געוואָרפן כסדר בליקן צום טיר, ווי זיי וואָלטן אויף עמיצן אויסקוקן.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען אַ הויכער מאַן, אינגאַנצן געגאָלט און אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע בגדים פון די קאַטוילישע גייסטלעכע.

— ווער איז דער? — האָט גדליה נייגעריק געפרעגט.

— דאָס איז דער גלח, קאָלאָנטאַי.

— אַ גלח גאָר, רחמנא לצלן, ווער איז ער?

— איינער פון די פירער פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי.

— צום ערשטן מאָל הער איך עס. וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס זענען אונדזערע יאַקאָבינער — האָט אים פראָאים דער־קלערט. און זעענדיק אַז גדליה פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט, צוגעגעבן:

— אונדזערע פּוילישע יאַקאָבינער שטרעבן אויך צו אַ רעפּובליק אויפן מוסטער פון פראַנקרייך, מיט פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלעמען. פאַר אַלעמען, פאַרשטייסט? אויך פאַר אונדז יידן . . .

נאָר מער אויפקלערן האָט פראָאים ניט געקענט. דער גלח קאָלאָנ־טאַי איז אַרויף אויף דער בינע, געמאַכט פון ברעטלעך, האָט אַרומ־גענומען דעם עולם און אָנגעהויבן צו רעדן.

ער האָט גערעדט וועגן דעם פאָטערלאַנד, וועמענס לעבעדיקן קער־פער מען האָט צעפּאַלמעסט, אָפּגעריסן שטיקער. וועגן דעם אַז פרעמדע, די מאָסקאַליעס דריקן דאָס לאַנד. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן די האַרעפּאַשנע מענטשן, וואָס שקלאַפן זייער גאַנצן לעבן פאַר די פּריצים און געפאָדערט אָפּצושאַפן אַלע שטאַנדן. „נידער מיט דער שקלאַפעריי! נידער מיטן קעניג! זאָל לעבן די רעפּובליק פון פּוילן!!!" האָט ער אויסגערופן.

און פאַרענדיקט האָט דער גלח קאָלאָנטאַי זיין רעדן מיט אַ ווענדונג צו די פאַרזאַמלטע: „איר יידן וועט אין דעם דאָזיקן שיקזאַלפולן מאָ־מענט אַרויסווייזן אייער אמת'ע איבערגעגעבנקייט צו אונדזער פאָטער־לאַנד. איר וועט זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפער".

גדליה האָט געזען די באַגייסטערונג פון דעם עולם. געזען דעם האָפענונגספולן גלי אין זייערע אויגן. אויך אים האָט זיך געוואָלט גלויבן אין אַ בעסער פּוילן. אָבער צווישן אים און זיי איז געשטאַנען די פיינלעכע איבערלעבונג פון היינטיקן פרימאָרגן. דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים אַזוי אכזריות'דיק פאַרשעמט. פאַר די אויגן האָבן גע־טאַנצט די פּנים'ער פון די פּאָליאַקן. זייער געלעכטער. זייער חוזק: „אַהאַ! געכאַפּט אַ האָז!"

„אַ האָז" — דאָס וואָרט האָט אַזוי דערנידעריקט. אַזוי געשטאָכן.

ניין. ער איז ניט קיין שרעקעדיקער. ער וואָלט זיין לעבן אַוועק־געגעבן פאַר דעם וואוילזיין פון זיין פאָטערלאַנד. אָבער ס'האָט אים געפעלט דער גלויבן, אַז אויך פאַר יידן וועט זיין גערעכטיקייט.

גדליה איז געבליבן אין וואַרשע. געוואוינט האָט ער מיט פראַאימען צוזאַמען, און פאַרדינט האָט ער זיין ברויט מיט פערד און וואָגן. פראַאים האָט געלעבט פון זיין שוסטעריי. און צו גדליה'ן איז ער געווען ניט נאָר אַ וועגווייזער, נאָר אויך אַ ברודער. אויף זיך אַליין האָט פראַאים, דאַכט זיך, ווייניק אַכט געלייגט. ער האָט ניט געגעסן אין צייט. ניט געשלאָפן גענוג. ער האָט אינגאַנצן געפיבערט מיטן נייעם דראַנג.

און איינמאָל האָט פראַאים פאַרטרויט גדליה'ן, אַז היינט וועט ער הערן בערעקן ריידן.

— ווער איז ער, דער בערעק?

— בערעק יאָסעלעוויטש, אונדזער פירער! קום מיט מיר. וועסט קיין חרטה ניט האָבן.

ווען נאַכט איז צוגעפאַלן זענען זיי אַוועק. פראַאים האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט. גוט אַרומגעקוקט זיך, צי עס גייען ניט נאָך קיין שפּיאָנען. אויף איינע פון די גאַסן האָט ער דערזען אַ רוסישן פּאַטרול אויף פערד.

פראַאים האָט געביטן דעם וועג. ער האָט דורכגעשניטן איינע פון די הויפן און איז אַריין אין אַ פינצטער געסל. גדליה׳ן האָט זיך געדאַכט אַז דער וועג איז היינט אַזוי לאַנג. און אָט זענען זיי צוגעקומען צו אַ סאַד. הינטערן סאַד, איז געווען אַ מויער. אַ מאַן מיט אַ ביקס איז דאָרטן געשטאַנען.

פראַאים האָט געזאָגט דעם פּאַראָל. און דער מאַן מיטן ביקס האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אַ צייכן אַז ער קען אַריין.

פראַאים מיט גדליה׳ן זענען אַריין אין טיר. אַראָפּגעלאָזן זיך עט־לעכע טרעפּ אין אַ קעלער. ווידער זענען זיי געבליבן פאַר אַ פאַר־מאַכטער טיר מיט אַ וועכטער.

— דעם פּאַראָל ?

— „פאָטערלאַנד און פרייהייט״.

די טיר האָט זיך געעפנט און זיי האָבן דערזען ביי דעם שיין פון עטלעכע לאָמפּן אַ פול אָנגעפּאַקטן קעלער.

די מענטשן זענען געזעסן אויף ברעטער אָוועקגעלייגט אויף זעק מיט תבואה. מען איז געזעסן און צווישן זיך שטיל גערעדט. מען האָט געוואַרט. יעדן מאָל, ווען ס׳פלעגט זיך עפענען די טיר, פלעגט שטיל ווערן: אָט קומט ער, דער פירער. זייער בערעק יאָסעלעוויטש.

און ענדלעך איז ער געקומען אין באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע חברים. ס׳איז שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געקענט הערן יעדן טראָט זיינעם.

גדליה האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. בערעקס׳ס פּנים איז געווען ערנסט. די אויגן האָבן געגליט. ער איז אַ צייט געשטאַנען און אַרומגענומען אַלעמען מיט זיין גליי. און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן, איז דאָס געווען זיין טיפער אייגענער גלויבן, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. ער האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז עס דערנענטערט זיך די שעה פון פאַרמעסט. די שעה פון פּוילענס באַפרייאונג און פון אַ ניי לעבן פאַר אונדז פּוילישע יידן. ער האָט געלייענט די ווערטער פון דעם נאַטשאַלניק, קאָסטיושקאָ: „ביי דער אַלטער רעגירונג האָבן די יידן פאַרטראָגן אַ סך עולות. אָבער היינט, ווען דאָס פאָטערלאַנד איז צו אַלעמען אַ מאַמע און דאַרף אַרויסווייזן יושר, פּאַסט זיך ניט, און עס איז אויך ניט ריכטיק, אַז זיי, וואָס זענען גלייך מיט אַלעמען ניצלעך און ווילן טראָגן גלייך מיט אַלעמען די לאַסט פון קריג, זאָלן ניט געניסן פון אונדזער גנאַד״.

אַ פרייד האָט אָנגעפילט גדליה׳ס גאַנצן וועזן. דאָס מיינט ער דאָך טאָקע אונדז! דאָס זענען געווען גאָר נייע ווערטער. מען האָט זיי פריער זעלטן ווען געהערט אין מויל פון אַ פּאָליאַק.

יענעם טאָג האָט זיך גדליה אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די אויפ־שטענדלער.

די הויפּט־שטאָט האָט געלעבט אין אַ קלימאַט אָנגעהיצט מיט פּאָ־ליטישן פיבער פון געהיימע פאַרזאַמלונגען. מען האָט געשמוגלט גע־ווער און עס באַהאַלטן. אין די וועלדער האָבן זיך מושטרירט די אָנהענגער פון אויפשטאַנד.

ס׳האָט זיך אויך גענומען מערקן די געענדערטע באַציאונג צו די יידן. אין די גאַסן האָט מען אויפגעהערט צו פרעגן וועגן „טאָג־צעטלען״. מען האָט אַפילו אָוועקגעקוקט די הויזירער, וואָס פלעגן טאָן מסחר פון טיר צו טיר. און די שטייגן אויפן שלאָס־פּלאַץ, וואו מען פלעגט האַלטן די פאַרשוּלדיקטע, זענען געבליבן ליידיק.

און אָט איז געקומען דער טאָג.

פאַרטאָג האָבן האַרמאַטן־קנאַלן און אַ ביקסן־איבערשיסונג אַרומ־געכאַפּט די גאַנצע שטאָט. מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן. אַז מען האָט זיך דערוואוסט פון אויפשטאַנד, האָבן אַסך געכאַפּט דאָס באַהאַלטענע געווער און אַרויס אין די גאַסן.

עס זענען דעמאָלט געווען וואונדערלעכע טעג פון גלויבן און האָפע־נונג. מענטשן האָבן זיך געקושט אין די גאַסן. יעדער דערפאָלג פון די אויפשטענדלער, האָט אַרויסגערופן נייעם ענטוזיאַזם. די פרייד אויף די פּנים׳ער פון די פאַרבייגייער, ווען די רוסן האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, איז געווען געוואַלטיק.

די שטאָלץ פון די יידן ווען דער ,יידישער פאָלק האָט פאַרנומען סענאַטאָרן גאַס, האָט פאַרטריבן די רוסן און צוגענומען ביי זיי אַ האַר־מאַט, איז געווען אָן אַ שיעור און אָן אַן עק.

ביי גדליה׳ן אין מוח האָט זיך איינגעקריצט אַזאַ בילד: אַ יידישע ראָטע האָט מאַרשירט איבער די גאַסן און האָט פולבּרוסטיק און גלויביק געזונגען: „יעסטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ״ און די פּאָליאַקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט די מאַרשירענדע מיט באַוואונדערונג, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט דערזען אַ נייעם יידן . . .

אָבער די פרייד האָט ניט אָנגעהאַלטן לאַנג.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן שוועריקייטן. די הויפּט־שטאָט איז גע־ווען פריי און שטאַרק באַפעסטיקט. אָבער איבערן לאַנד זענען די

רעבעלן ניט געווען אַזוי דערפּאָלגרייך. דאָס גאַנצע לאַנד איז ניט אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן זעלבן פייער, ווי מען האָט געהאָפט.

און דאַן איז געקומען דער גרעסטער קלאַפּ. דער נאַטשאַלניק, טאַדעאוש קאָסטשושקאָ איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין שלאַכט ביי מאַ־ציעווא און איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

ווי אבלים זענען אַלע אין יידישן פאָלק געבליבן זיצן דערשלאָגענע. איז שוין אַלץ פאַרלאָרן? איז דאָס דער סוף פון אַלע חלומות? אַ סוף צו פוילנס באַפרייאונג?

איינער בלויז איז געבליבן גלויביק. דער פּאָלקאָווניק, בערעק יאָסעלעוויטש. ער האָט באַפוילן פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונג.

מען האָט זיך מיט מער אימפּעט גענומען בויען וואַלן. אַלטע הייזער און שטאַלן האָט מען צענומען. און די קלעצער האָט מען געשלעפּט און פאַרצאַמט אַלע צוגאַנגען צום שטאָט. אַרומגעלייגט זיי מיט זעקלעך ערד, דער שונא זאָל זיי ניט אונטערצינדן. און מען האָט צעשטעלט דאָ און דאָרט די ווייניק געבליבענע האַרמאַטן.

פראַאימען איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די אָנפירונג ביי איינעם פון די פאַרטיידיקונגס פונקטן.

גדליה און ער זענען געלעגן הינטער די ברוסטווערן. דער שונא איז שוין געווען גאָר נאָענט. האָט אָנגעהויבן צו באַשיסן די שטאָט מיט האַרמאַטן. דאָ און דאָרט האָט אַ האַרמאַטן־קויל אויפגעריסן און צע־שאָטן זיך מיט אַ רעגן פון שפּליטערס, וואָס זענען געפלויגן מיט גוואַלדיקער שטאַרקייט און געטויט און פאַרוואונדעט אַלעמען, וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן. יעדן מאָל, ווען אַ קויל פלעגט אויפרייסן האָט גדליה זיך צוגעדריקט צו דער ערד.

אַזוי איז מען געלעגן הינטער די באַשיצונגען גאַנץ לאַנג. די שפּאַ־נונג איז געוואָקסן. און אָט האָט זיך פון דערווייטנס דערהערט, ווי אַ דונערנדיקע כוואַליע, דער רוסישער „הור־רא־אַ!!!...

פראַאים איז אויפגעשפּרונגען, מיטן ביקס הויך אין האַנט.

— צו די באַריקאַדן!!! צו די באַריקאַדן!!!

אַלע האָבן פאַרנומען די פּלעצער. אָנגעשפּיצט צום טויטלעכן פאַרמעסט.

גדליה האָט אַוועקגעלייגט זיין ביקס אויפן ברוסטווער. ער האָט געצילט אין די רוסן, וואָס האָבן זיך, ווי אַ כוואַליע, געטראָגן אויף די באַשיצער. זיי זענען געווען אַזוי פיל, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס וועט קיין סוף ניט נעמען.

נאָר וואָס נעענטער די כוואַליע מענטשן איז צוגעקומען, אַלץ שי־טערער איז עס געוואָרן. דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרזייט מיט געפאַלענע רוסן. און ענדלעך זענען די פאָדערשטע רייען געלאָפן צוריק, נאָך אַלץ געיאָגט פון די טרעפלעכע קוילן פון די באַשיצער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן לאַנג. די רוסן האָבן געשיקט איין אַטאַקע נאָך דער אַנדערער. דער שלאַכט איז שוין איצט געוואָרן אַ האַנט צו האַנט געשלעג. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קנויל פון טויטלעכן געראַנגל.

פון דעם אַלץ געדענקט נאָר גדליה, ווי ער האָט דערזען אַ קאָזאַק פאַרמעסטען זיך אויף פּראַאימען. ווי ער איז צוגעשפּרונגען מיט זיין שווערד. און דאַן האָט ער דערפילט אַ שאַרפן שניט אין האַנט. אַ זעץ אין קאָפּ און אַלץ איז פינצטער געוואָרן פאַר אים.

ווען גדליה איז געקומען צו זיך איז אַרום געווען נאַכט. עס איז געווען מאָדנע שטיל. בלויז אַ קרעכץ פון אַ פאַרוואונדעטן און אַ וואַיען און כריפּען פון די שטאַרבענדיקע, האָט זיך געהערט דאָ און דאָרט.

דער הימעל אַרום איז געווען ליכטיק פון ברענענדיקע געביידעס. סאַניטאַרן האָבן געהאַלטן אין אַוועקטראָגן די פאַרוואונדעטע.

גדליה האָט געזוכט מיט די אויגן, וואו איז פּראַאים? שווער געווען צו דערקענען עמיצן. אַזוי פיל געפאַלענע זענען דאָ איצט געווען.

גדליה האָט פּרובירט באַוועגן זיך. דער ווייטיק אין האַנט איז געווען ניט איבערצוטראָגן. איז ער געבליבן ליגן. ביסלעכווייז איז ער מער געקומען צו זיך. ער מוז אַוועק פונדאַנעט.

גדליה האָט מיט די לעצטע כחות גענומען קריכן צווישן די גע־פאַלענע. פלעגט זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע, ווען ער האָט דערקענט איינעם, און ווייטער געקראָכן. נאָר אָט האָט ער דערזען עפּעס, וואָס האָט געמאַכט אָפּשטאַרבן דאָס האַרץ.

ער האָט דערזען פּראַאימען. ער איז געלעגן מיטן ביקס נאָך אַלץ פאַרשטייפט אין האַנט. די אַנדערע האַנט אומגעלומפּערט פאַרוואָרפן. דאָס פּנים אַשיק־גרוי. פון צעקרימטן מויל האָבן אַרויסגעשטאַרטשט די ציין.

אַ שאַרפער ווייטיק האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט געקוקט אויף דעם טויטן חבר. די שטענדיק־ליבע שטריכן פון פּראַאים׳ס געזיכט, האָבן זיך שטאַרק פאַרענדערט. איצט זענען זיי געווען פרעמד און ווייט אָפּגערוקט פון דעם פּראַאימען, וואָס ער, גדליה, האָט אַזוי ליב געהאַט און פאַרערט.

גדליה האָט מיט דער געזונטער האַנט באַרירט פּראַאים׳ס שטערן און די קאַלטקייט פון טויט האָט אים אויפגעשוידערט. און אין דעם אייגענעם מאָמענט איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ דראַנג צו לעבן. דאָס האַרץ האָט געריסן. שטיל האָט ער זיך געזעגנט מיט אים: „אַ, פּראַאים! פּראַאים! ברודער. חבר. דו האָסט מיר געוויזן ווי צו לעבן. איך וועל דיר געדענקען . . .״

ער האָט נאָך אַמאָל געוואָרפן אַ בליק צו פּראַאימען. צו די איבע־ריקע געפאַלענע חברים און שטאַרקער גענומען קריכן אויף אַלע פיר, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו אַ פּויערישן הויף. איז אַריין אין אַ שטאַל. אַנידערגעפאַלן אויפן היי, און איז געבליבן ליגן אַן אויסגעשעפּטער.

דעמזעלבן טאָג האָט דער פּויער אים געטראָפן אין שטאַל אַ שלאָפנ־דיקן. ער האָט גדליה׳ן אויסבאַהאַלטן, האָט געזאָרגט וועגן אים, ביז ער איז געקומען צו זיך.

***

ווען גדליה האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג.

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט ריווע־לאה איינגעהאַלטן די קינדער, זיי זאָלן ניט שטערן גדליה׳ס רו. ניט געלאָזן דעם מלמד דאָרט לערנען מיט שלמה׳לען, נאָר געשיקט זיי אין שלאָף־צימער.

עטלעכע מאָל איז רחמיאל אַריינגעקומען אין שטוב צו זען צי דער ברודער איז שוין אויף און ווי ער פילט זיך.

ריווע־לאה, פון איר זייט, האָט זיך די גאַנצע צייט געפּאָרעט אַרום פּריפּעטשאָק, געמאַכט ציקאָריע מיט געבריטע מילך, און בלינצעס. אַזעלכע וואָס זי פלעגט מאַכן יעדן שבועות און גדליה האָט עס ליב געהאַט.

נאָר גדליה האָט פון דעם אַלעס קיין אַנונג ניט געהאַט. אַן אויס־געמאַטערטער איז ער געשלאָפן שעה נאָך שעה. די ציקאָריע, די בלינ־צעס זענען קאַלט געוואָרן. די זון האָט שוין אָנגעהויבן צו בויגן זיך צום מערב, ווען גדליה האָט ענדלעך אויפגעעפנט די אויגן, אַרומגע־נומען דעם צימער און זיך אויפגעזעצט. ער האָט זיך צעגענעצט און דורך דעם געגעצן געגערעדט:

— „נו, האָב איך עס אַריינגעשלאָפן. שוין באַלד, דאַכט זיך, צייט צו דאַווענען מנחה״.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. האָט מיט אַלע כחות אויסגעצויגן די גלידער, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די שלעפערדיגקייט

און מידקייט. ער האָט אַרויסגעוואָרפן אינדערהויך די געזונטע האַנט, אַזש די ביינדלעך האָבן זיך צעקנאַקט. און דאָ ערשט האָט ער דערזען ריווע־לאה׳ן, ווי זי קוקט אויף אים, ווי אויף אַ ביין וואונדער.

— אַ גוט מאָרגן דיר, שוועגערין. געלאָזט שלאָפן אַזוי לאַנג. וואו זענען די קינדער? רחמיאל?

די טיר האָט זיך געעפנט און די קינדער מיטן מלמד זענען אַריינ־געקומען. שלמה׳לע איז צוגעלאָפן.

— פעטער, גדליה! פעטער, גדליה!

גדליה האָט אים דאָס קעפל געגלעט. האָט מיט צופרידנקייט באַ־מערקט, ווי דער קליינער איז אויסגעוואָקסן. ער האָט דערזען דעם מלמד, וואָס איז געשטאַנען מיטן חומש אין האַנט.

— שלום־עליכם! וואָס מאַכט איר, זאנוועל? ער קען עפּעס לער־נען, דער שטיפער?

די מיידלעך זענען אויך צוגעקומען. אַביסל מער איינגעהאַלטן. דאָס עלטערע, שיינדל, איז שוין געווען, כמעט, אַ כלה־מויד.

ערשט איצט האָט שלמה׳לע באַמערקט די פאַרבונדענע האַנט.

— פעטער, גדליה, וואָס איז געשען מיט אייער האַנט?

ריווע־לאה האָט זיך אַריינגעמישט:

— אפשר וואָלט איר אים געלאָזן אַרומוואַשן זיך? עפּעס אין מויל נעמען? — און זי האָט צוגעטראָגן אַ שיסל וואַסער.

זי האָט אים געהאָלפן זיך וואַשן. און דערלאַנגט צום טיש.

שפּעטער זענען רחמיאל, זאנוועל און דער קליינער שלמה׳לע גע־זעסן און צוגעהערט זיך צו גדליה׳ס דערציילן פון זיינע איבערלעבונגען, זינט ער האָט זיין שטוב פאַרלאָזן. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ:

— „עך, ניט כדאי געווען אפשר צו בלייבן לעבן. דאָס רשעות האָט געזיגט. און קיין חבר און מונטערער, ווי פראַאים איז געווען, האָב איך שוין ניט". און גדליה איז שטיל געבליבן.

— ביזט געגאַנגען ניט מיטן יידישן דרך, ברודער, האָט דיך גאָט באַשטראָפט. קומט! לאָמיר דאַווענען מעריב. דער איבערשטער וועט

שטיל און דערדריקט זענען אויך געבליבן די אַנדערע. רחמיאל איז געווען דער ערשטער איבערצוררייסן די געדריקטקייט.

העלפן.

זאַנוולען האָט ווי געטאָן פאַר גדליה׳ן. ער האָט געטראַכט: „מען מוז עוקר זיין דאָס רשעות. אָבער ווען מיר האָבן שוין, אַפילו, אַן אַנדער פוילן, וואָלטן מיר, יידן, דען ניט אַלץ געווען אין גלות? און מוז טאָקע אַ ייד שטענדיק בלייבן אין גלות?"

גדליה איז געווען פאַרטיפט אין רעיונות. געזען פאַר זיך די ביל־דער פון דער שלאַכט און פראַאימ׳ס פאַרשטייפט פנים איז אים געשטאַ־נען פאַר די אויגן.

שלמה׳לע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַ ציטערנדיק האַרץ, איז צוגעקומען צו גדליה׳ן. האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, וואָס זאָל אים דערפרייען, אָבער ער האָט ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער. האָט ער זיך צוגעטוליעט צו אים, און גדליה האָט דערזען אין קינד׳ס אויגן צוויי גרויסע טרערן.

פון דעם יינגעל׳ס טרערן איז אַ לייכטקייט און האָפענונג אויפגע־גאַנגען אין גדליה׳ס האַרץ. ער האָט זיך איינגעבויגן און הייס געקושט שלמה׳לעס קעפּל.

קאַפּיטל פיר

ס'איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט, ווען שלמה האָט פונדערווייטנס דערזען די פּייערלעך אין די שטיבער פון שטעטל קאָנעוויץ.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען אונטערוועגנס.

אָנגעטאָן ווינטערדיק, אין אַ מאַנטל און אין שטיוול. מיט אַ קלומיק אויף די פּלייצעס, האָט ער געטאָפּטשעט איבער די צעפּאָרענע אָסיען־דיקע וועגן.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער. ס'האָט ניט גערעגנט, נאָר אַ פּייכטע, רויע קעלט האָט אים דורכגענומען ביז די ביינער. דערפאַר האָבן אים די ערשטע הייזער, ביים ראַנד פון שטעטל, דערפרייט. ס'איז אים געוואָרן היימלעכער ווען ער איז געגאַנגען איבער די שמאָלע, האַלב־ברוקירטע געסלעך.

ער האָט אַריינגעקוקט אין די פענצטער. ס'וואָלט גוט געווען צו זיין אינעווייניק אין דער וואַרעמקייט פון שטוב. אָבער ער האָט דאָ אין שטעטל קיינעם ניט געקענט. דער רבי זאַנוול האָט שטאַרק גע־רימט די ישיבה אין קאָנעוויץ, און צוליב דעם איז ער אַהער געקומען.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן, ביז די באַלויכטענע פענצטער פון אַ שול האָבן פאַרהאַלטן זיין גאַנג. ער איז אין שול אַריין.

אַ פּאָר מנינים יידן האָבן געהאַלטן אין ענדיקן מעריב. די אינע־ווייניקסטע וואַרעמקייט האָט אים אַנגענעם אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, אַוועקגעלייגט זיין קלומיקל, און אים האָט זיך איצט געוואָלט פאַרשטעקן אַזוי, אַז קיינער זאָל אים ניט זען, אַז ער זאָל דאָ קענען אָפּרוען די מידע פיס. און אפשר וועט מען אים לאָזן דאָ איבערנעכטיקן. וואָרעם וואוהין זאָל ער איצט גיין?

די דאַוונענדיקע יידן האָבן זיך ניט אַרומגעקוקט צו דעם ניי אָנגע־קומענעם. זיי האָבן אָפּגעדאַוונט, דורכגעוואָרפן זיך אין קורצע שמועסן און זיך צעגאַנגען אהיים. אָבער דער אַלטער שמש, שלום־בער, האָט באַמערקט ווי אַ דאַר, הויך בחורל האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם הילפלאָזן בליק פון די אינגעלשע אויגן און דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקעלע.

נאָר דער אַלטער שמש שלום־בער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו אים צוצוגיין. איצט האָט ער צוזאַמענגענומען די איבערגעלאָזענע

ספרים, סידורים אויף די שטענדערס. האָט יעדן ספר אויף זיין געהעריקן פּלאַץ אין דער ספרים שאַנק אוועקגעשטעלט. די סידורים געלייגט באַזונדער אויף אַ באַנק. האָט צערוקט די שטענדערס אין גלייכע שורות. האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט צי אַלץ איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין און איז צו שלמה'ן צוגעגאַנגען.

— שלום־עליכם, אַ איד!

— עליכם־שלום! — האָט שלמה אויסגעשטרעקט זיין דאַרע האַנט און דערפילט די וואַרעמקייט פון שמש'ס האַנטדרוק.

— פונוואַנעט קומט אַ יונגערמאַן? ווער ביזטו?

— איך . . . איך בין שלמה'לע! שלמה . . . — האָט ער זיך גלייך געכאַפּט. — רחמיאל דעם מילנער'ס.

— רחמיאל דעם מילנער'ס? — דער אַלטער שמש האָט געהאַלטן אין האַנט די לאַנגע, ווייסע באָרד און געטראַכט. ער האָט גוט געקענט די גאַנצע געגנט. די אַלע ישובניקעס, אַרענדאַרן.

— וועלכער איז עס? ניט דער וואָס האַלט די מיל ביים פּאַן סטרי־זשעווסקי?

— טאַקע ער, מיין טאַטע! — האָט זיך שלמה דערפרייט, וואָס דער שמש קען אים, דעם טאַטן.

— וואָס־זשע ווילסטו דאָ אין שטעטל?

— איך וויל לערנען אין דער ישיבה.

— וואויל, מיין קינד, וואויל האָסטו געטאָן. נו, שוין שפּעט. האָסטו עפּעס געגעסן?

די וואַרעמע ווערטער פונ'ם אַלטן שמש האָבן שלמה'ן געמוטיקט. ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער איז שטאַרק הונגעריק. אַז ער איז מיד. ער האָט נאָר געוויזן מיטן האַנט אויף זיין קלומיקל.

— כ'האָב געבראַכט מיט זיך וואָס צו עסן, וועל איך אפשר קענען דאָ איבערנעכטיקן?

— נו, אַוודאי, פאַרוואָס ניט? אָבער . . . — דער שמש האָט געקוקט אויף דעם דורכגעקעלטערטן בחורל. — ביזט דאָך האַלב פאַרפראָרן. מען וואָלט באַדאַרפט עפּעס וואַרעמס דיר געבן צו טרינקען. דיך דער־קוויקן. און דער אויוון איז דאָך דאָ ניט געהייצט.

— ניין! ס'מאַכט ניט . . . אַ דאַנק!

דער שמש האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע. האָט פאַרלאָשן דעם הענגענדיקן לאָמפּ און געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט!“

— אַ גוטע נאַכט! — האָט שלמה נאָכגעזאָגט, ווען דער שמש האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער האַלב פינצטערקייט. דאָס ביסל ליכט איז געקומען פון דער איינציקער יאָרצייט־ליכט אין מזרח ביים עמוד. אין האַרצן האָט אַ טיאָכקע געטאָן: „איינער אַליין".

די נאַכטיקע שטילקייט האָט נאָכגעזאָגט דעם קלאַפּן פון האַרץ: „אַליין". מאָדנע שאָטנס פון דעם ברענעדיקן יאָרצייט ליכט האָבן זיך איבערן שול באַוואויגן און דערמאָנט מורא׳דיקע מעשיות וועגן אומרואיקע נשמות, וואָס געפינען ניט קיין רו. פלאָטערן זיי, און פלאָטערן אַרום. זוכן אַ ווינקעלע, וואו זיי זאָלן געפינען מנוחה. און באַלד איז אים געקומען אין קאָפּ: „אוי, וויי! באַלד וועט דאָך זיין חצות־האַלבע נאַכט, ווען די מתים קומען דאַווענען אין שול". אַ ציטער איז אים אַדורך.

שלמה האָט זיך געשטאַרקט. גערעדט צו זיך אַליין: „אויס שלמה׳־לע! אויס קינד! ביזט געקומען אַהער צו לערנען גאָט׳ס תורה און קיין בייז וועט דיר ניט געשען".

ער איז צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס. האָט געוואַשן די הענט. אַרויסגענומען פון קלומיקל ברויט און קעז.

מאָדנע. כאָטש ער איז געווען שטאַרק הונגעריק, האָט זיך דאָך ניט געגעסן. יעדער ביסן האָט זיך אים אין האַלדז געשטעלט. די געדאַנקען זענען געגאַנגען צו דער היים, וואָס ער האָט היינט גאַנץ פרי פאַרלאָזן צום ערשטן מאָל און איז אַוועק אין דער אומבאַקאַנטער, ברייטער וועלט, וואָס האָט גערופן.

אין דרויסן האָט אַן אָסיענדיקער ווינט זיך געיאָגט און גרויסע טראָפּנס וואַסער האָבן געצויגן איינס נאָך דעם אַנדערן איבער די שויבן. ער האָט געטראַכט פון דער וואַרעמער היים און פון זיין געלעגער, וואָס ער האָט פאַרביטן אויף אָט דער קאַלטער שול און האַרטן באַנק. געטראַכט וועגן טאַטע־מאַמע, וועגן זיינע שוועסטער. ווייסן זיי ווי אומבאַהאָלפן זייער שלמה׳לע פילט זיך איצט אין דער פרעמד? שלמה׳־לע?!!! אויס שלמה׳לע! אויס קינד! האָט ער ווידער גערעדט צו זיך. ביי טאַטע־מאַמען איז ער נאָך אַלץ געווען „שלמה׳לע". אָבער ער איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענער. שוין בר־מצווה געוואָרן. און ער איז געקומען איינזאַפּן דאָ די וועלט פון תורה און חכמה. ער מוז דאָ געפינען זיין אָרט.

ניט געאיילטערהייט האָט ער צוזאַמענגענומען די ברעקלעך שפייז. האָט ווידער איינגעוויקלט דאָס איבערגעבליבענע אין אַ טיכעלע, מיט אַן אויסרעכענונג, אַז עס וועט סטאַיען אויף אָנבייסן, מאָרגן אינדערפרי.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן באַנק לעבן קאַלטן אויוון. פֿאַר
אַ קישן האָט ער אונטערגעלייגט דאָס קלומיקל און זיך איבערגעדעקט
מיטן מאַנטל.

ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, אָבער דער שלאָף איז ניט געקומען.
ווי ווייסע אָפּגעריסענע וואָלקענדלעך, האָבן זיך געצויגן דורך זיין מוח
דעראינערונגען פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג און יאָרן. ער זעט פֿאַר זיך
ווידער דעם ברייטן אָפֿענעם אָרום. דעם סטאַוו מיט זיין בלויען וואַסער־
פֿלאַך. דעם וואַלד, וואָס זיין שאָטנדיקייט האָט געמאַניעט און סודות׳־
דיק עפּעס צוגעזאָגט צו אַנטפּלעקן.

ער דערמאָנט זיך דעם מלמד, זאַנוועל, וואָס האָט פֿאַר אים אַנט־
פּלעקט אַ וואונדערבאַרע נייע וועלט. און מיט זיין זינגעוודיקן ניגון
געוועקט געשטאַלטן און וויזיעס פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות. און די גע־
שטאַלטן זיינען געוואָרן לעבעדיק.

אָט איז גדעון — דער אויסלייזער פֿון באַדריקונג. עס פּילט דאָס
פֿאָלק די שווערע האַנט פֿון מדין. אין אַ קעלטער, טיף באַהאַלטן פֿון
שונא׳ס אויג, קלאַפּט ער, גדעון, אויס זיין ווייץ. און דאָרט באַווייזט
זיך צו אים דער מלאך און ברענגט אים דאָס וואָרט, ער זאָל גיין באַ־
פֿרייען דאָס פֿאָלק פֿון מדין.

פֿרעגט גדעון: „אויב גאָט איז מיט אונדז, טאָ פֿאַרוואָס האָט דאָס
אַלץ געטראָפֿן? און וואו זענען די וואונדער, וואָס אונדזערע עלטערן
האָבן אונדז דערציילט? אַצינד האָט ער אונדז איבערגעגעבן אין די
הענט פֿון מדין.

נאָר אַז גדעון דערפֿילט אין זיך גאָט׳ס וואָרט, גורט ער אָן די לענדן.
גייט מיט אַ הייפֿעלע מענטשן און ברענגט די באַפֿרייאונג.

און אָט זעט ער די געשטאַלט פֿון אַ ריז מיט לאַנגע נזיר־
צעפּ. — שמשון. שלמה גייט נאָך די סליאַדן פֿון זיינע טואונגען.

אָט זעט ער ווי שמשון כאַפּט יונגע פֿיקסלעך, בינדט צו פֿלאַם־
שטורקאַצן צו זייערע עקן און צעטרייבט זיי איבער די צייטיקע פֿעלדער.
ער זעט די פֿלאַמען, ווי זיי כאַפּן אַרום פֿעלד נאָך פֿעלד. דאָס נעמט
ער, שמשון, נקמה פֿון די פּלישתּים, פֿאַר זייער דריקן דאָס פֿאָלק ישראל.
אָט זעט ער שמשונען ווי ער שלאָגט די באַדריקער מיט אַן אייזעלשן
קינבאַק אין רמת־לחי. און דערנאָך זעט ער אים אַ באַזיגטן, ווי ער
שטייט מיט אויסגעשטאָכענע אויגן אין טויער פֿון טורעם.

עס יובלען און מאַכן זיך לוסטיק איבער אים די פּלישתּים. וויצלען
זיך איבער דעם אָנמעכטיקן גיבור.

שמשון הערט דאָס אַלץ און מיטן גאַנצן וועזן ווענדט ער זיך צו

גאָט: „אָ, גיב מיר, גאָט צוריק מיינע כחות. נאָך איינמאָל בלויז. זאָלן די הערשער ניט יובלען איבער מיר. ״תמות נפשי עם פלישתים״. און ער דערפילט ווי עס שפּראָצן אים אָן מיטאַמאָל די כחות. ער איז ווידער דער פריערדיקער שמשון.

ער נעמט אַרום מיט זיינע הענט די זיילן פון טורעם. מיט דער אַמאָליקער גבורה גיט ער זיי אַ הויב, אַ שליידער, און עס פליען די שונאים מיט אים צוזאַמען אין אָפּגרונט פון טויט.

און אָט שווימט אַרויס אַן אַנדער געשטאַלט: אַ שטילע, אַ מוטער־לעכע. חנה שטייט אַ צעפּייניקטע אין אַ געצעלט אין שילה. טוט תּפילה, דערפאַר וואָס גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. עס מורמלען די ליפּן: אָ, גיב מיר, גאָט, די פרייד פון מוטערשאַפט. די פרייד און פיין פון גע־בוירן און האָדעווען. זאָל זיין אַ קורצע פרייד, בלויז ביז אַנטוויינען, ווייל כ׳וועל ווידמענען מיין קינד ער זאָל דינען דיך דאָס גאַנצע לעבן.

און אָט שטייט זי ווידער פאַרן כהן, עלי. אין אירע הענט האַלט זי אַ אינגעל — דער חלום פון איר גאַנץ לעבן. און איצט וועט זי עס איבערלאָזן דאָ אין געצעלט, מיטן כהן, עלי, צו דינען גאָט. עס רייסט און וויינט דאָס האַרץ. און טרערן שטופּן זיך. נאָר מיט שטאָלץ און שטאַרקייט דערלאַנגט זי דאָס קינד צום כהן. זי האָט פאַר גאָט אַ נדר געטאָן, זי וועט דעם נדר האַלטן. איר לעבן איז ניט געוועזן אומזיסט.

און עס גייט פאַר שלמה׳ן דורך די געשטאַלט פון שמואל הנביא. אַ שטרייגער און גאָטפאַרכטיקער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין אייגן לעבן, אויסער די געבאָטן פון גאָט און זאָרגן פאַרן פאָלק.

און עס קומען נאָך און נאָך געשטאַלטן: דער מלך שאול, מיט זיין מאַיעסטעטישן וואוקס און אויסזען. דער ערשטער בויער פון ישראל מלוכה. מיט זיינע קאַמפן קעגן די באַדריקער — די פלישתים, מיט זיין ווידערשפעניקן די שטרענגקייט פון שמואל הנביא. און די גע־שטאַלט פון אַ פּאַסטוך־אינגל — דוד.

דוד — אַ געראויטעלטער מיט ליכטיקע אויגן און שיינעם אויסזען, דער יונגסטער פון דער משפחה פון ישי. דער געהיים־געזאַלבטער, ווי ער קומט אין פעלד פון די קריגער קעגן די פלישתים. ער זעט און פאַרנעמט די רייד פון דעם ריז, גלית מיט זיין לעסטערונג: „ווער פון אייך וועט גיין קעגן מיר?״

און דוד, דאָס אינגל איז גרייט צו גיין קעגן דעם ריז, גלית.

און אַז דער מלך שאול, האָט אים דערזען אָן אַ געשמידטן פאַנצער, אָן אַ שווערד, בלויז מיט זיין שטיין־שליידערער און פאַסטוך זעקל מיט שטיינער, האָט ער געזאָגט:

— דו קענסט ניט גיין אויף דעם פּלישתּי, מלחמה צו האַלטן, וואָרום דו ביזט אַ אינגל און ער איז אַ מאַן פון מלחמה פון זיין יוגנט אָן.

האָט דוד געזאָגט:

— דיין קנעכט איז געווען אַ פּאַסטוך ביי די שאָף פון זיין פאָטער. און אַז אַ לייב איז געקומען, אָדער אַ בער און האָט געוואָלט פאַרצוקן אַ שעפּעלע פון דער סטאַדע, האָב איך זיך קעגנגעשטעלט און האָב אים געשלאָגן. און דער דאָזיקער פּלישתּי וועט זיין ווי איינער פון זיי, ווייל ער האָט געלעסטערט די רייען פון לעבעדיקן גאָט.

און ס'איז געווען ווי גלית דער פּלישתּי איז אויפגעשטאַנען אַנט־קעגן דוד'ן, אַזוי האָט דוד געאײַלט אַנטקעגן אים, האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין זעקל, האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שטיין און אַ שליידער געטאָן מיט קראַפט און געניטקייט. דער שטיין האָט געטראָפן גלית'ן אין שטערן און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד.

און מיטאַמאָל רייסט זיך דער שנור פון געשטאַלטן פון די פאַר־גאַנגענע צייטן איבער און עס קומט אים אין זכרון דאָס לעבן אַרום דער מיל. אַ ייד, אָפּגעריסן פון יידישן לעבן. אַ ייד צווישן גוים. אַ לעבן וואָס איז געווען נאָענט צו דער ערד. אויסגעפּילט ביזן ראַנד מיט טעגלעכע קליינע דאגות און אַרבעטן.

ער דערמאָנט זיך די גוישע שכנים. און די קינדער, מיט וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן: יאַנעק, סטאַשעק, מאַרוסקע . . .

זיי זענען אים געווען נאָענט. זיי זענען געווען אַ טייל פון אים, ווי עס איז געווען נאָענט די ערד, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן. וואו ער האָט איינגעזאַפּט אירע זאַפטן, זיך אָנגעטרונקען מיט דער בלויקייט פון די הימלען אין פרילינג און זומער. און זיך אָנגעזעטיקט מיט די וויסטע ווייטקייטן פון אומענדלעך־פאַרשנייטע פעלדער אין די ווינטערס. אַלץ איז אים דאָרט געווען אייגנס: דער טייך, דער וואַלד, די ביימער אויפן וועג. אַפילו די שטיינער.

מאַרוסקע . . . איר געשטאַלט — אַ בלויער קאָרן־בלימעלע צווישן צייטיגע זאַנגען. די ערשטע רייפקייט פון מיידלשאַפט. די יונגע בריסט־לעך צייכענען זיך קוים אַרויס פון בלוזקעלע. דאָס בלאָנדע קעפּל־האָר פאַרקעמט מיט אַ גלייכן שרונט אינמיטן און די צוויי צעפּ צוזאַמענגע־האַלטן מיט אַ שטענגע.

ער האָט קוים גענומען איינדרעמלען און דערזען אין האַלב־דרעמל יענע געשעענישן, וואָס האָבן אים געבראַכט, געטריבן און אונטערגע־איילט זיין אַוועקפאָרן פון דער היים.

ער איז געגאַנגען אין וואַלד און געטראָפן מאַרוסקען איינע אַליין.

זי האָט געקליבן געלע שוועמלעך: ליסיטשקעס. זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן אַריינגעטאָן אין קלייבן. ער האָט זיך צוגע־גנב׳עט און שטי־פעריש געוואָלט זי איבערשרעקן.

זי האָט זיך טאַקע דערשראָקן פון זיין פלוצימדיקן אָנקום. אָבער באַלד האָט זיך אַ ליבלעכער, צופרידענער שמייכל צעלייגט אויף אירע פולע ליפּעלעך. די בלויע אויגן האָבן זיך צעלויכטן.

— ווי קומסטו אין וואַלד, שליאָמיק? אַ, שלעכטער, האָסט מיך דערשראָקן! און זי האָט געמאַכט אַ ברוגזע מינע.

האָט ער ניט געקענט זאָגן איר, אַז ער איז געגאַנגען אין וואַלד, ווייל ער האָט געוואָלט ביחידות איבערטראַכטן די געדאַנקען, וואָס האָבן אים געמאַטערט, אַז אים איז קליין געוואָרן די וועלט אַרום מיל. אַז דער מלמד, זאנוועל, וואָס לערנט שוין מיט אים גמרא, האַלט אַז איצטער דאַרף ער פאָרן אין אַ ישיבה אין דער פרעמד. און אַז די פרעמדע וועלט שרעקט אים.

אָט די אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן אים פריער אינגאַנצן פאַרנומען און אויסגעזען אַזוי וויכטיק, זענען מיטאַמאָל צערונען געוואָרן. איצט, אַז זי איז געשטאַנען נאָענט לעבן אים, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי די זון וואָלט זיך פלוצים אַרויסגעריסן פון אַ כמאַרע, און עס איז אים געוואָרן ליכטיק און וואַרעם אויפן האַרצן. ברייט האָבן זיך צעעפנט זיינע נאָזלעכער און איינגעאָטעמט דעם דופט פון יונגן סאָסניק און שוועמלעך צוזאַמען, וואָס האָט פון איר געטראָגן. די ריחות האָבן גע־וועקט אין אים עפּעס אומקלאָרעס. דאָס האַרץ האָט, דאַכט זיך, אָנגע־הויבן האַסטיקער קלאַפּן און ער פילט אַז ס׳יערן אין אים נייע דראַנגען . . .

מאָדנע. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס שלמה האָט די נייע דראַנגען דערפילט. ער און מאַרוסקע זענען דאָך אינאיינעם אויסגע־וואָקסן. קליינערהייט זיך געבאָדן צוזאַמען אין טייכל. דערנאָך איז עפּעס פון זיך אַליין געוואָרן, אַז ער האָט אויפגעהערט צו באָדן זיך מיט איר. ס׳איז ניט שיין, האָט די מאַמע געזאָגט.

טאָג־טעגלעך שפּילענדיק זיך, איז מאַרוסקע געווען ניט מער ווי אַ חבר. און ווי קינדער פּלעגן זיי זיך שפּילן, זיך קריגן. אַפילו צע־שלאָגן זיך אַמאָל און דערנאָך ווידער גוט ווערן.

שלמה האָט ליב געהאַט צו דערציילן איר די מעשיות פון חומש. און זי, מאַרוסקע, פלעגט שלינגען יעדן וואָרט פון זיין מויל. ווען די מעשיות פלעגן זיך אויסלאָזן טרויעריק, האָט זי טרערן געהאַט. און פאַרקערט, ווען זיין דערציילן פלעגט זיך אויסלאָזן גוט, איז זי געווען

צופרידן און פון באַגייסטערונג האָט זי אים אַפילו עטלעכע מאָל אַ קוש געגעבן. אָבער קיינמאָל האָט ער זיך ניט געפילט באַרוישט פון איר נאַענטקייט. איצט אָבער האָט אים געצויגן אָט די נאָענטקייט ענגער צו מאַכן. און דאָך איז ער געשטאַנען און ניט געוואַגט.

אויך מאַרוסקע האָט עפּעס ענלעכעס געפילט. אין אירע אויגן איז געווען אַן אַרויסרוף. אירע האַלב צעעפענטע ליפּן האָבן געצויגן. און פּלוצים האָט זי דעם קאַשיק אַ שליידער געטאָן אַן אַ זייט און אויס־געשריגן:

— אַנו, כאַפּ מיך!!! וועסט מיך ניט דעריאָגן!... און זי האָט זיך שטיפעריש געלאָזט לויפן צווישן די ביימער.

שלמה איז פון מאַרוסקעס שטיפערישקייט אָנגעצונדן געוואָרן. האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. זי האָט זיך פלינק געדרייט צווישן ביימער. אָט, אָט האָט ער זי געפּאַקט, נאָר זי גיט זיך גיך אַ דריי־אויס הינטער אַ בוים, און לויפט שוין ווייטער. ער איז אַריין אין אַ מין געוועט: ער וועט איר ווייזן ווער ס'איז פלינקער, ביז ער האָט זי ענדלעך געכאַפּט. זיי זיינען ביידע געפאַלן צווישן די קוסטעס. ביידע אויסגעמאַטערטע, ביידע לאַכנדיקע און גליקלעכע . . .

— אַהאַ! אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט! איצט וועסטו שוין ניט אַנטלויפן, שטיפערקע! — האָט שלמה אויסגערופן מיט פרייד.

מאַרוסקע האָט ניט געפּרוווט אַנטלויפן. זי האָט זיך געטוליעט צו אים. האָט אָפּגעשפּיליעט דאָס אויבערשטע קנעפל פון זיין העמד און איז צוגעפאַלן צו זיין נאַקעטער ברוסט, וואָס האָט זיך איצט געהויבן ווי אַ בלאָז־זאַק.

דער באַריר פון אירע הייסע ליפּן האָט אים אַ ברי געטאָן. דער ברי האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן גוף ווי אַ פאַנטאַן רעגנשפּריצן און האָט אים אָנגעפילט מיט גענוס און באַפרידיקונג.

שלמה האָט איצט פון קיין זאַך ניט געטראַכט. אים האָט זיך גע־וואָלט, אַז דער באַריר זאָל דויערן און דויערן. און פּלוצים האָט זיך אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ, דורכגעטראָגן אין זיין מוח: „אוי ווי! ס'איז דאָך אַן עבירה צו ליגן מיט אַן אשה! . . .

שלמה האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון איר און קיין כחות ניט געהאַט. דאָ, אין טיפן וואַלד, פול מיט סודות פון יצירה, איז דאָך דאָס געווען אַזוי נאַטירלעך. פאַרוואָס טאָר מען ניט? אַז, דאַכט זיך, יעדע גרעזעלע, יעדער קוסט, בוים. יעדער שוויטשער פון פויגעל אין דער נעסט האָט געזונגען מיט דראַנג פון באַהעפטן. נאָר דער בליץ אין מוח, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ וואָרנונג, האָט שוין ניט געלאָזט צורו.

און שלמה האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון איר אומאַרמונג.

זיי זענען אויפגעשטאַנען פון גראָז. די אויגן האָבן זיך באַגעגענט. אין איר בליק איז געווען נייגעריקייט און שטיפערישקייט. אויף די ליפּן אַ צופרידענער שמייכל פון אָנגענעמער איבעראַשונג. ער אָבער, האָט זיין בליק ניט אויסגעהאַלטן און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען אַהיים, אָבער ניט די זעלבע, ווי זיי זענען אין וואַלד געקומען. מיטאַמאָל האָבן זיי זיך דערפילט ווי דער־וואַקסענע. ביידע טראָגן אין זיך דעם סוד פון נייער אַנטדעקונג.

שלמה׳ן האָט דאָס נייע געשראָקן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יע־דערער וועט דעם סוד אַראָפּלייענען פון זיין פּנים. און ער האָט איצט ניט געוואָלט באַגעגענען זיין פאָטער׳ס פרומען בליק.

מאַרוסקע האָט זיך געזעגנט מיט אים פריילעך, ווי אַמאָל, נאָך אַ שטיפערישן שפּיל און איז אַוועק.

שלמה׳ן איז באַנג געווען, וואָס זי גייט אַוועק. און אין דערזעלבער צייט אומהיימלעך: „וואָס וואָלט דער רבי זאָגן, ווען ער וואָלט זיך דערוויסן? און דער טאַטע?״ און פון דעם האָט זיין האַרץ געזונקען.

נאָכגעיאָגט מיט אַ געפיל פון זינדיקייט, איז ער אין שטוב אַריין. גוט איז, וואָס אין שטוב איז איצט קיינער ניטאָ. דער מלמד, זאַנוועל, שפּאַצירט אודאי אַרום סטאַוו. די מאַמע איז זיך עוסק אין הויף.

שלמה איז געשטאַנען פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אויס־וועג. אַן ענטפער אויף דעם מאַטערנדיקן געפיל פון זינד. ער וועט זען וואָס די גמרא זאָגט וועגן דעם, איז ער צוגעגאַנגען צום אַלמער, אַרויס־גענומען די גמרא קידושין און זי געעפנט:

„האיש מקדש בו ובשלוחו״ — אַ מאַן קען מקדש זיין אַליין און דורך אַ שליח. פרעגט די גמראָ: „השתאָ בשלוחו מקדש בו מיבעיא?״ אמר רב יוסף מצוה בו יותר מבשלוחו״. — אויב ער קען מקדש זיין דורך אַ שליח, קאָן ער דאָך אַליין אודאי מקדש זיין. האָט רב יוסף געזאָגט, ס׳איז מער מצוה מקדש זיין אַליין, ווי דורך אַ שליח . . .

שלמה האָט איבערגעחזרט די ווערטער: „עס איז מער מצוה אַליין מקדש צו זיין, ווי דורך אַ שליח״. און ער האָט זיך פאַרטראַכט:

„מאַרוסקע וועל איך נישט קענען מקדש זיין, נישט אַליין און נישט דורך אַ שליח . . .״

ער האָט גענומען לערנען די גמרא נאָכאַמאָל, הגם ער האָט עס שוין גוט געקענט. ער איז עס איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל מיטן רבי׳ן. אָבער איצטער האָט ער עס געלערנט מיט מער כוונה, מיט התלהבות. פּרובירט טיפער אַריינדרינגען אינ׳ם מיין פון די ווערטער, ווי ער וואָלט

געוואָלט מיט אַלע זיינע כחות עפּעס פאַרשרייען און איבערשרייען: „עס איז מער מצוה אַליין מקדש צו זיין, ווי דורך אַ שליח" . . .

אַז ער האָט געענדיקט לערנען, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער וועט מער ניט טראַכטן פון דעם. איצט וועט שוין אַלץ זיין ווי פריער, ווען זיין גאַנצער וועזן איז פול געווען מיט די רייד פון גאָט'ס תורה.

שלמה איז אַרויס אין דרויסן. זיינע אויגן האָבן פונדערווייטנס דערזען דעם וואַלד. די אָט ערשט זיכערקייט אין זיך איז אויסגערונען. ווידער האָט ער געטראַכט פון דער געשעעניש אין וואַלד און ס'האָט אויפּסניי אויפגעטויכט אַ באַגער ווידער צו זיך טרעפן מיט מאַרוסקען...

„זינד! זינד!" — האָט פאַרשטיקט עפּעס געשריען אין דער טיף — „אָבער פאַרוואָס זינד? גאָט האָט דאָך מיך אַזוי באַשאַפן? יע, אָבער . . . אָבער צוויי וועגן זענען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן: דער וועג פון יצר־טוב און דער וועג פון יצר־הרע..."

שלמה האָט ניט געפונען קיין ענטפער צו דעם נייעם קנויל פון געדאַנקען. די מחשבות האָבן אים עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין געראַנגל אַזוי, אַז ער האָט אויפגעהערט צו עסן און דאָס לערנען מיט'ן רבי'ן איז געווען אַ קנאַפּער מיטל צו געפינען אַן אויסוועג.

שלמה איז אַריין אין מיל. ער האָט געוואָלט זיך מיט עפּעס פאַר־טומלען. מיט ברען פון אַרבעט פאַרשטופן דעם אָנרויש פון נייע געפילן, נייע שפּירונגען . . .

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און צוגעהערט זיך צו דעם טלאַפּ־טלאַפּ פון די רעדער. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ ניט באַשטענדיקייט פון זייער קלאַפּן. אַהאַ! ס'פעלט אודאי אַ לאַפּקע. דאָס ראָד, אָט דרייט עס זיך שנעל און ווידער פּאַמעלעך.

שלמה האָט דערזען דעם טאַטן, רחמיאל'ן, ווי אַלעמאָל אַ פאַרמע־ליקטער, מיט די ציצית אַרויס פון קאַמיזעלקע, האָט ער געשמייעט אין מיל. דאָס פּנים אָנגעלאָדן, פאַרזאָרגט. אפשר דערפון וואָס ס'פעלט אַ לאַפּעטקע אין ראָד?

שלמה האָט גענומען אַ שטיק האָלץ, אָפּגעצייכנט די מאָס פון דער לאַפּעטקע, האָט עס אויסגעשניטן און אַריינגעשטעלט. דער דריי פון ראָד איז געוואָרן רעגעלמעסיקער.

דער טאַטע איז צוגעקומען און האָט מיט צופרידנקייט באַטראַכט שלמה'ס אויפטו.

— גוט האָסטו געטאָן, מיין קינד. כ'האָב אַליין געוואָלט פאַרריכטן. כ'קען ניט פאַרטראָגן ווען דאָס ראָד דרייט זיך ניט רעכטמעסיק. אָבער מען קען זיך דען צערייסן? אַז וואַצלאַוו איז שוין דריי טעג ניט געקומען

אין מיל. האָט זיך פאַרשיכור׳ט. און אַליין . . . — רחמיאל האָט ניט פאַרענידקט, בלויז אַ טיפן זיפץ געטאָן.

פון דעמאָלט אָן פלעגט שלמה יעדן טאָג אַריינקומען אין מיל העלפן. ער האָט דאָס אויך פריער געטאָן פון צייט צו צייט. אָבער דער טאַטע איז פריער נישט געווען שטאַרק צופרידן צו זען אים אין מיל. עס האָט זיך דעם טאַטן געדאַכט, אַז ער רייסט אים אַוועק פון לערנען.

אויף מאָרגן האָט דער טאַטע געזאָגט:

— ווייסט, שלמה, מען דאַרף די שטיינער פאַרריכטן.

אינאיינעם מיט׳ן טאַטן, האָט שלמה אויפגעהויבן דעם מילשטיין מיט קלינעס און מיט דראָנגען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט. דאָס גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פנים, אָבער אָנגענעם איז געווען דאָס געפיל, אַז ער קען שוין אַרבעטן ווי אַ גרויסער. און כאָטש די דרענגלעך שניידן איין די אַקסלען ביז שאַרפן ווייטיק, דאָך האָט ער מיטן טאַטן אויפגעהויבן דעם מילשטיין און אים איבערגעקערט.

דערנאָך איז ער, ווי דער טאַטע — אַ פאַרמעליקטער און אַ פאַרשטויבטער געזעסן אויף די שטיינער און מיט אַ שטאָלענעם פלאַטשיקן האַמער אויסגעהאַקט רינעלעך אין שטיין. צווישן די רינעס אין שטיינערנע בייטן, פיקט ער אויס מיט שפּיציקן דלאָט שאַרפע לעכעלעך.

די שטיינשפּריצן שיסן אים אין פנים אַריין. און ער טראָגט גלעזער צום ערשטן מאָל צו פאַרהיטן די אויגן.

שפּעטער, ווען די שטיינער זענען שוין געווען אָנגעשמידט, האָט ער, אינאיינעם מיט׳ן טאַטן אַרויפגעלייגט דעם אויבערשטיין און איינגעריכטעוועט, אַז שטיין אויף שטיין זאָל ליגן גלייך.

דער טאַטע האָט געלאָזן די שטיינער דרייען. אַרום און אַרום האָבן פונקען אָנגעהויבן פליען.

מען האָט ווידער געריכטעוועט די שטיינער און ענדלעך דרייען זיי זיך און קיין פונקען פליען שוין ניט מער. אַ סימן אַז ס׳איז ריכטיק געלאַדעוועט.

אָפּגעאַרבעט און אָנגעהאָרעוועט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ,איז שלמה צוגעפאַלן מיט חשק צו דער גמרא. ס׳איז אים געווען ליב צו לערנען. וועגן מאַרוסקען האָט ער, דאַכט זיך, פאַרגעסן. ביז זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן. דאַסמאָל אין געשניטענעם פעלד.

מאַרוסקע האָט זיך שוין באַטראַכט ווי אַ דערוואַקסענע און זיך פאַרדונגען אויף אַרבעט אין פעלד. די שניטער האָבן שוין געוואָרפן די אַרבעט און אַוועק אַהיים. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט פאַרגעסן איר

טיכל אין פעלד, איז זי צוריקגעגאַנגען. אויפן וועג האָט זי דערזען שלמה׳ן ווי ער גייט טיף פאַרטראַכט.

שלמה האָט זי ניט געזען ביז זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. שטום און צומישט האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן.

זי האָט געלאַכט:

— סאַראַ מאָדנער! גייסט און זעסט גאָר קיינעם נישט? עפּעס ביזטו איצט אַזאַ פאַרטראַכטער. אַזאַ פרעמדער. וואָס איז מיט דיר, שליאָמקע? אפשר אין כעס אויף מיר?

שלמה׳ן האָט די לעצטע פראַגע געוואונדערט. אין כעס? אויף וועמען? ווי קען ער זיין אין כעס אויף איר, אַז ס׳איז אים אַזוי אַנגענעם איר נאָענטקייט. אַנגענעם אַריינצוקוקן אין אירע בלויע אויגן, אין אירע צערויטעלטע באַקן . . .

מאָדנע . .. בלויז קנאַפּע צוויי וואָכן, ווי זיי האָבן זיך אין וואַלד געטראָפן און איצט זעט ער פאַר זיך אַן אַנדער מאַרוסקע. פון אירע אויגן שטראַלט אַרויס אַ צויבער, וואָס נעמט אים ווייך אַרום. און ס׳ווילט זיך אים איצט זי אַרומנעמען און צודריקן צו זיך.

ערגעץ פון דער טיף קומט אַ וואָרנונג: „מען טאָר ניט״. ער באַרואיקט זיך. „ניין״. אַרומנעמען זי סתם אַזוי, ווי אַ חברטע, מיט וועלכע ער איז אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי איבער די פעלדער, מיט וועמען ער פלעגט גיין רייסן בלויע קאָרן־בלימעלעך און פלעכטן זיי דערנאָך אין קראַנצן.

אָבער ס׳איז פאָרט ניט די זעלבע מאַרוסקע. זי האָט זיך אַזוי צעבליט. און ער אָטעמט איין דעם רייצנדיקן געריך פון איר יונג לייב. זיי רייפן ביידע ווי די זאַנגען דאָ אין פעלד.

ער איז נאָך אַלץ געבליבן שטום. מאַרוסקע האָט גערעדט:

— שטייסט אַזוי און גלאָצסט מיט די אויגן. וואָסי? אַלץ פאַרטאָן אין דיין לערנען? וועסט זיין אַ ראַבין אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע? . . . כאַ־כאַ־כאַ — האָט זי זיך צעלאַכט.

אירע ווערטער, איר לאַכן האָבן אים ווייטאָגדיק אַ שטאָך געטאָן. זי האָט עס מסתמא באַמערקט, ווייל באַלד איז זי געוואָרן ערנסט. איז צוגעטראָטן נעענטער, האָט באַרירט זיין האַנט און אין אירע אויגן איז ווידער געוווען דער וואַרעמער אויסשטראַהל, אַן אַ שמץ פון שפּאָט. זי האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דעם זון פאַרגאַנג.

— זע! גיב נאָר אַ קוק ווי די זון פאַרגייט! וואָס פאַר אַ הימל . . .

די מערב׳דיקע זון האָט זיך געטונקען אין קאָלירפולע וואָלקענדלעך, פון צונטער־רויט, בלאַס־רדזשעוון, אַזש ביז ווייאָלעט. די לופט איז

געוועזן קיל און דופטיק. די נאָך־ניט־געשניטענע פעלדער האָבן זיך געצייכנט אויפן האָריזאָנט מיט זייער שפּע. אויף די אַנדערע אָפּגעשאָ־רענע פעלדער זענען געווען פולע סקירדעס מיט סנאָפּעס.

— קום! זעץ זיך, שליאָמיק! אָדער דו דאַרפסט אַוועקגיין? ניין? קום! דערצייל מיר עפּעס פון דיינע שיינע מעשה׳לעך. שוין לאַנג ניט געהערט. עך, ביזט שוין איצט אַ גרויסער און קיין שיינע מעשה׳לעך האָסטו ניט מער. — זי האָט אים אַ צי געטאָן צום גראָז.

שלמה האָט זיך געזעצט לעבן איר. די הענט האָבן זיך אַליין פאַר־פלאָכטן אַרום איר. שטום, אָן אויסצורייִדן אַ וואָרט זענען זיי געזעסן. זיין גאַנצער וועזן איז געווען דורכגעדרונגען מיט איר נאָענטע וואַרעמ־קייט.

די לעצטע שטראַלן פון דער זון זענען ציטערדיק געבליבן הענגען אויף די שפּיצן פון די בוימער און לאַנגזאַם זיך אויסגעלאָשן. עס האָבן זיי אַביסל לענגער פאַרהאַלטן די וואָלקענדלעך אינדערהויך. ביז אויך זיי זענען טונקל געוואָרן, שאָטנס פון נאַכט האָבן געניטערט און אָנגע־פילט דעם חלל מיט בענקשאַפט.

ביידנס הערצער זענען וואַך געווען און אויפגענומען מיט ציטער דעם צויבער פון פאַרגאַנגענעם טאָג. די שלווה פון פאַרנאַכט האָט באַרואיקט. און צי איז דאָס געווען אַ פאַר־געפיל פון צעשיידונג? נאָר ס׳האָט זיך ניט געוואָלט אָפּרייסן.

מאַרוסקע איז געווען די ערשטע זיך אויפצוכאַפּן פון אָט דעם כשוף. זי האָט זיך אויפגעהויבן און שווייגענדיק זענען זיי אַהיים געגאַנגען.

נאָך דער באַגעגעניש האָט שלמה ווידער ניט געקענט געפינען קיין רו.

דער סוף זומער איז געקומען. אָט איז שוין אַוועקגעפלויגן דער באָטשאַן. קיינער קומט שוין מער ניט צום נעסט אין בוים קעגנאיבער זייער שטוב. און דער בוים אַליין, ווי די עלטער וואָלט זיך אויף אים אָנגערוקט. אויסגערונען איז זיין גרינער פּראַכט. די געלע בלעטער פאַלן, וויגן זיך אין דער לופט און לייגן זיך אויף דער ערד.

אַרום סטאַוו, וואו ס׳איז דעם גאַנצן זומער געווען פריילעך און לעבעדיק, און וועלכער איז פול געווען מיט באָדנדיקע, מיט מענטשן אויף שיפלעך און פיש־כאַפּער — איז איצט ליידיק.

די קאָרן־פעלדער, וואָס האָבן געגרינט און געציטיקט, וועמעס זאַנגען האָבן זיך געכוואַליעט אין ווינט און מיט זייער שפע פאַרכאַפּט דאָס אויג, שטייען איצט נאַקעטע. פון זיי ווייִנט אַרויס אַ גרויקייט און

אומעט. פון אומעטום יאָגט דער אָנזאָג פון פאַרגיין און ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן דער צויבער פון די היימישע ערטער.

עס ציט ערגעצוואו פונדאַנעט און אַן אומרו לאָזט שלמה׳ן ניט אָפּ. וואָלט כאָטש געווען אַ חבר, פאַר וועמען ער וואָלט געקענט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

מיט יאַנעקן און סטאַשעקן קען ער דאָס נישט טאָן. מאָדנע פרעמד זענען זיי אים געוואָרן.

דעם זומער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, איז ער געפאָרן מיט זיי אויפן וויהאָן, אויף נאַכטלעגער.

ס׳איז אָנגענעם צו זיין מיט דער חברה באַנאַכט אין פעלד. אַרום איז שטאָק־פינצטער און אונהיימלעך, אָבער ביים פייער איז פריילעך צו זיצן. די געפּענטעטע פערד זענען צעשאָטן איבערן וויהאָן. די נאַכט איז פול מיט דעם זעג־געזאַנג פון די גרילן. איז שלמה׳ן אָנגענעם געווען מיטצוהאַלטן אין זייערע שטיפערייען און געשפּרעכן. ער האָט ליב געהאַט די עבודה פון „זשאַרען קאַרטאָפל“. ער פלעגט זיי פון פייער אַרויסכאַפּן און מיט די הוילע הענט וואַרפן צו דער חברה.

נאָר, ווען יאַנעק האָט צוגעלאַסטשעט אַ בלודנעם הונט, האָט צו זיין עק צוגעבונדן אַ בלעכענעם קאַן, האָט דערנאָך אַ בריקע געטאָן מיטן פוס און דער הונט האָט מיט אַ סקאַוואוטשע געלאָזט זיך אַנטלויפן, זיך געיאָגט מיטן קלאַפּענדיקן בלעכענעם קאַן איבער זיינע הינטערשטע פיס, און די גאַנצע חברה איז זיך פאַרגאַנגען אין צופרידענעם געלעכטער, איבער זיין שפּיצל, האָט שלמה ניט געקענט מיטלאַכן. ס׳האָט אים וויי געטאָן פאַר דעם בלודנעם הונט און זייער שפּיצל האָט עפּעס ווי באַליידיקט.

אָדער, ווען דערזעלבער יאַנעק האָט דערזען אַ פויגל־נעסט אויף אַ בוים און געלאָזט זיך קריכן, געוואָלט צעראָיען עס, האָט שלמה ניט געלאָזט, ער האָט אַרונטער געשלעפּט יאַנעק׳ן פון בוים: „האָדיע! גענוג!“

יאַנעק האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די קולאַקעס. אַרויסגעזשיפּעט:

— דיינע דאגות! זשאַלעוועסט זיי? — און יאַנעק האָט זיך ניט באַרואיקט ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט. צעראָיעט די נעסט.

שלמה האָט אַזאַ רשעות ניט געקענט באַגרייפן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער טאָט דאַרף זיין באַזינט מיט גוטע כוונות צו גאָט׳ס וועלט. ביי אים האָט די וועלט פון חיות און פויגל אַרויסגערופן אַ וואַרעם געפיל.

נאָך אומעטיקער איז אים געוואָרן, ווען דער רבי זאנוועל איז אַוועקגעפאָרן. שלמה האָט געהאַט אַסך פּעולה ביי אים. האָט שוין גע־קענט אַליין לערנען אַ בלאַט גמרא. איז שלמה'ן שווער געווען צו גע־זעגענען זיך מיטן מלמד. ער האָט אים ליב געקראָגן. און כאָטש דער רבי האָט שטאָלצירט מיט זיין תלמיד, האָט ער דאָך מער ניט געוואָלט בלייבן.

— ער דאַרף מיך שוין מער ניט האָבן — האָט זאנוועל מלמד גערעדט צו די עלטערן. — ער דאַרף פאָרן אין דער פרעמד. אין אַ ישיבה. דאָרטן, אין דער ישיבה, וועט פון אים ווערן אַ מענטש . . .

די פרעמד האָט גערופן און געשראָקן, ווייל שלמה איז נאָך ווייטער פון דעם שכנות'דיקן שטעטל אין ערגעץ ניט געהאַט אַרויסגעפאָרן.

גלייך נאָך די ימים־טובים איז נאָך אומעטיקער געוואָרן. נידעריק האָבן זיך די וואָלקנס אַראָפּגעלאָזט און געטריפט מיט אַן איינגעגעסענעם דריבנעם רעגנדל. עס איז ענג געוואָרן אין שטוב און קיין פאַרלאַנג ניט געווען מער צו זען, ווי דער סטאַוו פרירט איין. ווי די אָפענע פעלדער און לאָנקעס וועלן באַדעקט ווערן מיט ווייסן שניי.

שלמה האָט זיך געגומען גרייטן אין וועג. ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט אַוועקצוגיין צופוס אין שטעטל קאָנעוויץ, וואו ער וועט לערנען אין דער ישיבה.

ער האָט וועגן זיין באַשלוס דערציילט די עלטערן.

דער טאַטע האָט זיך געריכט אויף דעם. דאָך איז אים איצט שטאַרק אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט געטראַכט: „ס'וואָלט גוט גע־ווען צו האָבן אַן אייגן קינד וואָס זאָל דיך אַרויסהעלפן". זינט שלמה האָט אים זומער געהאָלפן ריכטעווען די שטיינער, האָט ער וועגן דעם געטראַכט. שוין ניטאָ מער די פריערדיקע יונגע כחות. ס'פאַלט שווע־רער די אַרבעט און קיין לייטישן אַרבעטער קריגט מען ניט. רחמיאל האָט עס אָבער ניט אַרויסגעזאָגט. ער האָט זיין האַנט געלייגט אויף שלמה'ס פּלייצע, און געזאָגט:

— אודאי, מיין זון, איז פאַר דיר קיין תכלית ניט צו בלייבן דאָ. גיי און זיי מצליח.

די מאַמע האָט זיך צעוויינט. זי וואָלט ליבערשט געהאַט די קינדער אַרום זיך. שיינדל האָט חתונה געהאַט און וואוינט ערגעץ אין אַ דאָרף, ווייט פון דער היים. איצט וועט אויך אַוועקפאָרן איר שלמה'לע. זי האָט זיך אָבער געמאַכט האַרץ און גענומען צוגרייטן זיינע זאַכן, וועש און אַנדערע נויטיקייטן. זי האָט אָנגעגרייט גאָמעלקעס פון קעז, האַרטע אייער און אויסגעבאַקן פרישע געבעקס.

די מאַמע האָט די זאַכן איינגעפּאַקט אין אַ קלומיק און געלאָזט אין געהיים אַ טרער.

שלמה האָט זיך צעזעגנט מיט טאַטע־מאַמען, מיט דער שוועסטער. האָט אויסגעווישט די טרערן און האָט זיך געלאָזט אין וועג.

***

דער אַלטער שמש שלום־בער האָט אויפגעעפנט די שול און געפונען שלמה׳ן נאָך אַ שלאָפנדיקן.

שטיי אויף! שטיי אויף! לעבודת־הבורא! — האָט ער שלמה׳ן געוועקט. — באַלד וועלן די באַלעבאַטים קומען דאַווענען. שטיי אויף!

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט. פאַרטאָג ערשט איז ער איינגעשלאָפן מיט אַ שטאַרקן שלאָף. צעטומלט האָט ער געקוקט אויף דעם אַלטן שמש, אויף די ווענט פון שול . . . „וואו איז ער?״ — ער האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

שלום־בער האָט אים באַרואיקט:

— שטיי אויף! וואַש זיך. וועסטו דאַווענען מיטן ערשטן מנין. דערנאָך וועסטו אַריין צו מיר. מיין יידענע וועט געבן וואַרעמען קרופּ־ניק, אַ גלאָז טיי. און איך וועל דערווייל זען ביי די באַלעבאַטים פאַר דיר טעג צו קריגן. וועסטו דערנאָך גיין אין דער ישיבה.

שלמה האָט געפאָלגט. האָט זיך גיך אָפּגעפערטיקט מיטן וואַשן און האָט געדאַוונט מיט כוונה. הייס־גלויביק האָט ער געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים העלפן און פירן אין יידישן דרך. ער האָט בכיוון געלאָזט הערן זיין יונגן קול׳כל, זאָגנדיק די שחרית תפילות מיט אַ האַרציקן ניגון, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דאַווענער.

די באַלעבאַטים האָבן געפרעגט ביים שמש: „ווער איז דאָס בחורל?״

דער שמש האָט זיי דערציילט: אַז ס׳איז אַ באַלעבאַטיש קינד. גע־קומען לערנען אין דער ישיבה. און דערביי טאַקע באַלד אָנגעפרעגט, צי זיי קענען אים געבן אַ טאָג עסן, שלמה זאָל קענען קומען צום ראש־ישיבה און זאָגן, אַז מיט עסן איז ער פאַרזאָרגט.

אַ צופרידענער איז דערנאָך דער שמש געגאַנגען מיט שלמה׳ן צו זיך אַהיים.

— נו, פינף טעג האָב איך שוין פאַר דיר, פעלט אויס פרייטיק און שבת. אַז גאָט וועט העלפן, וועסטו אויך דאָס האָבן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ נידעריקער שטוב. אַ טרעפּ אַראָפּ האָט געפירט אינעווייניק אַריין. אין טיר האָט זיך דער אַלטער שמש עטוואָס איינגעבויגן. שלמה האָט אים נאָכגעפאָלגט.

— אַ גוט מאָרגן! — האָט ער געזאָגט אין דער האַלב טונקלקייט צו אַ פרוי, אַ קיילעכדיקע ווי אַ פעסל, איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע.

— גוט מאָרגן! — האָט פון פעסל עפּעס ברוגזלעך אַרויסגערעדט, ווי איר וואָלט ניט ניחא געווען צו האָבן געסט גלייך אינדערפרי.

זי האָט דערזען אַ דאַר, יונג בחורל, וואָס איז געשטאַנען מיטן קלומיק און הילפלאָז געקוקט דאָ אויף איר און דאָ אויף איר מאַן, ניט וויסענדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן.

זי איז צוגעקומען נעענטער. באַטראַכט אים: אַ באַלעבאַטיש קינד. צום ערשטן מאָל, מסתמא, אינדערפרעמד. האָט זי צוגענומען דעם קלומיקל פון זיינע הענט און עס אַוועקגעלייגט.

— קום אַריין! קום אַריין! — האָט זי וואַרעם גערעדט. שטיי ניט ביי דער טיר! אָט אַזוי. נעם אַראָפּ דעם בגד.

אַז ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, האָט זי אים ווידער באַטראַכט.

— דו ביזט אודאי הונגעריק, האַ? איז גיי וואַש זיך צום עסן.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די פאַטשיילע. איז געוואָרן העכער און אינגער און שפּריטנע גענומען גרייטן צום עסן. אויסגעשפּרייט אַ טיש־טוך. האָט דערלאַנגט ברויט, זאַלץ.

שלום־בער האָט זיך געזעצט צום טיש און צוגערוקט אַ בענקל פאַר שלמה׳ן. האָט אָפּגעשניטן אַ פּעניץ שוואַרץ־ברויט, האָט עס באַשאָטן געדיכט מיט זאַלץ און געמאַכט „המוציא״. דערלאַנגט דעם לאַבן ברויט שלמה׳ן.

דאָס ווייב האָט צוגעטראָגן אַ האַלבן הערינג. צעשניטן אַ ציבעלע אין רייפטעלעך, וואָס האָבן זיך געטונקט אין עסיק און גערייצט דעם אַפּעטיט.

צום ערשטן מאָל ביי אַ פרעמדן טיש, האָט שלמה גענומען אַ שטיקל הערינג און אַ בליק געטאָן צו דער שמש׳טע, ווי איינער, וואָס וויל זיין זיכער, אַז מען מעג. דער הערינג האָט זיך אים אויסגעוויזן זייער באַ־טעמ׳ט און ער האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און גענומען נאָך אַ שטיקל. דער קרופּניק, עטוואָס באַוויסט, איז אויך געווען גוט. דער־נאָך האָט זי דערלאַנגט טיי אין ליימענע טעפּעלעך.

שלמה האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי אים אין קלומיקל ליגן נאָך בול־קעלעך, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן, האָט ער זיי פון קלומיקל אַרויסגענומען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

דאַן האָט די שמש׳טע זיך אויך אָנגעגאָסן אַ טעפּעלע טיי און פאַר־זוכט פון גאַסט׳ס געבעקס.

— אוי־וואַ! אמת־שבועת׳דיקע געבעקס. די מאַמע האָט דאָס געבאַקן?

— די מאַמע.

— פונוואַנעט? פון דערווייט?

— ניט זייער ווייט. סטריזשעווסקי׳ס מיל.

שלום־בער האָט געענדיקט בענטשן.

— נו, נו! בענטש אָפּ. צייט שוין צו גיין אין דער ישיבה. און זאָל גאָט מצליח זיין דיין וועג.

שלמה האָט אָפּגעבענטשט. האָט באַדאַנקט דעם שמש און זיין פרוי און איז אַוועק.

⁂

שוין באַלד צוויי וואָכן, ווי שלמה לערנט אין דער ישיבה. נאָר היינט, דאָנערשטיק, איז ער געקומען אין שול, וואו ער נעכטיקט. היינט, ווי יעדן דאָנערשטיק, האָלט ער משמור. ער לערנט ביז טיף אין דער נאַכט, פאַר זיך אַליין.

שלמה איז געזעסן ביי דער אָפענער גמרא. די וואַקסענע ליכט האָבן געגעבן ווייניק ליכט. האָבן קוים באַלויכטן דעם טיש. און עטוואָס ווייטער פון טיש האָבן געהויערט שאָטנס איבער שאָטנס.

די ערשטע נעכט אין שול האָט זיך שלמה געשראָקן פאַר די שאָטנס אין די ווינקלען, נאָר איצט איז ער שוין צו דעם צוגעוואוינט.

ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען און דער ווידערקול פון זיין שטים אין דער ליידיקער שול האָט אים אַליין פאַרוואונדערט. האָט ער גענומען לערנען מיט מער התמדה. ס׳האָט זיך אים געוואָלט פאַרשרייען די בענקענעישן און טראַכטונגען, וואָס קוועלן פון אינעווייניקסטער טיף, עס נאַגט און נאָגט. ווידער איז אים געקומען אין זכרון די היים, די מיל, טאַטע, מאַמע, די שוועסטער און זיין קול איז פון זיך אַליין אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט זיך, איצט, אין דער טיפער נאַכט, אַליין אין שול דערפילט פאַרלאָזן און קליין. ער ווייס, אַז שווער איז דער אָנהויב, נאָר עס שטאַרקט אים דער גלויבן אַז ער וועט אַלץ בייקומען. ער טראַכט פון די געשעענישן פון לעצטער וואָך:

אין דער ישיבה איז אים דוקא ניט שווער געווען אָנצוקומען. דער ראש־ישיבה האָט אים פאַרהערט, האָט צוגערופן אַ ישיבה־בחור און געזאָגט:

— סאלניצער, אַט האָסטו זיך אַ חבר צום לערנען! — און געהייסן אים גיין צום טיש.

אָבער ווי שווער איז געווען איינצושטעלן די קלייניקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ניטאָ שוין מער די מאַמע, וואָס האָט אַלץ פאַרזאָרגט. ביי דער מאַמען איז ער אַלעמאָל געווען: „שלמה'לע", אַ קינד, וואָס מען דאַרף העלפן. דאָ איז ער מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן. וועגן אַלץ דאַרף ער אַליין זאָרגן. דאָס נאַכטלעגער איז צו האַרט, נאָר צו דעם קען מען זיך נאָך צוגעוואוינען. אַ סך שווערער איז צו האַלטן זיך ריין אין קער־פּער און די וועש. מיט אַלע ישיבה־בחורים פלעגט ער גיין אין מרחץ און דאָרטן טאַקע געוואַשן זיינע העמדער, גאַטקעס. נאָר שווערער פון אַלץ איז געווען זיך צו צוגעוויינען צו גיין עסן „טעג".

ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז לאַנג געשטאַנען הינטער דער טיר, פון חנא דעם מעל־קרעמער'ס וואוינונג, וואו ער האָט געגעסן זונטיק. די האַנט האָט זיך בשום אופן ניט געהויבן אָנצונעמען די קליאַמקע און עפענען די טיר. אַז ער איז אַריין, איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר. זיינע ליפּן האָבן ניט געקענט אַרויסברענגען דעם „גוט־מאָרגן".

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַן אָרעמע שטוב. זאַכן ליגן אָנגע־וואָרפן אינמיטן שטוב. אויפן ערדענעם דיל איז אויסגעשפּריט אַן אַלטע קאָלדרע, אויף וועלכער עס זענען געזעסן צוויי פאַרזשמורעטע קינדער, אַ הויכע, דאַרע אידענע, דער קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ טיכל, האָט אים פרעמד אָנגעקוקט.

זי האָט זיך מיטן האַנט אַ כאַפּ געטאָן צום קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך ערשט דערמאָנט:

— אודאי פון דער ישיבה? האַ? גאָט, מיינער! מיין מאַן האָט מיט מיר וועגן דעם גערעדט און איך האָב גאָר פאַרגעסן. אַך, מיין קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן! — און זי האָט זיך געכאַפּט כאַטש עטוואָס אויפ־צוראַמען די שטוב.

שלמה איז געשטאַנען אַ צעפּייניגטער. האָט שוין געוואָלט עפענען די טיר און אַרויסגיין. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר אַט דער קראַנ־קער אידענע. אָ, ער וועט זיך ליבערשט קויפן עפּעס צום עסן. ער האָט נאָך אַביסל געלט. נאָר רישע, חנא'ס וויב, האָט שוין גענומען גרייטן דעם טיש. אַ שטיקל לייוונט, וואָס אַמאָל האָט עס געקענט זיין אַ טישטוך, האָט זי ביים עק פון טיש אויסגעשפּרייט. דערלאַנגט שוואַרץ קאָרנעם ברויט און זאַלץ.

— גיי, זיי אַזוי גוט, און וואַש זיך צום עסן! האָב קיין פאַריבל ניט. כ'בין, ניט פאַר דיר געדאַכט, ניט מיט אַלעמען.

רישע האָט פון איווון אַרויסגענומען אַ טעפּל שוואַרצע ציקאָריע. האָט עס פאַרווייסט מיט מילך, און דערלאַנגט צום טיש מיט אַ שטיקל האַרטן צוקער.

שלמה האָט געגעסן דעם אָנבייסן און יעדער ביסן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז. די ציקאָריע איז געווען ביטער און דער צוקער האָט מער ניט געסטייעט ווי אויף צוויי ביסן.

— אַ דאַנק!!! — האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין.

— קומט־זשע בייטאָג! — האָט רישע אים וואַרעם נאָכגעשיקט.

שלמה איז אַרויס. אין דרויסן איז געווען רוי און כמורנע. אָבער אירע לעצטע ווערטער האָבן אים עפּעס אַ וואַרעם געטאָן. עס איז געווען זיין ערשטע דערפאַרונג אין עסן טעג. אין די ווערטער איז געלעגן גוטסקייט און זיי האָבן גרינגער געמאַכט דאָס געמיט.

שלמה האָט געטראַכט: שוין ניט אַזוי שלעכט. אַ פּלאַץ צו שלאָפן איז פאַראַן. שלום־בער האָט אויך אָנגעהויבן צו הייצן דעם אויוון, אַזוי, אַז באַנאַכט איז גאַנץ וואַרעם. וואָס ער דאַרף איצט נויטיק איז דאַביוועט זיך אַ שעניק, ניט צו שלאָפן אויף דער האַרטער באַנק.

בייטאָג, ווען ער איז געקומען עסן מיטאָג צו חנא דעם מעל־קרעמער, האָט ער זיך שוין געפילט היימישער. אין שטוב איז געווען צוגע־ראַמט, און רישע, חנא׳ס ווייב, איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ פרייערן פּנים, אָן דעם נאַסן טיכל אויפן קאָפּ.

זי האָט אויסגעפרעגט פון וואַנעט ער שטאַמט און וואָס עס טוען זיינע עלטערן.

— אַזוי? אַ מילנער. מיין מאַן מוז אים זיכער קענען. ער ווייס אַלעמען פאַר מיילן ווייט.

רישע האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער געקעכץ. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן האָט זי געפרעגט צי ער איז זאַט.

— יע. איך דאַנק אייך. — און שלמה איז ווידער אַוועק אין דער ישיבה.

געלערנט האָט זיך יענעם טאָג זייער גוט. אָבער פאַרנאַכט צו האָט ווידער אָנגעהויבן צו ציען אין האַרצן. ער איז ווידער הונגעריק. נאָך גוט וואָס שפּעטער האָט מען אין דער ישיבה געגעבן הייסן טיי, אָן צוקער. ער האָט נאָך געפונען אין קלומיקל אַ האַרט שטיקל בולקע. דער מאַמע׳ס געשטאַלט איז פאַר אים אויפגעשוואומען: אַך, מאַמע, טייערע, איך האָב גאַר פריער ניט געוואוסט, ווי דיינס אַ בולקעלע איז אַ מחיה.

דער מאַנטיק איז געווען ביי שאול דעם שוסטער. אין שטעטל האָט מען שאול׳ן גערופן, ווי שלמה האָט זיך דערוואוסט, שאול דער טערק. שאול האָט שטאַרק געהאַלטן פון טערק און האָט געגלויבט, אַז יידן וועלן נאָך האָבן צוריק זייער לאַנד. גאָר פשוט, דער טערק וועט עס זיי פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש. און יעדער שמחת־תורה פלעגט ער זיך אָנטאָן ווי אַ טערק, מיט אַ רויטער פעסקע אויפן קאָפּ, פלעגט טאַנצן און זינגען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זיין טערקישע לידער.

שאול׳ס אידענע איז געשטאַנען אין מאַרק מיט אַ קויש אויבס. די באַלעבאַטישקייט האָט געפירט די עלטערע טאָכטער, שוין אַ היבשע מויד.

דאָסמאָל איז שלמה געווען מער דרייסט. ער האָט זיך שוין ניט געפילט אַזוי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, ווי נעכטן.

שאול האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, האָט אָוועקגעלייגט דעם קאפּול מיטן האַמער, האָט אויסגעווישט זיין האַנט אָן דעם פאַרטוך און דערלאַנגט שלמה׳ן אַ ברייטן שלום־עליכם.

— ריווטשעניו! — האָט שאול גערופן אין שטוב. — נעם אויף דעם ישיבה־בחור.

פון קיך איז אַרויס אַ מיטל־וואוקסיקע יונגע מיידל. שלמה האָט זיך געטראָפן מיט איר בליק.ביידע זענען צונטער רויט געוואָרן. זי האָט אים דערמאָנט אָן מאַרוסקען. דאָס זעלבע רונדע פּנים מיט רויטע באַקן. עס האָט פאַר אים אַ שוועב געטאָן דער וואַלד, יענע קינדערישע שטי־פעריי, וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט פאַרבאָטענע פאַרלאַנגען. שלמה האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זי איז אים צו הילף געקומען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

— קום אַריין! זעץ זיך! אָט באַלד וועל איך דערלאַנגען צום עסן. די מאַמע האָט מיר וועגן אַלץ אָנגעזאָגט.

שלמה האָט זיך ניט געקענט העלפן. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו איר. זיין בליק האָט אויפגעכאַפּט די מיידלשע שעמעוודיקייט. זיינע אויגן האָבן באַמערקט די רייפקייט פון איר געשטעל, וואָס האָט זיך געריסן פון ענגן קליידל. און ווען זי האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, האָט ער, דאַכט זיך, דערשמעקט פון איר דעם ריח פון יונגן סאָסניק, ווען דער פרילינג צעוואַרעמט זיינע זאַפטן.

שוין לאַנג, נאָכדעם, זיצנדיק אין דער ישיבה ביים לאַנגן טיש, צוזאַמען מיט די אַנדערע ישיבה־בחורים איבער די גמרות, האָט שלמה ניט געקענט האַלטן זיין קאָפּ קלאָר. דאָס יונגע געשטאַלט פון דעם

מיידל איז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַן עבירה צו טראַכטן פון דעם, נאָר ס'האָט זיך געטראַכט סיי ווי סיי.

אַרום און אַרום זיצן יונגע בחורים און שאָקלען זיך איבער די גמרות. זייער גאַנצער וועזן איז מיט התלהבות אַריינגעטאָן אין לערנען. יונגע הערצער זינגען אַרויס מיט יונגע קולות. זייער געזאַנג צענעמט אים, שלמה'ן, און ער וואָלט איצט וועלן אינגאַנצן צענויפגיסן זיך מיט זיי. אָבער די אויפגעוועקטע געפילן האָבן אים געבראַכט צום סטאַוו, צו די אָפּענע פעלדער. און די פעלדער זענען געשטאַנען פאַר אים זומערדיקע, מיט דער רייפקייט פון צייטיקע געשניטענע זאַנגען, אָט אַזוי, ווי ער געדענקט זיי, ווען ער האָט געטראָפן מאַרוסקען יענעם זומערדיקן זון־פאַרגאַנג אין פעלד.

דעם „דינסטיק" איז געווען ביי אַ רייכערן באַלעבאָס. דערלאַנגט האָט דאָס עסן די דינסט אין קיך. און כאָטש דאָס עסן איז געווען גוט און באַ'טעמ'ט, האָט שלמה זיך געפילט באַליידיקט. ניין, ביי דער מאַמען, אַז עס איז געקומען דער ישיבה־בחור, האָט זי אים געזעצט אויבענאָן. און זי האָט זיך געפילט דערהויבן שוין פון דעם אַליין, וואָס זי זעטיקט אַ בן־תורה און וואָס זי באַדינט אים אַליין.

דעם „מיטוואָך" האָט ער געהאַט ביי אַ יידן, אַ שניט־קרעמער. און מיטוואָך איז געווען אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל. מאַן־און־ווייב זענען פון אינדערפרי געווען פאַרנומען אין קראָם, האָט מען איבערגעלאָזן פאַר אים אַ מטבע, ער זאָל זיך אַליין קויפן וואָס צו עסן.

האָט שלמה זיך געקליגט ווי אויסצוקומען מיטן צענער. פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקל הערינג. דערצו געקויפט ברויט, בייגל און צוקער. טיי האָט מען געקראָגן אין אַ טשיינע. אוי, די שטעטעלשע בייגל מיט טיי, זענען דאָך אַזוי געשמאַק. נאָר אין אָוונט איז ער ווידער הונגעריק. עפּעס זעטיקן ניט די עסנס. דאַכט זיך אָט אָפּגעגעסן און געווען זאַט. עס נעמט אָבער ניט לאַנג און ווידער פילט ער, ווי עס הונגערט אים. אָבער מסתמא מוז עס אַזוי זיין, ווי עס שטייט אין פּרקי אבות: „פּת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן". ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן; וואַסער מיט מאָס זאָלסטו טרינקען און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן — דעמאָלט וועסטו ראוי זיין צו לערנען תורה.

פון דעם „דאָנערשטיק" מוז ער איבערלאָזן עפּעס אויף מאָרגן, אויף פרייטיק, ווייל דער „פרייטיק" פעלט אים אויס. ער וועט ערשט עסן, ווען ער וועט קומען פון שול נאָך קבלת־שבת. דעריבער לאָזט ער אַרונטער אַ שטיק ברויט יעדן דאָנערשטיק און באַהאַלט עס אין קעשענע.

דערפֿאַר אָבער זענען די פֿרייטיק צו נאַכטסן און די שבתים פֿאַר שלמה'ן געווען די בעסטע טעג. געגעסן האָט ער זיי ביי מרים די קאַשע־מאַכערקע.

מרים איז געווען אַן אלמנה. זי און איר קליין אינגל האָבן זיך דערנערט פֿון איר זשאַרנע, אויף וועלכן זי פֿלעגט מאָלן קאַשע פֿאַר דעם גאַנצן שטעטל. זי איז באַוואוסט געווען אין דער גאַנצער געגנט מיט אירע רעטשענע גרויפּן און האָבער גריץ. און איבערהויפּט האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר געשמאַקן רעטשישניק, וועלכן זי פֿלעגט באַקן עטלעכע מאָל אין וואָך, זיי צעשנײַדן אין פּירקאַנטיקע קוגעלעך און פֿאַרקויפֿט זיי אין מאַרק. זי האָט אויך גוטע קונים געהאַט — די ישיבה־בחורים און חדר אינגלעך, פֿאַר וועמען דאָס איז געווען אַן אמת'ע נאַשעריי.

מרים האָט געבעטן שלום־בער דעם שמש, ער זאָל איר שיקן אַ ישיבה־בחור אויף שבת. וועט זיין אַ מאַנסביל, וואָס זאָל מאַכן קידוש. זי האָט דאָס געפּרואווט טאָן אַליין, זינט איר מאַן איז געשטאָרבן. אָבער ס'האָט ניט קיין טעם, ווען אַ אידענע מאַכט קידוש.

אַ גאַנצע וואָך איז מען פֿאַרהאַוועט. אָדער זי שטייט ביי דער זשאַרנע, דרייט און דרייט דאָס ראָד און מאָלט גרויפּן, אָדער זי איז פֿאַרנומען מיט באַקן רעטשישניק און דערנאָך עס פֿאַרקויפֿן. אַ גאַנצע וואָך איז זי פֿאַר'דאגה'ט. שווער איז אַ אידענע צו פֿאַרדינען אויף אויסקומעניש פֿאַר זיך און קינד. דערפֿאַר ווען עס קומט דער שבת, איז דאָס פֿאַר איר אַן אמת'ער עונג און ווי קומט מען טאַקע אויס אַ שבת אָן אַ קידוש און אָן אַן אורח? איז זי טאַקע געווען זייער צופֿרידן, וואָס שלום־בער האָט איר צוגעשיקט שלמה'ן.

פֿרייטיק נאָך קבלת־שבת, איז שלמה געגאַנגען פֿון שול צו מרים'ען. זי האָט געוואוינט אין אַ נידעריק שטיבל, אָרעם און אָפּגעלאָזן אין דרויסן. אינעווייניק איז שלמה אָבער געווען איבערראַשט צו זען, אַז די ווענט זיינען ריין געקאַלכט. אויף די קליינע פֿענצטער הענגען ווייסע פֿאַרהענגלעך. די זשאַרנע שטייט איצט איבערגעדעקט מיט אַ צודעק. אין שטוב איז אַלץ געשייערט. דער טיש איז געגרייט מיט אַ ווייס־קלאָרן טישטוך און אין די צוויי מעשענע לייכטער ברענען ליכט.

שלמה איז אַריין מיט זיין „גוט־שבת", און זי, מרים, האָט אַ פֿריידיקע אים אַנטקעגן געטראָגן איר „גוט־שבת, גוט יאָר!".

שלמה האָט זי, כמעט ווי ניט דערקענט. די פֿאַריאָגטע, פֿאַר'־דאגה'טע אידענע, האָט איצט געשיינט ווי אַ בת־מלכה. קיין סימן פֿון וואָכעדיקן הולך. זי האָט געטראָגן אַן אַטלאַסענעם קלייד, וואָס האָט,

אויסגעזאָגט, אַז אַמאָל איז עס געטראָגן געוואָרן ביי בעסערע אומ־שטענדן. און זי האָט אויסגעקוקט יונגער, די פיגור גלייכער און העכער. אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ מיט אַ פּאָר פּערל־שפּילקעס האָבן איר צוגע־געבן אַ סך חן.

דאָס אינגל, ריין און שבת׳דיק אָנגעטאָן, איז שטיל געזעסן אויפן בענקל.

שלמה האָט מיט אַ האַרציקן ניגון געזאָגט: „שלום־עליכם, מלאכי השלום" און דערפילט די באַדייטונג פון די ווערטער, דאָ, אין שטיבל פון דער אָרעמער קאַשע־מאַכערקע, האָבן איצט, באמת, געשוועבט די מלאכים פון פרידן. און ביידע — די באַלעבאָסטע און איר זון האָבן אַרויפגעקוקט צו שלמה׳ן מיט יראת־הכבוד.

שלמה האָט גענומען אין האַנט דעם בעכער וויין, און מיט זיין בנעימות׳דיקן ניגון פון זיין מלמד, זאַנוול, האָט ער קידוש געמאַכט. יעדעס וואָרט איז געקומען פון ריינעם האַרצן און שלמה האָט צום ערשטן מאָל געפילט די באַפרידיקונג, וואָס ער איז דערוואַקסן צו דעם, וואָס ער איז גאָט׳ס שליח און וואָס מיט זיין קידוש, ברענגט ער צו די מענטשן פרייד און מנוחה.

***

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דער איינגעשטעלטער סדר פון לעבן אין דער ישיבה איז שוין געוואָרן ביי אים אַ געוואוינהייט. מיט דער גאַנצער וואַכקייט פון זיין יונגער נשמה, האָט זיך שלמה אָפּגעגעבן צום לערנען.

ער האָט זיך אויפגעזוכט אַ חבר און מיט אים צוזאַמען געלערנט טאָג איין, טאָג אויס. נאַכט איין, נאַכט אויס. ער איז צוגעפאַלן צו גאָט דורך עוסק זיין אין זיין תורה. דורך טופס זיין דאָס עמקות פון גאָט׳ס חכמה.

ס׳זיינען געווען טעג, ווען שלמה און זיין חבר האָבן אונטערגע־הונגערט, אָבער זיי זיינען געזעסן איבער די גמרות און פאַרגעסן אַפילו דעם הונגער, געווען נעכט, ווען אין שול איז געווען קאַלט. די פענצטער באַדעקט מיט דיקן אייז, און זיי האָבן ניט מפסיק געווען. זייערע נשמות האָבן געצויגן צו רוחניות. צו די מאַנונגען פון גוף האָבן זיי זיך ניט צוגעהערט.

מיט זייער לערנען און אָפּגעהיטע פרומקייט האָט שלמה און זיין חבר אָנגעטראָגן חשק אויף די איבעריקע לערנער. דער ראש־ישיבה האָט זיי געליבט. וויבער אין שטעטל האָבן זיך געבענטשט

מיט זיי: „וואויל און געבענטשט איז דער מאַמעס בויך, וואָס האָט אַזעלכע כשר׳ע קינדער אויף דער וועלט געבראַכט״.

נאָר נאָך אַ גרעסערע באַפרידיקונג, ווי די לויבן פון ראש־ישיבה איז געווען שלמה׳ס אייגענער געפיל, אַז זיין לערנען האָט אַ פּעולה. ער פילט ממש בחוש, ווי עס קוועלט אין אים די חשיבות און דער־הויבונג, אַז ס׳איז גוט צו זיין אַ איד און גיין אין גאָט׳ס וועגן.

געווען אָבער אויך אַנדערע טעג, ווען דער חשק צו לערנען פלעגט מיטאַמאָל אויסרינען. צי האָט דער מידער גוף געמאָנט זיין רו, צי עס האָבן גשמיות׳דיקע ענינים גובר געווען, האָט ער אַליין נישט געוואוסט. נאָר אין אַזעלכע טעג פלעגט אים ציען צו די גרויסע בחורים, וואָס פלעגן אין די בין־השמות׳ן, זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און זיך דערציילן מעשיות.

געווען זיינען די מעשיות פאַרשיידענע: מעשיות מיט ניסים׳דיקע טרעפעונישן מיט צדיקים און מעשיות מיט פאַרשטעלטע שדים, וואָס זוכן אַראָפּצופירן אידישע קינדער פון גלייכן וועג. און כמעט אַלע מאָל פלעגן די מעשיות זיך פאַרענדיקן מיט רייד וועגן נשים, מיט אַנדיי־טונגען, וואָס האָבן געצונדן די בלוטן און אַרויסגערופן גלוסטונגען.

נאָך אַזעלכע שמועסן זיינען די נעכט געווען אומרואיקע. חלומות בייזע, זינדיקע, פלעגן זיך פלאָנטערן און אים מאַטערן.

אויף מאָרגן נאָך אַזאַ נאַכט פלעגט שלמה זיך פילן דערשלאָגן. און דער געפיל פון זינדיקייט האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. פלעגט שלמה דאַן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג און לערנען אָן אַ הפסקה, ביז די נשמה רואיקייט פלעגט זיך אומקערן צו אים. און ווידער האָט ער זיך געפילט ריין פון זינד.

קאַפּיטל פינף

מער ווי צוויי יאָר זיינען אַוועק, זינט שלמה האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין דער ישיבה. איצט איז ער געווען פון די עלטערע בחורים, צו וועמען די יונגערע פלעגן זיך אָפּט ווענדן מיט אַ שווער שטיקל גמרא, אָדער מיט אַ האַרבן רמב״ם.

שלמה איז נאָך אַלץ געווען אַ מתמיד, וואָס האָט ליב געהאַט צו לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. כאָטש אין רעיון פלעגן שוין עגבערן פראַגן, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען פון דרויסן, פון דער ווייטער, פרעמ־דער וועלט.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און אויערן, צו אַלץ, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער פרעמדער וועלט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן וואָס גייט אַן ערגעץ ווייט, האָט אַ קנאַפּן שייכות צו אים און זיין סביבה און אַז די סודות פון סדר העולם זיינען געלעגן אין די הייליקע ספרים. איז שלמה מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן גע־ווען אין לערנען און פאָרשן גאָטס דרכים. ער האָט געגלויבט אַז דאָס לעבן איז גראָד אַזוי פשוט ווען עמיצער גייט מיט אָט דעם וועג. האָט ער זיך דעריבער ווייניק צוגעהערט צו די מעשיות פון מלחמות פון „גוג און מגוג״, וואָס גייען אָן אינדערוועלט. ניט צוגעהערט זיך צו די אָפּקלאַנגען פון ווייטע דונערן און בליצן, צו די געשעענישן אין דער ווייטער וועלט.

נאָר איינמאָל האָט זיך אין בית־המדרש אָפּגעשטעלט אַ ייד פון די ווייטע מקומות. און נאָך מעריב האָט ער געהאַלטן אַ דרשה. און ער האָט דערציילט וואונדערלעכע זאַכן: אַז „ס׳איז אויפגעשטאַנען איין מענטש, אַ שטאַרקער סנחריב־נאַפּאָלעאָן. אַז ער האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך מענטשן אָן אַ צאָל און באַצווינגט מיט זיי לאַנד נאָך לאַנד. און אַז ער און זיינע זעלנער האָבן ניט קיין מורא פאַר די האַרמאַטן פון קיסר פון ווין און נישט פאַר די גרענאַדירן פון קיסר פון פרייסן. קיין קויל, קען אים ניט טרעפן. און וואו ער קומט פירט ער איין נייע געזעצן. די קליינע ווערן דערהויבן און די גרויסע ווערן קליין — משיח׳ס צייטן״.

„ער, דער סנחריב פון צרפת האָט געוואָרפן זיין אויג אויף יידן. ער האָט צוזאַמענגערופן אַן אסיפה פון יידישע גדולים און מחדש געווען

אַ זאַך, וואָס איז ניט געווען טויזנטער יאָרן — געמאַכט אַ סנהדרין גדולה.״

יענע נאַכט און עטלעכע טעג נאָכדעם, זענען די בחורים אין דער ישיבה געווען אויפגעברויזט. מען האָט פּאַר זיך געמאָלן בילדער פון ישועות, וואָס וועלן קומען אויף ישראל. עס זענען געווען השערות, אַז נאַפּאָלעאָנ׳ס מאַכט גרייכט שוין אַזוי וויט, אַזש ביז אויף דער אַנדער זייט פון סמבטיון. אַז דאָס ווינציקסטע וואָס ער קען טאָן, איז אָוועקנעמען ארץ־ישראל פון דעם טערק און עס אָפּגעבן די יידן.

אין דער ישיבה האָט מען דעמאָלט געלערנט ווייניק. און דער ראש־ישיבה איז געווען דערצאָרנט. ער האָט גערעדט צו די תלמידים: „מען זאָל זיך ניט צוהערן צו די פאַרפירערישע רייד, וואָרום ער ווייס אַז נאַפּאָלעאָן איז ניט בעסער פון די אַנדערע מלכים. ער וויל אויך יידישע קינדער אַרויסנעמען פון די ישיבות און חדרים און אַראָפּ־פירן פון גלייכן וועג. און יידישע יונגעלייט וועט ער נעמען גלייך מיט אַנדערע אין זיין חייל, און אין מלחמה, און זיי וועלן מחלל שבת זיין. און עסן טרפות, אל תבטיחו בנדיבים, פאַרלאָזט זיך ניט אַז אַנדערע זאָלן אייך באַגליקן...״

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן, ביז דער רושם פון דעם פרעמדן דרשן, האָט זיך אויסגעוועפּט און ווידער איז שלמה אַריינגעטאָן געווען אין לערנען. נאָר אומגעריכט האָט ער געמוזט איבערייסן.

ס׳איז געווען אַ טאָג — אין דרויסן איז געשטאַנען טיפער ווינטער. די וועלט איז געווען אונטערן צודעק פון שניי. און די פרעסט האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע וואָכן, ווען אין טיר פון דער ישיבה האָט זיך אַריינגעשטעלט נאָטע בעל־עגלה, וועלכער איז געווען שלמה׳ס אַ ווייטער קרוב און געפרעגט אויף רחמיאל דעם מילנער׳ס זון.

שלמה, וואָס האָט זיך גראָד געהאַט פאַרטיפט אין אַ שווערע סוגיא, האָט ניט דערהערט און אויך ניט דערקענט ר׳ נאָטע׳ן, וועלכער איז איצט געווען אָנגעפּעלצט. די וואָנצעס און די באָרד וויס פון פראָסט.

ווען מען האָט אים צוגערופן און ער האָט דערזען דעם קרוב, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף אים, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און אין דערזעלבער צייט דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל פון עפּעס אַן אומגליק.

נאָטע האָט אים דערלאַנגט אַ בריוועלע פון דער מאַמען, ער זאָל באַלד קומען אַהיים. דער טאַטע איז ניט מיט אַלעמען.

שלמה האָט געפּרואווט אויסגעפינען, וואָס מיטן פאָטער האָט געטראָפן. נאָר נאָטע האָט ניט געוואָלט ריידן. ער ווייס ניט. ער איז

אַ בעל־עגלה, מען האָט אים געדונגען צו ברענגען שלמה'ן אַהיים.

— זאָל איך אַהיימנעמען די זאַכן?

— נו, אַוודאי נעם זיי מיט, וואָס דען?

שלמה האָט אויף שנעל איינגעפּאַקט זיינע זאַכן. האָט זיך געזעגנט מיטן ראש־ישיבה, מיט די חברים־לערנער און איז צוגעלאָפן זעגענען זיך מיטן אַלטן שמש שלום־בערן. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן.

דער אַלטער שמש האָט אים געטרייסט: „וויין ניט, מיין קינד, גאָט וועט דעם טאַטן, דיינעם, צושיקן אַ רפואה שלמה."

באַגלייט מיט האַרציקע ווינשעוואַניעס, האָט זיך שלמה אַריינגע־זעצט אין שליטן. נאָטע האָט אים גוט איינגעדעקט. אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און דער שליטן האָט זיך גערירט.

מען איז אַרויס פון שטעטל און שנעל געפאָרן איבערן איינגעלייגטן שניי פון אָפענעם וועג. אומענדלעך האָבן זיך געצויגן די ווייט־פאַר־שנייטע־פעלדער. און אויך די קעפּ פון די בוימער אין וואַלד זענען באַדעקט געווען מיט שניי. עס האָט געבלענדעט פון דער פינקלדיקער ווייסקייט און די לופט האָט פאַר'שכור'ט. פאַר אַ צייט איז שלמה פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם קאַלטן באַרואיקנדיקן אַרום. אַ סטאַיע וואָראָנעס, וואָס האָבן זיך צעקראַקעט, האָט אים געבראַכט צו די פריער־דיקע מחשבות.

—זאָגט מיר, איך בעט אייך, ר' נאָטע, וואָס איז אינדערהיים גע־שען?

— דער טאַטע, דיינער, ליגט אין בעט.

שלמה'ן איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן דעם טאַטן אַ קראַנקן. צייט ער געדענקט זיך, איז דער טאַטע שטענדיק געווען אויף די פיס, אַ קרעפטיקער, איילנדיקער. שטענדיק האָבן די ציצית ניט געקענט אים דעריאָגן אין האַסטיקן גאַנג.

שלמה איז אַריינגעפאַלן אין דער מוטער'ס אויסגעשפּרייטע אָרעמס. זי האָט געוויינט.

— וואָס איז געשען, מאַמע?

— אַן אומגליק, מיין זון! אַן אומגליק. דער טאַטע... דער פריץ...

מער רעדן האָט זי ניט געקענט און זי האָט זיך צעכליפּעט הויך. אויף איר קוקנדיק, האָבן זיך אויך צעוויינט די שוועסטער.

— וואו איז דער טאַטע?

— ער ליגט, נעבעך, אין בעט אַ צעקאַטעוועטער...

— אַ צעקאַטעוועטער ?...

שלמה האָט דערהערט דעם טאַטנס קרעכצן און איז צו אים אַריין. ער האָט אים קוים דערקענט. דער טאַטע איז אַלט געוואָרן. צו אים האָבן געקוקט אויסגעפּייניקטע אויגן אין אַ בלוטלאָזן פּנים. אַ ווייטיק האָט טיף איינגעשניטן אין שלמה׳ס האַרץ. שלמה האָט געוואָלט באַהאַלטן זיין צער, האָט ער זיך געאַכט מוט.

דער טאַטע האָט דערזען דעם זון: „שלמה׳לע!״ — האָט ער צו אים אויסגעשריען און האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, נאָר איז באַלד אָן כוחות צוריקגעפאַלן און טרערן זענען פאַרלאָפן זיינע אויגן.

שלמה איז צוגעפאַלן צום פאָטער און מער ניט געקענט צוריקהאַלטן זיין וויינען. דערנאָך איז שלמה אויפגעשטאַנען, האָט געביילט זיינע פויסטן ווי ער וואָלט מיט זיי עמיצן געסטראַשעט:

— רוצחים! רוצחים! דאָס בלוט זאָל זיין אויף אייערע קעפּ. איר וועט פאַר דעם באַצאָלן.

די מאַמע איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און געבעטן.

— מען טאָר ניט, מיין זון! גאָט׳ס שטראָף! וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז מיר זענען אין גלות צווישן גוים, צווישן וועלף!

— אָבער פאַרוואָס??? פאַרוואָס?!!!

— גאָט אַליין ווייס.

דער יונגער מוח האָט ניט געקענט באַנעמען מיט וואָס דער טאַטע האָט אַזוי געזינדיקט. ער האָט, דאַכט זיך, שטענדיק גאָטספאַרכטיק געדאַוונט און געהיט די געבאָטן פון דער תורה. און פאַרוואָס קומט דאָס די קינדער? האָט ער, שלמה, דען ניט געלערנט גאָט׳ס וואָרט טאָג און נאַכט? איז ער דען ניט פרום געווען? פאַרוואָס זשע? פאַרוואָס, גאָט׳ס שטראָף?

***

שפּעטער האָט זיך שלמה דערוואוסט, וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן.

עס איז געווען די צייט פון „קוליג״, ווען די פּאַנעס פראַווען זייער ווינטער קאַרניוואַל, און לאָזן זיך אַרויס מיט שליטנס איבער די וועגן.

דאָס מאָל האָט זיך דער „קוליג״ אָנגעהויבן פון פּאַן סטריזשעווסקי׳ס פּאַלאַץ.

שלמה האָט עטלעכע געזען דעם פּאַלאַץ פונדערווייטנס. ער איז געשטאַנען אין אַן אַלטן פּאַרק און די מאַסיווע ווענט האָבן מער דערמאָנט אָן אַ פעסטונג. עס זענען טאַקע געווען דאָרטן ווינקלען מיט קליינע באַניצע־פענצטערלעך, פונוואַנעט מען האָט געקענט מיט אַ

ביקס־פייער זיך באַשיצן. מען האָט דערציילט, אַז אינעווייניק איז אַלץ אויסעגשטאָט מיט גאָר טייערע חפצים. די ווענט זיינען באַפּוצט מיט בילדער פון פאַריזער מאָלער. און אַז דאָס מעבל און די טעפּיכער זענען געבראַכט געוואָרן פון ווין.

אין פּאַלאַץ איז שטענדיק געווען לעבעדיק. עס האָט דאָרטן גע־ווימלט מיט פאַרשיידענע מענטשן. פאַן סטריזשעווסקי האָט מקרב געווען אַ סך פון זיינע פאַראָרעמטע קרובים און סתם אַזוי, אָן מיטלען געבליבענע, אַדעליקע.

אין די זומערדיקע מאָנאַטן, ווען די אַרבעט אויף די פעלדער האָט געברענט, האָט מען זיך מיט זיי, מיט די אַדעליקע באַנוצט, זיי געשטעלט צו הילף פון די אויפזעער איבער די מאַיאָנטקעס. איצט אָבער, ווינטער צייט, האָט מען יעדן טאָג געזוכט אַנדערע פאַרוויילונגען. מען איז גע־פאָרן רייטן. געגאַנגען אויף יאַגד. אַ ליאַדע אָוונט פלעגט מען שפּילן אין קאָרטן און פאַרשפּילן אָפּט ביזן לעצטן גילדן אָדער מען האָט סתם פאַרבראַכט, געשפּילט אויף דער פאָרטעפּיאַנאָ און געטאַנצט.

איצט, האָט זיך פאַן סטריזשעווסקי מיט זיינע מקורבים אַרויסגע־לאָזן אויף שליטנס. און ווי עס איז געווען דער מנהג אין „קוליג״, פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן צו די שכנות׳דיקע אַדעליקע, פלעגן דאָרטן עסן, טרינקען, טאַנצן און הוליען ביזן ווייסן טאָג אַריין. און מיטנעמענ־דיק דעם גוט־באַזיצער און זיינע געסט, פלעגט מען זיך דאַן לאָזן אויף ווייטערע באַזוכן.

דער קאַראַוואַן פון שליטנס האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן. נאָשפּיץ זענען געפאָרן די מער מיוחס׳דיקע און רייכערע פאַנעס, מיט פאַן סטריזשעווסקי אין דעם סאַמע אויבנאָן.

די שליטנס האָבן אָפּט אַרויסגעגעבן דעם יחוס פון די פאָרער. געווען שליטנס פון געשניצטן האָלץ, באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער. אַזעלכע שליטנס, זענען נאָך באַנוצט געוואָרן אין די צייטן פון קעניג סטאַניסלאַוו. אייניקע שליטנס האָבן געהאַט דאָס אויסזען פון שוואַנען. אַנדערע ווידער האָט געהאַט דעם שניט פון אָדלערס. און דערנאָך זענען געווען שליטנס, געמאַכט פראָסט פון האָלץ, געפאַרבט אין רויט און גרין.

פאַרבייפאָרנדיק אַ שטעטל, האָט סטריזשעווסקי מיטגענומען מיט זיך אַ קאַפּעליע פון אידישע כלי־זמר. איצט זענען צום קלאַנג פון די קלינגענדיקע פערד־גלעקלעך, צוגעקומען די פריילעכע טענער פון די מאַזורקעס, פּאָלקעס און קראַקאָוויאַקעס.

ס׳איז געוואַקסן דער עולם. און ס׳איז אויך געוואַקסן די פרייד און די אויפגעהייטערטקייט פון די מיטפאָרער.

די נייעס אַז פּאַן סטריזשעווסקי האָט אָנגעהויבן דעם „קוליג״, האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער געגנט. די אַרומיקע אַדעליקע האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ פערזענלעכן כבוד אַז ער זאָל זיי באַזוכן. זיי האָבן דערפאַר אויף יעדנפאַל געהאַלטן צוגעגרייט די שטוב. די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען מיט גירליאַנדעס פון געשניטענעם יאָלקע־צווייג. דער גרויסער אויוון מיטן קוימען איז געווען פאַרשטעלט מיט צווייגן פון סאָסנע און אויסגעקוקט ווי אַ גריןביידל. אין די הילצערנע הענט־לעך פון די ווענט זענען גרייט געווען וואַקסענע ליכט. און ווען דער קאַראַוואַן פלעגט זיך אָפּשטעלן אין אָט די פאַרשלאָפענע פוילישע נעסטן, פלעגט אַלץ מיטאַמאָל אויפלעבן. יעדער אַדעליקער האָט זיך געמיט אַרויסצואווייזן זיין עשירות מיט זיינע מאכלים, מיט זיינע אַלטע וויינען און מעד, און אויך מיט די פאַרווײלונגען, מיט וועלכע יעדערער האָט געזוכט איבערצושטייגן דעם אַנדערן. און צו אָט די הוליאַנקעס פלעגט מען ברענגען די שענסטע פויערטעס, מיידעלשע זינגער און טענצער.

די באַלוינונג פון אויסנעמען ביי פּאַן סטריזשעווסקי איז אָפט געווען אַן איינלאַדונג צום יאַגד־אַרויספאָר מיט פּאַן סטריזשעווסקי אין זיינע וועלדער וואו עס זענען געווען ווילדע חזירים און אַנדערע חיות. און אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל.

אַלע פּריצים און אַדעליקע זענען פון „קוליג״ פאַרפאָרן צו פּאַן סטריזשעווסקי. דאָ האָט מען ערשט ווי עס באַדאַרף צו זיין געהוליעט. מען האָט געגעסן און געטרונקען ביז שכרות. געזאַנגען, קוויטשערייען און פריילעך געלעכטער האָבן אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך פון שלאָס און זענען דערגאַנגען אַפילו אין צימער, וואו ס׳איז געלעגן די קראַנקע פּאַננאַ העלענאַ סטריזשעווסקי.

די קראַנקע פּאַני העלענאַ איז געלעגן פאַרגעסן פון אַלעמען. אַלע האָבן געוואוסט אַז אירע יאָרן זענען געציילטע. אַז זי האַלט ביים שטאַרבן. פּאַן סטריזשעווסקי אַליין איז צוגעוואוינט געווען צו איר אָפּטער אָפּוועזנקייט און כסדר ליגן אין בעט. לעצטנס איז ער אינגאַנצן פאַרכאַפּט געווען מיט דער יונגער שכנה, די אלמנה יאַדוויגאַ כאָמסקאַ, און ס׳איז אים ניט גרינג געווען אָנצוהאַלטן דעם אָנשטעל פון אַן איבערגעגעבענעם מאַן.

מען האָט זיך געגרייט צום יאַגד. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער דעם אויפזיכט פון דעם געניטן יעגער, דעם פּויער, מאַרציאַן, וועלכער פלעגט אָפט קומען צו פּאַן סטריזשעווסקי און איבערגעבן די נייעסן.

אַדאַנק דעם שניי האָט דער געניטער מאַרציאַן געקענט זאָגן אויף די שליאַדן געגוי וואו דער ווילדער חזיר געפינט זיך און וויפיל מען וועט פון זיי קענען פאַנגען. די חזירים האָבן אויסגעטראָטן די סטעזשקעס ווען זיי פלעגן גיין צום וואַסער און זוכן זייער שפּייז. און לויט דער מאָס פון די סטעזשקעס האָט דער געניטער מאַרציאַן געוואוסט צי די חזירים זיינען געווען יונגע אָדער אַלטע.

זייער יונגע חזירים פלעגן גיין אין סטאַדעס, פון פיר אָדער פינף מיט דער מוטער־חזיר. צוויי־יעריקע פלעגן שוין אַרויסגיין אַליין. אָבער דערהויפּט האָבן ליב די יאַגד־גייער אָוועקצוליייגן אַן אַלטן „ער״־חזיר, צוליב זיינע גרויסע ציין, וועלכע פלעגן זיין די טראָפייען פון דער משפּחה. און פלעגן אַפילו איבערגיין בירושה.

בייטאָג פלעגן די חזירים ליגן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד און צום אָוונט אַרויסלאָזן זיך זוכן עסן.

מאַרציאַן פלעגט איבערלאָזן פאַרשיידענע גאָרטן־גרינסן און קאַר־טאָפל אין פלעצער, אַזוי אַז די חיות זאָלן האָבן מיט וואָס צו דערנערן זיך ווען דער שניי איז געווען געפראָרן.

פּאַן סטריזשעווסקי האָט מיט דער הילף פון פּויער מאַרציאַן אויס־געאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם קומענדיקן יאַגד. די פּאָזיציעס, וואוהין די חיות וועלן געטריבן ווערן, וואו עס וועלן דאַרפן שטיין די שיסער, און דאָרטן האָט מאַרציאַן אַריינגעשלאָגן שטעקנס אין שניי.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון אַרויספאָרן. יעדערער האָט אָנגעטאָן וואַליקעס און געשטריקטע וואָלענע העמדלעך. פוטערנע היט־לען מיט פוטערנע הענטשקעס און אויך וואַרעמע מאַנטלען.

עס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער טאָג פאַרן אַרויספאָר. אַ פראָסט, אָבער אָן ווינט און אַ גוט איינגעלייגטער שליטוועג. אַלע האָבן אַרויפ־געוואָרפן אויף די פּלייצעס די ביקסן און מען האָט געוואַרט אומגע־דולדיק ווען פּאַננאַ יאַדוויגאַ חאָמסקאַ וועט אַרויסקומען. געוויינלעך פלעגן פרויען זיך ניט באַטייליקן אין די יאַגד־אַרויספאָרן. סטריזשעווסקי האָט אָבער געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר דער יונגער אלמנה. זי איז ענד־לעך אַרויסגעקומען מיט אַ טאַנצנדיקן טראָט אין איר ספּעציעל אויפ־גענייטן יאַגד־אַנטועכץ: אין אַ ליכטיקן בלויעם קורצן זשאַקעט מיט אַ ווייס־פוטערן קאָלנערל, באַפּוצט מיט גאָלדענע גאַלונען. מיט אַ לייכטן טראָט איז זי צוגעקומען צום פערד. דער דינער האָט איר געהאָלפן

זיך אַרויפזועצן אויפן פערד, אָבער מען האָט געקענט זען פון דער שפּריטנקייט מיט וועלכע זי האָט דאָס געטאָן, אַז זי איז אַ געניטע רייטערין.

נאָשפּיץ פון אַלעמען איז געפאָרן פאַן סטריזשעווסקי אויף זיין טייערן בולאַנעם פערד. פאַן סטריזשעווסקי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורצן פעלץ מיט אַ רייך סויבעלנעם קאָלנער. די זילבערנע גאַלונען אויפן ברוסט האָבן זיך פאַרשפּיליעוועט אויף גאָלדענע קנעפּ. נאָך אים האָט זיך אויסגעצויגן די לאַנגע ריי פון די יעגער.

די פערד זיינען מונטער געלאָפן. די יאַגד־הינט הינטער זיי. עס איז ביי אַלעמען געווען אַ האָפערדיקע שטימונג און אַ פריידיקער געפיל פון צעוואָרעמטן כּוח, אין דערוואַרטונג פון פאַרמעסט. די פראָסטיקע לופט. דער ריח פון די סאָסנע־בוימער האָבן גערייצט די בלוטן. מען האָט זיך ניט געקימערט וואָס די קאַלטע לופט האָט זיך אָפּט איינגעביסן אין די געזיכטער.

מען איז צוגעקומען צום וואַלד. ער איז געשטאַנען אַ פאַרגליווער־טער. די קעפּ פון די בוימער און די צווייגן שווער געבויגן אונטער דער משא פון שניי. פון אינעווייניק האָט אַרויסגע׳כשופט אַ געדיכטע טונקלקייט און שטילקייט.

איינס נאָך דעם אַנדערן, און שטיל ניט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָבן די יעגער נאָכגעפאָלגט מאַרציאַנען.

פון אָנהויב איז דאָס געיעג ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. מען האָט לאַנג געבראָדזשעט אין שניי. לויט אַ סיגנאַל פון הויפט יעגער האָט מען פאַרנומען די ערטער, די הינט האָבן געלויערט נעבן זיי, אָנגעשפּיצט דאָס געהער, האָט מען געוואָרט. ס׳האָט היפּש געדויערט ביז מען האָט דערהערט אַ גערויש, וואָס איז געוואַקסן העכער מיט אַ שטאַרקן באַוועג פון די צווייגן. עס האָט זיך באַוויזן אַ חזיר מיט קליינע חזירים׳לעך. לויט אַ סיגנאַל האָט מען זיי געלאָזן פאַרבייגיין. נאָכדעם, אַביסל שפּעטער, האָבן זיך גענומען באַווייזן איינצלנע חזירים. זיי האָבן געשמעקט די לופט, ווי זיי וואָלטן דערפילן די אָנוועזנדיקייט פון די פרעמדע אַריינדרינגער אין זייער וואַלד־קעניגרייך. באַלד איז די לופט פאַרהילכט געוואָרן מיט שיסערייען. די יעגער זענען ערשט אַריין אין אַזאַרט. און, ווי געווינלעך, האָט זיך אויסגעצייכנט פאַן סטריזשעווסקי. מאַרציאַן האָט שוין וועגן דעם געזאָרגט. סטריזשעווסקי האָט ניט נאָר געשאָסן אַן אַלטן „ער" חזיר, נאָר אויך אַ הירש.

ענדלעך האָט דער פאַן סטריזשעווסקי געהייסן געבן דעם סיגנאַל אַז די יאַגד איז פאַרענדיקט. די אויפגעהייטערטע יעגער, נאָך אַלץ

באַרוישט פון דעם געיעג האָבן זיך געגומען קלייבן צו אַן איינגע־אָרדנטן פאַווילאָן, באַדעקט מיט סאָסנע צווייגן ביים ראַנד פון וואַלד. אַ פייער האָט געברענט. די צוריקגעקומענע יעגער האָבן געטרונקען בראָנפן, האָבן געגעסן וואורשטן מיט קרויט.

מען איז געשטאַנען אַרום פייער און זיך געוואַרעמט.

דער קורצער ווינטער־טאָג איז געווען צום סוף און מען האָט זיך געלאָזט אַהיים. דער שניי האָט זיך געמיניעט מיט וויאָלעט אין דער נידערנדיקער זון.

פאַני כאָמסקאַ איז געפאָרן זייט ביי זייט מיט פאַן סטריזשעווסקי. אירע אויגן, שטראַלנדיק מיט יוגנטלעכער פרייד. די ווייבלעכקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פון איר צייטיקן קערפּער. זי האָט אָפּט פאַרפירעריש געוואָרפן אירע בליקן צו פאַן סטריזשעווסקי.

פאַן סטריזשעווסקי האָט אויפגעכאַפּט דעם שפיל פון אירע אויגן און דעם רוף פון יונגן־לייב. ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און זיך געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ. אַלץ שנעלער און שנעלער, ווי די יוגנט וואָלט אין אים דערוואַכט. זי האָט נאָכגעהאַלטן. מען איז געלאָפן ווי רוחות און הינטער זיי האָט זיך געטראָגן אַ שניי שטויב.

מען איז אַרויפגעפאָרן אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צום בריק פון רחמיאל׳ס מיל. די רייטער האָבן ניט איינגעשטילט די פערד. און דאָ איז געשען דאָס אומגליק: פאַני כאָמסקאָ׳ס פערד האָט דורכגעבראָכן דעם שניי־אייז אויפן בריק, האָט זיך פאַרטשעפּעט און איז אַנידער־געפאַלן. זי איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן פון פערד און וואָלט ניט דער פאַן סטריזשעווסקי זי אונטערגעכאַפּט, ווער ווייס, צי זי וואָלט צווישן די לעבעדיקע געווען. זי איז געבליבן הענגען אין זיינע הענט, אַ דערשראָקענע ביז טויט.

דאָס פערד איז געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם פוס. ס׳האָט פּרובירט זיך אויפהויבן, נאָר די קאָפּיטע איז געווען אַריינגעכאַפּט צווישן צוויי קלעצער. האָט ער אויסגעצויגן זיין קאָפּ און האָט געדריגעט מיט די הינטערשטע פיס אין דער לופטן און זיין פעל האָט געשווידערט.

פאַני כאָמסקאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר באַליבט פערד און האָט זיך צעוויינט.

עס איז געוואָרן אַ מהומה. די הינטערשטע רייטער האָבן אויפגע־האַלטן זייערע פערד. די יעגער זענען צוגעלאָפן צום געפאַלענעם פערד. דער פוס איז געווען צעבראָכן.

רחמיאל איז, ניט טויט־ניט־לעבעדיק, געקומען צולויפן.

פאַן סטריזשעווסקי האָט אים דערזען און דעם גאַנצן כעס, פאַר־דרוס און צאָרן פאַר דער איבערגעפּירטער גוטער שטימונג פון יאַגד און צוליב פאַני כאַמסקאַ׳ס שרעק און פאַרלוסט פון קאָסטבאַרן פערד, האָט ער אויסגעלאָזן צו רחמיאל׳ן.

„פּשאַק קרעוו, זשידזשע! בינדט אים דעם ניט גלויביקן!"

מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו רחמיאל׳ן, ער האָט זיך ניט געווערט, נאָר זיך געוואָרפן פאַר פאַן סטריזשעווסקי׳ס פיס:

— האָט רחמנות, האָט רחמנות, הויכגעבירטיקער פאַן! ניט מיין שולד...

— שווייג!... שווייג! דו פאַרשאָלטענער! אַניט וועל איך באַלד הייסן דאָס אייז אויפברעכן און מיט אַ שטיין אויפן האַלדז דיך אַרונטער־לאָזן! דו פאַרדינסט עס! זשיד פאַרכו! אָט אַזוי האַלטסטו מיין פאַר־מעגן?! וואַרפט אים אַריין אין שליטן איך וועל אים שוין אַנלערנען...

פאַני יאַדוויגאַ האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי איז צוגעלאָפן צו דעם ציטערנדיקן, געבונדענעם רחמיאל׳ן און מיט די הענטשקעס אים געשמיסן אין פּנים אַריין.

— איך וואָלט דיך ביז טויט פאַרשמיסן, פאַרשיווער זשיד!

רחמיאל האָט פּרובירט אויסשטרעקן צו איר זיינע געבונדענע הענט, פּרובירט זאָגן, אַז די שולד איז ניט זיינע. ער האָט ניט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט פאַן דראָזדאָווסקי׳ן, דעם הויפּט פאַרוואַלטער, אויף דער נויטיקייט צו פאַרריכטן די בריק, אָבער ס׳איז ניט געטאָן גע־וואָרן.

קיינער האָט זיך אָבער צו זיינע רייד ניט צוגעהערט. מען האָט אים, ווי אַ נבלה, אַריינגעוואָרפן אין שליטן מיט די טראָפייען פון יאַגד און אַוועקגעפירט אין שלאָס.

דאָרטן האָט מען אים אַריינגעשליידערט אין פינסטערן, קאַלטן קעמערל און פאַרשלאָסן די טיר.

אַ פאַרטעמפּטער איז רחמיאל געפאַלן אויף דער ערדענער דיל און געבליבן ליגן אַ פאַרשטיינערטער. אַלץ איז אין אים געווען, ווי אָפּגע־שטאָרבן דער מוח האָט ניט געקענט באַנעמען דעם פּלוצימדיקן אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיין קאָפּ.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז די אויגן האָבן זיך צוגע־וויינט צו דערזען זאַכן אין דער האַלב פינצטערקייט. ביים וואַנט איז געווען אַ בינטל שטרוי, האָט ער זיך אַהין צוגעשלעפּט און געבליבן ליגן אָן כוחות.

ביסלעכווייז האָט ער געגומען קומען צו זיך. די שטוב, ווייב און קינדער זענען אויפגעשוואומען פאַר אים, ריווע־לאה... ער דערמאָנט זיך איר בליק און די פאַרבראָכענע הענט, איר צעקרימט פּנים, ווען זי האָט אים דערזען לויפנדיק צום בריק. זי האָט זיך געבעטן: „ניטע, רחמיאל! לויף ניט צום בריק! באַהאַלט זיך!" ער האָט אָבער ניט געפאָלגט. ניין, ס'איז ניט זיין שולד. פאַן סטריזשעווסקי קען דאָך אים פון קינדווייז אָן. ער וועט אים דערקלערן. אָבער איצט איז שלעכט... שלעכט. ער דערפילט ווי דער גאַנצער קערפּער ווייטיקט, כאָטש קיין גליד איז, דאַכט זיך, ניט באַשעדיקט. אַזאַ מידקייט שמידט די גלידער און דעם קאָפּ... בעסער ליגן אַזוי און ניט טראַכטן. וואָס ס'וועט זיין, זאָל זיין.

רחמיאל געדענקט ניט ווי לאַנג ער אי אַזוי געלעגן, קיינער איז צו אים ניט אַריינגעקומען עס איז געוואָרן שטאָק פינצטער און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומרואיקן שלאָף. ס'האָט זיך אים גע'חלומ'ט: אַ סטאַדע וועלף רינגלען אים אַרום. וואַרפן זיך אויף אים מיט געשטשירעטע ציין, ווילן אים פאַרצוקן.

ער וואַרפט זיך אין אַלע זייטן. זיינע ציצית שמייסן די אָפענע וועלפישע פּיסקעס און לאָזן די וועלף ניט צו. און מיטאָמאָל פאַרשווינדן די וועלף. ס'ווערט שוואַרץ אַרום אים. ניט דורכצוזעמען מיט די אויגן. און עס הויבט זיך אים אָן דאַכטן, אַז עפּעס באַוועגט זיך ביי די ווענט. שטשורעס! אָט קריכן זיי צו אים, אַן עקל און אַ שוידער האָט אים אַרומגענומען און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. זיין האַנט האָט עפּעס ווייכס אַוועקגעשאַרט. ער איז פול געוואָרן מיט אַנגסטן. זיינע ליפּן האָבן תּפילה געטאָן: „גאָטעניו, האָב רחמנות! פאַרלאָז מיך ניט!"

ס'האָט אָנגעהויבן צו גרויען. דערנאָך האָט ער שוין געקענט זען די ווענט פון תּפיסה. ער האָט דערהערט דערנעענטערנדיקע טריט. עמיצער האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

ס'איז אַריינגעקומען דער וועכטער און אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ קרוג־וואַסער און אַ שטיק שוואַרץ ברויט. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם ליגנדיקן רחמיאל'ן און דערזען אים אין זיין גאַנצער דערשלאָגנקייט. די פאַרהאַרטעוועטע נשמה פון דעם וועכטער האָט זיך אַ ריר געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אין מיל, האָט די מילנערקע אים געגעבן אָפּצועסן. און דווקא געשמאַקע מאכלים. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זיין משפּחה און געגעבן אים אויפן וועג אַ בולקע. און כאָטש ער איז שטענדיק פאַרביטערט קעגן אַלעמען און לאָזט דאָס אָפּט אויס צו די

פאַרשפּאַרטע אין פאַנסקער תּפיסה, האָט זיך אים איצט געוואָלט אויפ־מונטערן דעם מילנער.

— נו, וואָס, זשידעק, ס׳איז שווער?

רחמיאל האָט גאָרניט געענטפערט. בלויז מיט די אויגן געפאָרשט דעם גוי. ער קאָן דאָך אים. ס׳איז מאַטושקעוויטש, וואָס דינט ביים פאַן אין הויף.

— דאָס איז נאָך גאָרניט. עס קען נאָך זיין ערגער. אָהאָ! אַז אונזער פאַן פאַלט אַריין אין גרימצאָרן! כ׳האָב געהערט: מען וועט דיר די פּיס צובינדן צום פערדס עק און שלעפּן איבער אַלע בריקן, זאָלסט מיטן קאָפּ פּילן אַלע לעכער. זאָלסט וויסן ווי צו האַלטן די בריק אין אָרדענונג.

— ניט מעגלעך! איך בין דאָך אומשולדיק! — האָט רחמיאל אויסגעשריען — ווי מיר האָבן גאָט אין הימל, איך בין אומשולדיק! כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געזאָגט דעם פאַרוואַלטער, פאַן דראָזדאָווסקי, אַז מען דאַרף די בריק פאַרריכטן.

— גאָט איז ערגעץ ווייט אין דער הויך. און אונדזער פאַן איז דאָ נאָענט. אונדזערן אַ פּויער, וואָלט ער, פאַר אַזאַ זאַך שוין לאַנג צום טויט פאַרשמיסן. אַ קלייניקייט! פאַני כאָמסקאַ, זיין ליובאָווניצעס פערד, דער׳הרג׳עט. אָבער פאַר דיר, זשיד, שטעלן זיך שוין אין דיינע ברידערלעך. געזען זיי, געזען זיי קומען אַהער און קריכן פאַר דעם פאַנ׳ס פּיס. מסתמא אויך כאָבאַר געבראַכט אויסקויפן דיך. זשידעס שטעלן זיך אײן איינער פאַרן אַנדערן. פאַר אונדזערן אַ פּויער וועט זיך דען ווער איינשטעלן?

— ווער איז דאָ געווען? מאַטושקעוויטש, איך בעט דיך, זאָג מיר.

— געווען דאָ סרול־איטשע, פון צוקער זאַוואָד. און אויך איז דאָ געווען דער גלח, פאַר דיר, דעם ניט גלויביקן בעטן. די פּויערים פון דאָרף זענען געקומען צום גלח בעטן אים ער זאָל גיין צום פאַן, זיי זאָגן: „אַ גוטער זשיד איז רחמילע, מען דאַרף אים העלפן" נו, דער גלח איז געקומען, געבעטן, געבעטן פאַר אַ אידן... פאַר אונדזערן אַ ברודער, אַ פּויער, האָט ער זיך קיינמאָל ניט איינגעשטעלט.

דער וועכטער איז אַרויס. רחמיאל האָט זיך דערפילט דערלייכטערט פון די נייעס. ניט אַנדערש, גאָט אַליין האָט געזען זיין פּיין און צער און ער וועט אים ניט פאַרלאָזן.

ער האָט זיך געוואַשן די הענט, דעם פּנים. האָט אויסגעשוווינקט דאָס מויל פון די ניט גוטסקייט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט גע־מאַטערט און אַ פול גלויביקער האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. דאָס האַרץ האָט געקלאַגט און תּחנונים געבעטן: „דערבאַרעם זיך, אָ, גאָט!

גאָט פון רחמים! זאָלן די קינדערלעך ניט בלייבן קיין יתומים. און דאָס ווייב אַן אלמנה...״

דערנאָך האָט ער זיך געשטאַרקט און גענומען עסן דאָס שוואַרץ־ברויט און פּאַרטרונקען מיט וואַסער. די פאַרשטילטע בלוטן האָבן אָנ־געהויבן ווידער צו ריזלען אין אים און צעשמאָלצן די פאַרגליווערטקייט אין גאַנצן קערפּער. ס׳האָט געצויגן צום לעבן. און לעבן האָט געמיינט אַרבעט, די מיל, די משפּחה. ס׳האָט געעגבערט אין מוח: „וואָס טוט זיך איצט אין מיל? שטייען די רעדער?״ און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז דער גאַנצער הויף איז אַוודאי פול מיט פּויערים, וואָס האָבן געבראַכט צו מאָלן זייער קאָרן. „געוויס שטייען די רעדער. ווער וועט די שטיינער לאָזן מאָלן, אַז ער איז ניטאָ...״

אָט אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט אַ גאַנצן טאָג. און דער טאָג איז געקראָכן אַזוי לאַנג. ער האָט געוואָלט עפּעס אויסגעפינען און ניט געקענט. מאַטושקעוויטש האָט זיך ערשט באַוויזן אויף מאָרגן אינדערפרי. געבראַכט אין קאַמער וואַסער און ברויט. נאָר גאָרניט גערעדט. רחמיאל האָט אים געפרעגט:

— האָסט עפּעס געהערט נייעס? דערצייל, איך בעט דיך, וועל דיך געדענקען.

— ניין. גאָרניט געהערט. מען גרייט זיך צום באַל. אונדזער פּאַן אַז ער צעהוליעט זיך, פאַרגעסט ער אין אַלעמען. מסתמא שוין אויך דיך פאַרגעסן. מען רעדט גאָרניט.

רחמיאל איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט געהאָפט, געגאַרט נאָך אַ גוטער בשורה. די ניט באַשטימטקייט איז געווען ניט־אויסצוהאַלטן.

נאָר פּאַן סטריזשעווסקי האָט אין אים ניט פאַרגעסן. ער האָט זיך געגרייט זיין זשידעק גוט אָנצולערנען. זאָלן די אַנדערע זשידקעס פון אַרום אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל. ער האָט געוואָלט מאַכן אַן איבערראַשונג די געסט. אָך, וועט דאָס זיין אַן אומדערוואַרטעטע פאַרווײַלונג. שוין איינמאָל אַ ספּעקטאַקל, און די געסט וועלן זיין באַל ניט פאַרגעסן אַ לאַנגע צייט.

דערווײַל, אָבער, איז פּאַן סטרישזעווסקי געווען פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען. כאָטש זיינע בעלער האָבן סיי ווי גע׳שמ׳ט איבער דער גאַנצער געגנט, האָט ער דאָס מאָל געוואָלט זיך אַליין איבערשטייגן מיט פּראַכט, און לוסטיקייט.

גאַנץ פרי האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פּריצישע שליטנס און גע־בראַכט אַדעליקע פון דעם גאַנצן קרייז. עס זענען אויך געווען אַ סך

יונגע פריילינס און קאַוואַלירן, פאַר וועמען דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספאָר אין דער גרויסער וועלט. אין זייערע אויגן איז געווען דער גלאַנץ פון ציטער און דערוואַרטונג.

די פרויען אין רייכע פוטערנע מאַנטלען, אין קליידער פון שימע־רירנדיקן זייד און סאַטין. די פריזורן הויך און קונציק געמאַכט און באַפוצט מיט קעמלעך פול מיט קאָסטבאַרע פינקלדיקע שטיינער. פון די פרויען האָט געאָטעמט דער רייצנדיקער דופט פון פּאַריזער פּאַר־פיומען און דער כשוף פון פרויען שמייכלען.

די מענער זענען מערסטנס געווען אָנגעטאָן אין פּוילישע נאַציאָ־נאַלע קליידער, נאָר געווען אויך אייניקע אָנגעטאָן אין אייראָפּעאישע מלבושים, לויט דער פראַנצויזישער מאָדע. אַנדערע, ווידער, אין מילי־טערישע קליידער, מיט זייערע אויסצייכענונגען זאַרגפעליק אָנגעטאָן אויפן ברוסט.

פּאַני סטריזשעווסקאַ איז צוליבן היינטיקן אָוונט אַראָפּ פון בעט. אַ בלייכע איז זי געזעסן אויף אַ שטול, נעבן איר שטייענדיקן מאַן און אויפגענומען די געסט. זי האָט שטאַרק געליטן און פּרובירט באַהאַלטן אין זיך דעם אומעט, וואָס האָט גענאַגט איר האַרץ. איר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דאָס אַלץ איז איבעריק. צו וואָס די בעלער, די טענץ און די פריילעכע מוזיק, ווען איר לעבן צאַנקט אַוועק. נאָר די אייפערזוכט וואָלט איר סיי ווי סיי ניט געווען געלאָזט איינליגן. אירע אויגן, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט יעדע מינע און באַנעמונג פון איר מאַן, האָבן דאָס אַרויסגעגעבן.

פּאַן סטריזשעווסקי איז געשטאַנען לעבן איר, אַ לוסטיקער, פול מיט לעבן, גאָר ניט נאָך די יאָרן זיינע. אָנגעטאָן אין געוויינלעכע קליידער פון אַ קראַקאָווער אַדעליקן: אַ בלויע העמד מיט אַ רויט קאָלנערל, אַרומגעזוימט מיט זילבערנע און גאָלדענע גאַלונען. אַזאַ קאָסטיום האָט אים צוגעגעבן אַ יונגן אויסזען.

פּאַני כאָמסקאַ איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ מיליטער מאַן. זי האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיט דער פריצטע, פּאַני סטרי־זשעווסקאַ. געפרעגט אויף איר געזונט.

די באַלעבאָסטע פון שלאָס האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ליבליכן שמייכל. ווי נאָר, אָבער, איר מאַן, פּאַן סטריזשעווסקי האָט זיך העפלעך אַריבערגעבויגן איבער פּאַני כאָמסקאַ׳ס האַנט און זי געקושט, איז דער שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן. אַ גרימאַסע האָט צעקרימט איר פּנים. זי האָט ניט פאַרפעלט אויפצוכאַפּן דעם שפּיל פון זייערע בליקן.

אַהערצו זענען געקומען די שליאַכטשיצן, וואָס זענען תמיד גרייט

געווען צו הולטייען. די קאַנדעליאַברען האָבן באַגאָסן אַלץ מיט פינקל־דיקן ליכט. די מוזיק האָט פון אָנהויב געשפילט פוילישע פאָלקס־לידער. מען איז געשטאַנען און געזעסן אַרום די ווענט, מיט שמייכלענ־דיקע, צופרידענע פּנים׳ער און מיט אויגן גאַרנדיקע, דערוואַרטנדיקע. טייל האָבן מיטגעזונגען, און אַנדערע האָבן צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט פון די לידער.

יונגע שיקסעס, אויסגעפּוצט אין בונטע פוילישע קליידער מיט סטענגעס דורכגעפלאָכטן די האָר, האָבן כסדר געבראַכט טאַצן מיט נאַשערייען צו די געסט און גלייך נאָך זיי זיינען געגאַנגען יונגע פּאַ־ראָבקעס מיט טאַצן געטראַנקען.

מען האָט געטרונקען איינמאָל און נאָכאַמאָל. די צינגער האָבן זיך מער צעבונדן. די אויגן האָבן געשיינט. די באַקן האָבן זיך גע־רויטלט. אַלע האָבן דערוואַרט מיט אומגעדולד אויפן ערשטן טאַנץ.

און אָט האָט די מוזיק־קאַפּעליע אַ קלאַפּ געטאָן אַ פּאָלקע. ס׳האָט אַלעמען אויפגעהויבן. לייכט און גרינג האָט זיך געטאַנצט צום ריטם פון דער מוזיק. דערנאָך האָט מען געטאַנצט מאַזורקעס, וואַלצן און אָבערעקס.

די פריילעכע שטימונג פון טאַנץ האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. עס האָבן געטאַנצט יונגע פּאַרלעך מיט אַ גלאַנץ פון פאַרליבטקייט אין די אויגן. עס האָבן אויך געטאַנצט אַלטע פּריצים, וואָס זייערע בלוטן האָבן זיך געצונדן, און די פיס האָבן זיך געהויבן מיט אַמאָליקן, יוגנט־לעכן ברען.

און אָט איז דער אָרקעסטער אַנטשוויגן געוואָרן. די טענצער זענען איצט גערן געווען אָפּצורוען זיך. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטולן, געקילט מיט די פעכערס די צעהיצטע פּנים׳ער פון טאַנצן. עס האָבן זיך ווידער באַוויזן די יונגע שיקסעס מיט טאַצן פּאַמפּושקעס — אַזאַ טייגל פון לויזן טייג, מיט געהאַקטן פלייש אין דער מיט, גע־פּרעגלט אין אייל. נאָך זיי האָבן די יונגע פּאַראָבקעס געטראָגן גלעזער מעד.

דער עולם האָט אונטערגעהאַלטן די נשמה. צעכאַפּט די פּאַמפּושקעס און פאַרטרונקען מיט מעד. דער אָרקעסטער האָט אינצווישן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ האַרץ נעמענדיקע שטילע מעלאָדיע, ווי ער וואָלט געוואָלט באַרואיקן די געמיטער און צוגרייטן זיי צו אַן אַנדער סאָרט פאַרוויילונג.

פּאַן סטריזשעווסקי האָט זיך באַוויזן. ער האָט גערופן צו פאָרמירן אַ קרייז. פּאָרלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט. די הענט געקייטלט און גע־וואַרט.

פאַן סטריזשעווסקי האָט אַ פּאַטש געטאָן הויך מיט די הענט און אויסגערופן: „אַנדזשאַ"!!!

פון אַ זייטיקער טיר, האָט זיך געעפנט דער פאָרהאַנג און פון דאָרטן איז אַרויסגעלאָפן אַ יונג, שלאַנק שיקסל. די בלויע אויגן ברייט צעעפנט די בלאָנדע האָר צעלייגט אין קרייזעלעך, מיט אַ קרוין פון שטענגעס, לאַנג ביז די קני, וואָס האָבן איצט געפלאַטערט, ווי בונטע שמעטערלינגען. זי האָט זיך געלאָזט לויפן צום קרייז נאָכגעיאָגט פון אַ יונגן בחור׳ל, אַנגעטאָן כוואַטסקע, ווי אַ גאַידוק. מיט גלאַנציקע שטיוועלעך. דער טשוב פון בלאָנדן קאָפּ עטוואָס צעפלויגן.

אַנדזשאַ איז צוגעלאָפן צום קרייז. די געקייטלטע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן און זי אַריינגענומען אינמיטן. אָבער ווען דער יונג, אַנטעק איז צוגעקומען האָט ער געפונען די הענט געקייטלט, דעם קרייז גע־שלאָסן ניט דורכצוגיין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל. אַנטעק האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן .ער וועט זי פּאַקן די שטיפערקע. נאָר אומעטום זענען פאַר אים די הענט געקייטלט. און ווען אים געלינגט שוין אַריינצוכאַפּן זיך אינמיטן, און אָט, אָט האָט ער זי געפּאַקט, גיט זי זיך פלינק אַ דריי, די געקייטלטע הענט הויבן זיך אויף, אַנדזשאַ איז שוין אויסערן קרייז, און ער קען זי ווידער ניט דערגרייכן.

אַנדזשאַ און אַנטעק האָבן זיך געטראָגן ווי רוחות. זיי זענען אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם פאַרמעסט און אַלעמען אָנגעשטעקט מיטן שפּיל. און ווען אַנטעק האָט זי שיער ניט געכאַפּט און דערביי זיך אויס־געצויגן אויפן דיל, האָבן אַלע האַרציק געלאַכט.

ענדלעך האָט אַנטעק פאָרט געפּאַקט אַנדזשע׳ן און איז באַלוינט געוואָרן מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און געקושט.

נאָכן שפּיל איז שטיל געוואָרן. דער עולם האָט זיך צעשפּרייט. יונגע פאָרלעך האָבן געזוכט טונקעלע ווינקעלעך, אָפּצורוען זיך און פאַרברענגען אין אינטימען פלירט. אַנדערע זענען געשטאַנען און גע־רעדט.

אָבער פלוצלינג האָט זיך די טיר צו אַ זייטיקן פליגל ברייט גע־עפנט און פון דאָרטן איז געקומען דער קלאַנג פון אַ טרומייטער, וואָס האָט אַלעמען גערופן אַהין.

דער עולם האָט זיך געלאָזן אַהין, נייגעריק צו דערוויסן זיך, וואָס נאָך פאַר אַ פאַרווייַלונג דער פאַן סטריזשעווסקי האָט פאַר זיי צו־געגרייט.

אין אַ האַלבן קרייז זענען געווען אויסגעשטעלט שטולן פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די געסט. דינער, אין לייווענטענע הויזן מיט רויטע העמדער, האָבן אַריינגעטראָגן אַ ברייטע באַנק. באַלד נאָכדעם איז אַריינגעקומען פאַן סטריזשעווסקי און הינטער אים האָבן צוויי געזונטע האַידוקעס געפירט רחמיאל׳ן.

מען האָט רחמיאל׳ן צוגעפירט צו דער באַנק. פון אַ זייטיקן חדר האָט מען געבראַכט צוויי בינטלעך ריטער און עס דערלאַנגט די האַי־דוקעס.

רחמיאל האָט שוין באַגריפן זיין אורטייל. אַ מאָמענט נאָך האָט ער געזוכט די אויגן פון פאַן סטריזשעווסקי. ער וועט פאַלן צו זיינע פיס. ער איז דאָך ניט שולדיק...

פאַן סטריזשעווסקי איז געזעסן אויבנאָן אין אַ ברייטן פאָטעל. דער פנים צערויטלט און באַזויפן. די אויגן מיט אַ גלאַנץ פון שאַדנ־פרייד. אַ צופרידן שמייכעלע אַרום די ליפּן. ער האָט געזוכט מיט די אויגן די פאַני כאָמסקאַ אָ, ער וועט איר ווייזן, ווי ער שטעלט זיך איין פאַר איר. דערנאָך מיטן זעלבן שמייכל אַרומגענומען די געסט.

רחמיאל האָט איבערגעפירט זיין בליק צום גאַנצן עולם. עס האָבן אין אים געשפּיזלט אויגן שפּאָטישע. פּנים׳ער זאַטע, אויפגערוימטע. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הויך. זיין פוללייביקער קערפּער, איצט עטוואָס אָפּגעצערט, האָט אין זיך דערפילט אַ צושטראָם פון כוחות, צו באַגעגענען דעם נסיון. איין מאָמענט נאָך איז ער גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויף די הענקער און אַנטלויפן פון דאַנעט. ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט. געזען. ניטאָ קיין אַנטרינונג. דאָס ווייב, די קינדער זענען פאַר זיינע אויגן אויפ־געשטאַנען ריווע־לאהה, ווי זי האָט אים געבעטן: „ביטע, רחמיאל, לויף ניט צו דער בריק. באַהאַלט זיך", ער האָט אַ טיפן קרעכץ געגעבן און איז געבליבן שטיל.

— וואַרף אַראָפּ דיין קאַפּאָטע! האָט פאַן סטריזשעווסקי אַ באַפעל געגעבן.

רחמיאל האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע און איז געבליבן שטיין אין זיין קאַמזאָל מיט די אַרונטערהענגענדיקע ציצית.

— נעם אַרונטער אַלץ ביזן העמד! איז ווידער געקומען אַ באַפעל פון פאַן.

רחמיאל האָט אויסגעטאָן דעם קאַמזאָל, דעם ארבע־כנפות. האָט דעם לעצטן זאַרגפעליק צענויפגעלייגט און אַ קוש געטאָן די ציצית.

אַ הירזשענדיק געלעכטער האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן זאַל. ווערט־לעך לצנות׳דיקע, שטעכיקע זענען געפלויגן פון אַלע זייטן.

— לאָז אַראָפּ די הויזן! האָט פּאַן סטריזשעווסקי אַ דונער געטאָן. רחמיאל איז געבליבן פאַרגליווערט.

אַ שניט פון די ריטער, האָט אַ ברי געטאָן די פּלייצע. רחמיאל האָט זיך עטוואָס אַ שאָקל געטאָן און זיך ווידער אויסגעגלייכט. טראַציק געקוקט דעם פּאַן אין די אויגן.

— די הויזן אַרונטער און לייג זיך אויפן באַנק! — האָט פּאַן סטריזשעווסקי געשריען מיט כעס, וואָס אַ אידלאַק וואַגט זיין באַפעל נישט אויסצופאָלגן און זיין ספּעקטאַקל קאַליע מאַכן.

רחמיאל האָט זיך ניט גערירט. זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּ־טשעט: שמע ישראל... גאָט! פאַרנעם מיין צער און בזיון."

צוויי פּאָר שטאַרקע הענט האָבן אים אָנגעכאַפּט און אַ שליידער געטאָן אויף דער באַנק. האָבן פון אים אַראָפּגעצויגן די הויזן. רחמיאל איז געבליבן ליגן אין זיינע גאַטקעס, ער האָט זיך מער ניט געווערט.

פּאַן סטריזשעווסקי האָט געגעבן אַ סיגנאַל די מוזיק זאָל שפּילן אַ קראַקאָוויאַק, און אונטער די ריטמישע קלאַנגען פון קראַקאָוויאַק האָט זיך אָנגעהויבן דער בלוטיקער שפּיל.

די קאַפּעליע האָט געשפּילט פון אָנהויב אַביסל איינגעהאַלטן. דערנאָך האַסטיקער, גיכער און די ריטער זענען געפאַלן אויף רחמיאל'ס לייב צום ריטם פון די קלאַנגען.

דער קערפּער האָט פון אָנהויב פאַרנומען די שמיץ מיט שטומען צוקן און פאַרשטיקטע קרעכצן. באַלד איז פון דעם העמד ניט געבליבן קיין גאַנצער פאָדים. די ריטער האָבן זיך איינגעשניטן אין רויען פלייש. רחמיאל האָט זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן. זיינע וויי־געשרייען האָבן ביי די אַרומיקע אַרויסגערופן שפּאָטישע נאָכרופן: „איי, וויי שמיי!..."

דערנאָך האָט רחמיאל קיין כוח ניט געהאַט אַפילו צו שרייען. יעדער שניט פון די ריטער האָט אַרויסגערופן אַ טעמפּן זעץ אין מוח, ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין באַוואוסטזיין.

ערשט דאַן האָט פּאַן סטריזשעווסקי אָפּגעשטעלט די עקזעקוציע. ער האָט זיך מיט טריאומף אַרומגעקוקט. געוואָלט טרעפן פּאַני כאַמסקאַס בליק. אין זיינע אויגן איז געווען די צופרידענע באַוואונדערונג פון זיך אַליין: „אַט אַזוי טוט פּאַן סטריזשעווסקי!"

די בליקן פון די אַרומיקע האָבן אונטערגעכאַפּט דעם פּאַן סטרי־זשעווסקי'ס צופרידנקייט און חניפות'דיק געשמייכלט. עס זענען אָבער געווען אייניקע וואָס זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַר בושה.

און באַלד האָט ווידער דער טרומייטער גערופן. מען איז געגאַנגען אינם עס־זאַל. די לאַנגע טישן זענען געווען געגרייט. פלעשער בראַנפן, ווײַן און מעד זענען געווען אויסגעשטעלט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַלצײַט מיט טרינקען, פרעסן און זויפן, מיט הולטייען, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

***

דעם האַלב־טויטן רחמיאל'ן האָט מען אַוועקגענומען און איבער־געגעבן צו מאַטושקעוויטש'ן. ער האָט אים געבראַכט צוטראָגן צוריק אין תפיסה־קעמערל אַרײַן, האָט אָפּגעוואַשן די וואונדן און דערנאָך זאָרגפעליק רחמיאל'ס קערפּער אַרומגעווישט. האָט אַרײַנגעגאָסן בראַנפן, אין די ווייסע צענויפגעדריקטע ליפּן. דערנאָך געמאַכט אַ געלעגער פון שטרוי, אונטערגעבעט אַן אַלטן בגד, אויפן בגד אַ ריין לײַלעך. ער האָט אויף דעם געלעגער אַוועקגעלייגט דעם געשמיסענעם רחמיאל'ן, און אים גוט אײַנגעדעקט.

אַ ווײַלע איז דער אַלטער מאַטושקעוויטש געשטאַנען, מיט די אויגן געשמידט אויף רחמיאל'ן. געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשפּיגן און געשאָלטן פּאַני כאַמסקאַ. ביז ער האָט באַמערקט, ווי די ליפּן פון דעם ליגנדיקן האָבן אַ ציטער געטאָן און דערנאָך געגעבן אַ קוים הערבאַרן קרעכץ.

— „נו, וועסט לעבן, זשיד" — און ער האָט זיך איבערגע'צלמ'ט.

אָט אַזאַ צעקאַטעוועטן, האָט מען רחמיאל'ן, אויף מאָרגן, געבראַכט אַהיים.

אַז ריווע־לאה האָט אים דערזען, איז זי געפאַלן אין חלשות. מען האָט זי אָפּגעמינטערט און געטרייסט: „ביזט נאָך גליקלעך, וואָס ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער. אַזעלכע רוצחים! אַז פאַר אַ גאָרניט קענען זיי אַ מענטשן אומברענגען..."

ריווע־לאה האָט זיך דערנאָך געשטאַרקט. זי האָט געשיקט אַ פור נאָך שלמה'ן. אַליין איז זי טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנגען אַרום דעם קראַנקן.

רחמיאל האָט ביסלעכווייז גענומען קומען צו זיך. די וואונדן האָבן זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן פאַרהיילן. די ווייטאָגן זענען געוואָרן קלענער, זיי זײַנען אָבער ניט אינגאַנצן אַוועק, נאָר געקליבן זיך צום האַרצן און עס אָנגעפילט מיט פּײַנעדיקער נאָגעניש.

שלמה'ן האָט דעם טאַטנס מצב שטאַרק דערדריקט. אין מוח האָט ניט אויפגעהערט צו עגבערן: „פאַרוואָס? פאַרוואָס?" דאָס גאַנצע טראַכטן און פריערדיקער לעבן איז פאַר אים געוואָרן פאַרטונקלט.

קאַפּיטל זעקס

די ערשטע נאַכט צוריק אינדערהיים האָט שלמה ניט געקענט איינשלאָפן. און דאָס איינהיימען זיך האָט געדויערט עטלעכע טעג.

שלמה'ן האָט דאָס אויסגעקוקט מאָדנע. ער האָט דאָך, דורך די חדשים און יאָרן פון זיין אויפהאַלטן זיך אין דער פרעמד, געחלום'ט פון טאַטע־מאַמעס־היים.

ניט איינמאָל אין די לאַנגע, קאַלטע ווינטער־נעכט, אויף זיין האַרטן געלעגער אין שולכל ביים אויוון, פלעגט שלמה ליגן וואַך, געטראַכט און געבענקט אַהיים. און ניט איינמאָל אויפכאַפּנדיק זיך פון קעלט, צי פון הונגער, פלעגט ער אויפשוידערן פון דער אַרומיקער פּוסטקייט און עס האָט אים מורא'דיק אויסגעפּעלט די היימישע וואַרעמקייט.

און אַט איז זי — די היים, צו וועלכער ער האָט זיך איצט אומדערוואַרט צוריקגעקערט. וואו־זשע איז די פריערדיקע פרייד און דער פריערדיקער צויבער? די שטוב איז, דאַכט זיך, די זעלבע. דער זעלבער טיש, בענקלעך. נאָר עפּעס איז איצט אַנדערש. אַ דריקנדע פינצטערע כמאַרע הענגט איצט איבער אַלץ און אַלעמען.

דער טאַטע ליגט אין צווייטן חדר און קרעכטשעט. די מאַמע, בלייך און אָפּגעצערט, מיט טיפע קאַרבן און פאַרצאָגטע אויגן, איז פאַרנומען איבערן קאָפּ.

אויף יעדן ריר, פילט זי, ריווע־לאה, ווי ער פּעלט איר אויס, איר רחמיאל.

אַט האָט זיך אויסגעלאָזן די אָנגעהאַקטע האָלץ, האָט זי געמוזט לויפן צום גוי'אישן שכן און בעטן אים ער זאָל צעזעגן די קלעצער און אָנשפּאַלטן האָלץ. אין דרויסן ברענט אַ פראָסט און זי מוז דאָך האַלטן די שטוב וואַרעם.

זי רייסט זיך אונטער די כחות און טראָגט אליין אַרויס דעם צעבער מיט פּאָילע פאַר די בהמות. און זי מוז לויפן אַלע ווײלע אין מיל, רעדן צו די פּויערים, און בעטן זיי צו זיין געדולדיק, ביז איר מאַן וועט געזונט ווערן.

אין שטוב זענען אַלע אַרומגעגאַנגען דערדריקט. מען האָט מער ניט גערעדט צווישן זיך פריי אויפן קול, ווי אַמאָל, נאָר האַלב אינדער־

שטיל, ווי מען וואָלט מורא געהאַט, אַז אַ הויך וואָרט וועט ווי טאָן דעם טאַטן.

און עס איז געווען נאָך עפּעס, וואָס אַלע האָבן געפילט, כאָטש קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט אַרויסברענגען אויף די ליפּן.

פאַר די לאַנגע יאָרן און דורות איז מען דאָ געווען אַזוי איינגעוואַקסן אין דעם גאַנצן אַרום, אין מיל און אין שטוב, אַז מען האָט זיך און דעם אַרום באַטראַכט ווי איין גאַנצקייט, ניט צו צעשיידן. האָבן דאָך דאָ דורות געלעבט!...

רחמיאל איז אויך דאָ אין שטוב געבוירן געוואָרן און דאָ אָפּגעלעבט אַלע טעג. דאָ האָט ער געבראַכט אויף דער וועלט זיינע קינדער.

טאָג־טעגלעך איז מען געווען אַריינגעטאָן אין פאַרשידענע אַרבעטן אין מיל, אַרום שטוב און אין הויף. דאָס לעבן האָט זיך אויסגעוועבט זיין אייגנאַרטיקן גאַנג, פון די וואָכעדיקע נויטיקייטן, און געשאַפן אַ געפיל פון באַשטענדיקייט, ווי דאָס דרייען זיך פון די רעדער און דעם טלאַפּ־טלאַפּ פון פאַלנדיקן וואַסער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס זיין עד סוף כל הדורות.

אָבער דער איצטיקער אומגליק מיט רחמיאל'ן האָט ביי אַלעמען צוגענומען אָט דעם געפיל פון זיכערקייט. מען האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז זייער גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון איין מענטש — פאַן איגנאַצי סטריזשעווסקי. און דער דאָזיקער מענטש איז אויסגעוואַקסן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, וואָס אָט־אָט קען זיך עס אַראָפּלאָזן אין אַ גוס־רעגן און אַרונטערשווענקען דעם פונדאַמענט פון דורות לאַנגער האַרעוואַניע.

עס האָט ניט גענומען לאַנג אַז שלמה זאָל באַנעמען די שווערע לאַגע. ער האָט זיך מיט יוגנטלעכן אימפּעט אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט אין מיל און אין שטוב. ער האָט זיך איצט דערפילט דערוואַקסן און וויכטיק.

ער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט אויפגעבן דאָס לערנען. פלעגט ער אויפשטיין יעדן טאָג, פאַרטאָג, און ביי דעם שיין פון אַ וואַקסענעם ליכטל לערנען אַ שעור גמרא.

שלמה'ס נשמה איז געוואָרן אָנגעפילט מיט ספיקות וועגן דער גערעכטיקייט פון דער השגחה. אים האָט געמאַטערט די פראַגע: פאַרוואָס פלאָגט זיך דער צדיק אַ גאַנץ לעבן, און דעם רשע לעבט זיך בעסער? ווער האָט צעטיילט די וועלט אין רייכע און אָרעמע? אין פּריצים און פּויערים? איז טאַקע פאַראַן אין הימל צדק און יושר?

אויב אַזוי, ווי שיקט זיך עס, אַז גאָט זאָלליידן די ווילדע מעשים פון פּאַן סטריזשעווסקי?

אָט די ספיקות האָבן געדריקט זיין נשמה. האָט ער לערנענדיק און זוכנדיק אַן ענטפער העכער געצויגן דעם גמרא־ניגון און, מיטן פריערדיקן גלויבן און התלהבות, געזוכט אַריבערצושרייען די ספיקות.

עס איז אים ניט געלונגען.

צום קראַנקן פאָטער, וואָס איז געלעגן אין צווייטן חדר, זענען אָבער די קלאַנגען פון גמרא־ניגון געווען ווי אמת׳ע היילונג אויף דעם צעוואונדיקטן גוף. זיי האָבן פאַרגיטיקט פאַר אַ סך יסורים.

ליגנדיק מיט בראַנדיקע וואונדן האָט רחמיאל געטראַכט: אַז מיט איין האַנט שטראָפט גאָט, אָבער מיט דער צווייטער האַנט שיקט ער נחמה. אַז מן־הסתם האָ ער געזינדיקט און אַלע צרות זענען אַ שטראָף פון דעם אויבערשטן. ער מוז די ענויים אָננעמען און אָפקומען.

רחמיאל איז נאָך שוואַך געווען, נאָר די אומרו, צי אין מיל גייט אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט אים געהויבן פון בעט.

ווען ער איז, נאָך עטלעכע וואָכן, אַריין אין מיל, האָט אים אַ יאָמער דורכגענומען. ער האָט זיך געוואָלט שטאַרקן און דערשטיקן דעם צער אינזיך, נאָר ער האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער איז צוגעפאַלן צו די שטיינער און זיך צעיאָמערט אויפן קול. אים האָט זיך געדאַכט, אַז, אפילו, די קאַלטע שטיינער וועלן דערפילן זיין האַרץ־געשריי. אַ גאַנץ לעבן דאָ מיט זיי געהאָרעוועט, און ניט נאָר ער, דער טאַטע זיינער, דער זיידע האָט דאָך דאָ אַ לעבן אָפּגעפראַצעוועט. אָרענטלעך צו גאָט און מענטש... פאַרוואָס־זשע, אָ, גאָט האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט? פאַרוואָס? פאַרוואָס?!...

שלמה איז הינטערווייַלעכץ אים נאָכגעקומען. ער איז געשטאַנען לעבן דעם יאָמערנדיקן פאָטער, אַ צעפייניקטער. אים איז שווער גע־ווען אים צו זען אין אַזאַ צושטאַנד. צום ערשטן מאָל זעט ער דעם טאַטן וויינען. און דוקא איצט וואָלט ער וועלן זען דעם טאַטן אַזאַ, ווי ער איז געווען פריער: מיט גלייכע פלייצעס ,מיט מונטערן, האַס־טיקן גאַנג, ווען די ציצית פלעגן זיך יאָגן און ניט דעריאָגן אים. און אַ זיכערן אין זיך. ווייל אויך אים, שלמה׳ן, פייניקט דער „פאַרוואָס״. ווער קען אים ענטפערן, אויב ניט זיין טאַטע? וואו דען וועט ער דעם ענטפער געפינען? וואו?

שפּעטער איז רחמיאל אַריינגעקומען אין מיל און געזען, אַז ער האָט, גאָט צו דאַנקען, אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. דאָס האַרץ איז פול געוואָרן מט שטאָלץ אוף זיין שלמה׳לען. האָט ער איבערגעלאָזן

צו אים די גאַנצע אַרבעט, נאָר פון געוואוינהייטס וועגן פלעגט ער נאָך אַריינקומען און פּרוּאוון עפּעס טאָן. אָבער ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג פלעגן די הענט אַראָפּפאַלן. פלעגט ער זיך אַרומדרייען אַ ווײַלע און אַ טרויעריקער אַרויסגיין פון מיל.

און שטענדיק איז רחמיאל'ן נאָכגעגאַנגען די שרעק, וואָס די דאַליע פון זיין גאַנצער משפחה, און זיין לעבן־האָרעוואַניע איז אָפּהענגיק נאָר פון איין מענטשן, פון פאַן סטריזשעווסקי'ן. ער קען נאָך אַוועקנעמען פון אים די אַרענדע און דעמאָלט וועט רחמיאל בלייבן אָן ברויט.

ביטער איז אים געוואָרן אויף דער נשמה, און אַ נידערגעשלאָגענער האָט ער אַרומגעבלאָנקעט ביים מיל און שטוב.

***

דער ווינטער איז יענעם יאָר געווען אַ שווערער, זאַווערוכעס און קעלטן האָבן לאַנג אָנגעהאַלטן. זיידעס האָבן דערציילט, אַז זיי געדענקען גאָרניט אַזאַ ווינטער.

אין רחמיאל'ס שטוב זענען די טעג געקראָכן אָנגעפּיקעוועט מיט זאָרג און שווערן געמיט, ווי די בלייענע הימלען אָנגעלאָדן מיט קעלט און שניי.

שווער איז געפאַלן יענעם ווינטער די אַרבעט אין מיל. די וואַסער־רעדער פלעגן געפרוירן ווערן, ווי נאָר מען פלעגט לאָזן די מיל. די רעדער שעפּן דאָס וואַסער מיט די לאָפּעטקעס, גיסן עס אַרום און אַרום, דער פראָסט פרירט די נאַסע רעדער שיכט נאָך שיכט, ביז די רעדער ווערן גרויס און שווער און עס ווערט זיי ענג אין דער קאָריטע. די זייטיקע ברעטער און קלעצער ווערן אויך באַדעקט מיט אַ גליטשיקן שיכט אייז. האָט מען אָפט געמוזט אָפּשטעלן די מיל און שלמה האָט מיט אַ שאַרפער האַק אַראָפּגעקלאַפּט דאָס אייז.

די אַרבעט איז ניט געווען קיין גרינגע. דאָס אייז האָט געשפּריצט אין פּנים אַריין, האָט זיך אָפט פאַרקליבן אין קאָלנער, די הענט אין די הענטשיקעס פלעגן שטייף ווערן, און שלמה האָט קוים איינגעהאַלטן די האַק. אָבער שלמה האָט די אַרבעט ניט אָפּגעלאָזן.

דערנאָך פלעגט ער, אַ שטאָלצער, זיך אַריינכאַפּן אין שטוב, וואו די מאַמע האָט שוין צוגעגרייט אַ שיסל ווייצענע קלייען און וואַרעם וואַסער און ער האָט געבריט די צעפּלאַצטע הענט.

***

באַצייטנס האָבן יידן פון שטעטל גענומען גרייטן זיך צו פסח. מען דאַרף זיך פאַרגרייטן מיט פסח׳דיקן מעל. דאַרף מען פאָרן זען זיך מיט רחמיאל דעם מילנער. אַזוי איז דאָס געווען יאָר־איין, יאָר־אויס.

זענען די מעל־סוחרים אַראָפּגעקומען און געבראַכט מיט זיך כל־ערליי ווייץ־פּראָבעס. ריווע־לאה האָט ריין געמאַכט דעם טיש, מען האָט זיך צעזעצט אַרום אים מיט ערנסטע פנים׳ער. פון לייוונטענע טאָרבקעלעך, פון פאַטשיילעס האָט מען פאַרזיכטיק אַרויסגעוויקלט פסח־דיקע ווייץ.

ריווע־לאה האָט דערלאַנגט אַ פינגערהוט און מען האָט אָפּגעמאָסטן קערנער פון יעדן סאָרט ווייץ. די קערנדלעך האָט מען דערנאָך אויס־געשאָטן אויפן טיש און געקליבן יעדן קערנדל באַזונדער. מען האָט אָפּגעקליבן אָן אַ זייט די קערנדלעך, וואָס האָבן געוויזן סימנים פון אויסוואוקס, מיט וואָרצעלעך אין שפּיץ. אַזעלכע אויסגעוואָקסענע קע־רנדלעך האָבן געוואָרפן אַ חשד פון חמץ.

פון אַלע פּראָבעס האָט מען אויסגעקליבן די סאַמע ריינסטע, סאַמע טרוקנסטע. רחמיאל האָט צעביסן אין צווייען אַ פּאָר קערנדלעך, באַ־טראַכט די ווייסקייט און אַרויסגעגעבן זיין הסכמה. עס וועט פון דעם זיין גוטער מעל.

אַז מען האָט באַשטימט וואָס פאַר אַ ווייץ צו קויפן, האָט מען גענומען שמועסן וועגן כשר׳ן די מיל. מען האָט אָפּגערעדט וויפיל ווייץ מען וועט דאַרפן היי־יאָר ביילטלען. מושווה געוואָרן מיטן מקח פאַרן ביילטלען, האָט מען געטרונקען לחיים.

— זאָל גאָט געבן, איר זאָלט מער קיין צרות ניט האָבן — האָט מען געוואונטשן רחמיאל׳ן. און דערביי האָט ניט איין סוחר טיף אין זיך געזיפצט.

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז אין גלות? ביי עשו׳ן אין די הענט?

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין מיל געוואָרן גאָר לעבעדיק. עס זענען אָנגעקומען פויערישע פורן אָנגעלאָדן מיט פּעק־תבואה. די זעק זענען געווען זאָרגפעליק צוגעדעקט, כאָטש אין דרויסן איז געשטאַנען אַ טרוקענע קעלט.

מען האָט די תבואה אַריינגעטראָגן אין אַ ריינעם אַלקערל פון הויז, ביז וואַנען מען וועט כשר׳ן די מיל.

די גאַנצע משפחה האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. עס איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַזוי פיל מעל־שטויב פאַרקלייבט זיך אין יעדער שפּאַרונע, און מען טאָר קיין איינע פון זיי ניט דורכלאָזן.

פון שוועל ביזן שפּיץ פון בוידעם וועט מען דאַרפן רייניקן, וואו אַ שפּעלטעלע, וואו אַ לעכעלע.

אָנגעטאָן אין אַלטע קליידער און באַוואָפנט מיט מעסערס, מיט געגזונע פלעדערווישן, האָט מען גערייניקט שפּאַן נאָך שפּאַן. און ענדלעך: די מיל איז גאָר אַ נייע. די ברעטער שמעקן גאָר אַנדערש איצט.

אַלע זיינען אויסגעמאַטערט. שטייען און וואַרטן אויפן טאַטן.

רחמיאל האָט גוט אַרומגעקוקט די מיל. אַלץ איז, ווי עס באַדאַרפט צו זיין. ער וואַרפט אַ בליק אויף דער גאַנצער משפחה. באַגעגנט זיך מיט שלמה׳ס אויגן און גיט צופרידן אַ שמייכל. דאַכט זיך, דאָס איז דער ערשטער שמייכל נאָכן אומגליק.

פון טאַטנס שמייכל ווערט אַלעמען לייכטער און די משפחה קוקט זיך איבער. יעדערער האָט צוגעטראָגן זיין חלק.

מען שמידט די שטיינער.

מיט שפּיציקע האַמערס פּיקט מען אויס לעכעלעך אין שטיין און מען מאַכט די שטיינער שאַרף, זיי זאָלן בעסער מאָלן דעם פּסח׳דיקן ווייץ.

דערנאָך איז אַראָפּגעקומען פון שטעטל אַ שניידער און ער האָט זיך געזעצט נייען זיידענע בייטלען, וואָס וועלן זיפּן דאָס פּסח׳דיקע מעל. פאַר דעם נוצט מען אַ דורכזיכטיקן, ווייסן, שיטערן זייד.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם אַלעמען, איז רחמיאל געפאָרן אין שטעטל אַריין ברענגען דעם רב. דער רב האָט באַדאַרפט קומען זען, צי אַלץ איז גערייניקט געוואָרן פון חמץ — כשר׳ן די מיל. רחמיאל קוקט שוין אַרויס אויף דעם רב׳ס הכשר. וועט מען האָבן געטאָן נאָך אַ מצוה. אפשר, בזכות זה, וועט שוין נעמען אַ סוף צו זיינע ליידן.

און אָט איז דער רב געקומען אין רחמיאל׳ס שליטן. רחמיאל האָט ראַפּטום פאַרהאַלטן דאָס פערד פאַר דער שטוב, איז אַראָפּ פון שליטן מיט דער אַמאַליקער שפּריטנעקייט.

שלמה איז צוגעקומען זיי באַגעגענען. האָט דערלאַנגט דעם רב שלום־עליכם.

— מיין זון! — האָט רחמיאל זיך געווענדט צום רב מיט שטאָלץ. — ער האָט צוויי און אַ האַלב יאָר געלערנט אין דער ישיבה.

שוין ניט קיין יונגער, אין אַ לאַנגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, הויבט דער רב אויף זיינע קורצזיכטיקע אויגן און קוקט זיך אַרום.

די מיל און שטוב שטייען איינזאַם אין אַ ברייטער וועלט פון אָנגעהורבעוועטע שנייען. ער נעמט אַרויס פון שליטן אַ פּעקעלע און

לאָזט זיך אין מיל. דאָרטן נעמט ער אַראָפּ פון זיך די אַטלאַסענע קאַפּאָטע און טוט אָן אַ ווייסן כאַלאַט. טוט אויס דעם קאַפּעליוש און בלייבט אין אַ ברייט סאַמעטענעם קאַפּל.

מען האָט דעם רב דערלאַנגט אַ ריינעם, אָפּגעשייערטן מעסער מיט אַ שאַרפן שפּיץ. אַ נייעם, נאָך ניט געניצטן פלעדערוויש — אַ גאַנצן גענזענעם פליגל. מען האָט אָנגעצונדן אַ וואַקסענעם ליכט און מיט אַן ערנסטקייט און קדושה, ווי דער כהן־גדול זאָל דאַרפן טאָן די עבודה אין בית־המקדש, האָט דער רב אָנגעהויבן זיין בדיקת־חמץ. ער זוכט און נישטערט. אָט האָט ער מיטן מעסער דערטאַפּט אַ קערנדל, וואָס האָט זיך ערגעץ פאַר׳גנב׳עט. ער דאַביוועט עס אַרויס. ער קוקט אויף רחמיאל׳ן מיט אַ גלי פון נצחון אין די אויגן, אַזוי ווי ער זאָל זאָגן: מיין אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט. מען דאַרף פאָרט האָבן אַ רב. מעג מען שייערן און רייניקן וויפיל מען וויל, מוז פאָרט זיין די השגחה פון רב׳ס אויג.

דער רב האָט דאָס קערנדל מיט גרויס פאָרזיכטיקייט אַריינגעלייגט אין אַ פּאַפּירל, ווי ער וואָלט געווען אַ טייערע מציאה. ער האָט דער־נאָך אַרומגעווישט דאָס אָרט, וואו דאָס קערנדל איז געלעגן מיט דעם פלעדערוויש.

דער רב גייט נאָך אַרויף אויפן בוידעם, וואו די שווערע שטיינער, קאַלט און שווייגנדיק, ליגן איבערגעקערט מיטן פּנים אַרויף. ער קוקט זיי אָן און ווייסט אליין ניט וואָס צו טאָן. גיט ער אַ סקראַבע מיטן מעסער. ער זאָגט:

— אודאי, האָט איר, ר׳ רחמיאל, געזען אַז עס זאָל זיין כשר.

— געׄכשר׳ט רבי, אַלץ גע׳כשר׳ט.

דער רב האָט זיין הייליקע אַרבעט פאַרענדיקט. ער קומט אַרויס פון מיל. טוט צוריק אָן זיין קאַפּאָטע און קאַפּעליוש. איצט קוקט ער אויס ווידער וואַזשנע און חשוב. ער נעמט אַרויס אַ רויטע פאַטשיילע און ווישט זיך די פּיאות און באָרד. ווישט אויס די אויגן און קוקט אָן די אַרומיקע.

ער שמייכלט צו די אַרומיקע, און אַ צופרידענער פון דער אָפּגע־טאָענער אַרבעט, ווערט ער צוגעלאָזט און דערלאַנגט מיט וואַרעמקייט רחמיאל׳ן און דערנאָך שלמה׳ן די האַנט.

— כשר! זאָל זיין מיט גליק און פּרנסה! און זאָל זיין ישועות אויף יידן.

ריווע־לאה איז אויסגעוואקסן מיט אַ טאַץ בראָנפן און עטלעכע גלעזלעך.

דער רב האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל, האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל ,און מיט כוונה געמאַכט אַ ברכה. פאַרזוכט אַביסל און געוואונטשן לחיים.

באַלד דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו מאַלן דעם פסח׳דיקן ווייץ. שוין טאָקע צייט געווען. אין שטעטל זענען די פאַדריאַדן געשטאַנען גרייט. מען האָט נאָר געוואַרט די סוחרים זאָלן שוין ברענגען דאָס מעל.

קוים אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פסח׳דיקן מעל, האָט מען זיך ווידער גענומען מאָלן פאַר די אַרומיקע פּויערים, וואָס האָבן זיך געגרייט צו זייער חגא — פּאַסקע. אַ מידער פלעגט שלמה אַוועקפאַלן, און האָט קיין כוח מער ניט געהאַט אויפצושטיין גאָר פרי צו לערנען זיין שעור גמרא. די אַרבעט אין מיל האָט אים פאַרשלונגען.

**
*

ענדלעך האָבן די קעלטן גענומען אָפּלאָזן און ראַשיק האָט דער פרילינג אָנגעזאָגט מיט לינדע ווינטן די בשורה, אַז ער איז דאָ. די ווינטן האָבן די כמאַרעס צעטריבן און דער לאַזור פון לאַנג־באַהאַל־טענעם הימל האָט צוגעזאָגט אַז עס וועלן קומען פרייענדיקע טעג.

די זון האָט אַ בליאַסק געטאָן איבער די ווייט־פאַרשנייטע פעלדער. אַן אַנדערע זון, ניט די ווינטערדיקע. אירע שטראַלן פאַרפלייצן די וועלט, דערוואַרעמען די ביינער און דערקוויקן די נשמה. און באַלד האָט אַלץ גענומען שמעלצן און פינקלען אונטער אירע שטראַלן. פון אומע־טום ציען זיך רינעלעך וואַסער, פאַרכאַפּנדיק אין לויף שטיקלעך אייז און שניי. איין רינעלע טרעפט זיך מיט אַן אַנדערן און צוזאַמען בילדן זיך שטראָמען, וואָס לויפן שטאַרקער, רוישיקער צום סטאַוו. עס קוועלט שוין אונטערן אייז. ביינאַכט הערט מען ווי דער אייז פּלאַצט מיט אַ קנאַק. ווערט צעבראָכן אין קריעס. דאָס וואַסער פאַרשווענקט זיי און שטראָמט שוין פון אויבן.

שלמה האָט באַצייטנס אויפגעהאַקט דאָס אייז אַרום די זאַסטאַוו־קעס, כדי דאָס וואַסער זאָל האָבן אַ פרייען וועג. רחמיאל האָט גוט באַטראַכט ביידע זייטן פון בריק און די גרעבליע, צי זי וועט בכוח זיין אויסצוהאַלטן אַ גרויסן וואַסער־שטראָם.

דער אָנגעקומענער פרילינג האָט שלמה׳ן פאַרכאַפּט מיט זיין ראַ־שיקייט. נייע זאָרגן און נייע געפאַרן; דאָס וואַסער שטראָמט צום סטאַוו מיט גרויס אימפעט. נאָר שלמה איז גרייט די געפאַרן צו באַגעגענען. ער איז איצט גאָר אַן אַנדערער. דאָס פריערדיקע פנים פונעם ישיבה־

בחור האָט זיך איצט אָנגעגאָסן מיט רויען ווינט. די הענט האַלטן איצט שטאַרק און זיכער דעם אייזערנעם לאָם און קרישלען פלינק די קריעס, אַזוי שנעל ווי זיי פאַרהאַלטן זיך לעבן די זאַסטאַווקעס.

גאָט צו דאַנקען, די געפאַר איז אַריבער. דאָס וואַסער קומט שוין מער ניט צו מיט אַזאַ אימפעט. עטלעכע טעג זענען פאַרביי און די אַרבעט אין מיל איז אַריין אין געוויינלעכן גאַנג.

***

ס'איז געווען אַ שבת־צו־נאַכט, דער יום־טוב פון דער קריסטלעכער פאסכאַ. שוין אַ פאָר טעג, ווי מען איז אין מיל פאַרטיק געוואָרן מיטן מאָלן פאַר די פויערים. איצט איז שלמה געזעסן אין דרויסן און אָפּגעגעבן זיך צו רו.

ניט לאַנג צוריק האָט אוונט געענידערט. אויפן קלאָרן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע שטערן. פון פאַרהוילענע ווייטנס האָבן זיך געטראָגן די טרעלן פון אַ נאַכטיגאַל. זיי האָבן אין דער אָוונטיקער שלווה געבראַכט די פרייד פון אומקער צום היימישן נעסט און צו די אַלטע פעלדער. די פרייד און אָנזאָג פון פולן זומער־לעבן.

שלמה איז באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ מאָדנע פילפאַרביקייט. די קלאַנגען פון נאַכטיגאַל האָבן וואָך געמאַכט זיין נשמה און געוועקט אַ טיפע בענקשאַפט. אין אים זיינען אויפגעקומען שפּירונגען, וואָס האָבן געמאָנט און גערופן. און צו וואָס, האָט ער ניט געקענט באַגרייפן. אַלץ איז אין אים איצט געווען אַזוי נעפּלדיק און צעשוואומען, ווי די קאָנטורן פון דעם גאַנצן אַרום, וואָס ער האָט אַזוי גוט און נאָענט געקענט, נאָר איצט זענען זיי געווען אַנדערש און פאַרהוילן מיט אַ שלייער.

דער הימל אויבן איז געוואָרן טיפער. סודות'פול האָבן די צעשאָטענע שטערן זיך איבערגעוואונקען. יונג צעעפנטעביימער זענען געשטאַנען דרימלענדיקע. די נאַכט איז שטיל. און דאָך פאַרנעמט ער, שלמה, אַ געזאַנג. דאָס געזאַנג פון גאָט'ס יצירה. ער האָט בחוש געפילט, אַז אַרום אים גייט אָן די מיסטעריע פון גאָט'ס באַשאַף.

האָט ער געוואָלט זיין אַ טייל פון דעם מיסטעריעזן אַרום. צענויפגיסן זיך — און ניט געקענט. דאָס האַרץ האָט צו עפּעס געצויגן און אַ גאַרונג נאָך דערפילונג האָט געמאָנט. ער האָט זיך געפרעגט: „נאָך וואָס”?... און דעם ענטפער ניט געפונען.

די קלאַנגען פון קירכן־גלאָקן האָבן זיך צו אים דערטראָגן און איבערגעריסן די שטילקייט און דעם צויבער פון דער נאַכט.

זיי האָבן אים געבראַכט צו אַנדערע געדאַנקען. ער האָט זיך דער־מאָנט, ווי מאַרוסיע האָט חנ׳עוודיק צו אים אַ וואונק געטאָן, ווען ער האָט איר פריער געזען גייענדיק אין קלויסטער. ער האָט שוין עטלעכע מאָל גֿעזען ווי זי וואַרפט צו אים פאַרפירערישע בליקן, אָבער ער איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט פון מיל און באַזאָרגט מיט טויזנ־טער דאגות, האָט ער וויניק געטראַכט פון איר. נאָר היינט... היינט האָט זי אויסגעקוקט אַזוי פריש און שיין...

און זייער ערשטע באַגעגעניש אין וואַלד, ווען זי האָט שוועמלעך געקליבן, איז אויפגעקומען פאַר אים. די שטילע פרילינג־נאַכט האָט געוועקט אין אים אַ באַגער זי ווידער צו טרעפן. ס׳האָט געצויגן און אין דערזעלבער צייט געשראָקן. ער וואָלט בעסער באַדאַרפט אוועק־גיין. דאָך... ער קען איצט ניט אַוועקגיין.

שלמה דערזעט פון דערווייטנס דעם שיין פון ברענענדיקע ליכט. דאָס גייט מען שוין פון קלויסטער. אָט קומען די שכנים נעענטער. ער באַגריסט זיי און זוכט מיט די אויגן מאַרוסיאַן. נאָר זי איז דאָ ניטאָ. בלייבט ער זיצן אַליין. און אפשר איז בעסער אַזוי, טראַכט ער. ער וועט גיין אין שטוב, שוין נאָך האַלבע נאַכט.

ער קערט זיך אום צו גיין און מיטאַמאָל דערזעט ער זי נאָענט, נאָענט כמעט אויף זיך.

מאַרוסיאַ באַגריסט אים מיט קריסטוסעס געבורט. און איידער ער האָט נאָך צייט צו טראַכטן, נעמט זי אים אַרום און קושט אים.

שלמה ווערט זיך, אָבער זייער שוואַך און אומגעלומפּערט. אַ היץ נעמט אים אינגאַנצן דורך. ער ווייס: אַזוי איז ביי „זיי״ דער מנהג זיך צו באַגריסן היינטיקע נאַכט, און דאָס האָט אים געבראַכט צוריק צו זיך. ער שפּירט דעם חילוק צווישן מאַרוסיאַן און זיך, ביי אים איז פאַראַן אַ געפיל פון זינד. זי אָבער, ווייס ניט קיין אונטערשייד. זי איז פול מיט פרייד. עס זינגט אין איר די יוגנט און רופט. און די נאַכט, מיט איר צויבער און סודות׳פולקייט, וועקט נאָך מער דעם דראַנג צו האָבן עמיצן נאָענט. און אָט שטייט ער פאַר איר, דאָס אינגל, וואָס זי האָט אַזוי גערן געהאַט, ווען זיי זענען געווען קינדער. איצט איז ער אַזוי שיין אויסגעוואַקסן, אַזוי קרעפטיק. עס ציט צו אים.

— קום, שליאָם! — גיט זי אים אַ צי ביי דער האַנט — כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט דיך זען. ביזט דאָך שוין דאָ עטלעכע מאָנאַטן. שטענדיק פאַרטאָן אין דער אַרבעט. זעסט קיינעם ניט... קום! באַגלייט מיך אַהיים!

ער גייט ביי איר זייט, אַ ביסל אָפּגערוקט. אָבער די הענט זייערע טרעפן זיך, פלעכטן זיך צוזאַמען. דריקן זיך, ניט דרייסט. איר וואַרעמע האַנט האָט געשיקט אַ וואַרעמען ציטער דורך זיין גאַנצן וועזן. און ער האָט שוין דרייסטער זי געקלאַמערט.

אויך זי, מאַרוסיאַ, האָט, קענטיק דערפילט דעם זעלבן ציטער און אויפגעהויבן איר קאָפּ צו אים, אירע שטיפערישע אויגן, ווי דאָ־מאָלסט אין וואַלד, ווען זי האָט אַ פאַרשייטע געלאָזט זיך לויפן צווישן די ביימער און ער האָט זי נאָכגעיאָגט. און אירע ליפּן פולע, אויפגע־בלאָזענע, אַרויסרופנדיקע.

שלמה האָט זיך אָנגענומען מיט כוח. האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון איר, און אַוועקגעקוקט אין דער נאַכט, ווי ער וואָלט דעם אַרויס־רוף ניט געזען.

מאַרוסיאַ האָט געוואָרפן נאָך אַ בליק אויף אים און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי געגאַנגען. דערנאָך האָט זי ווידער אַרויפגעקוקט צו אים. איצט איז איר בליק געווען גאָר אַן אַנדערער. פאַרשוואונדן איז די פריערדיקע שטיפערישקייט פון די אויגן. זי האָט גערעדט און אין איר קול איז געווען פאַרדראָס.

— ביזט עפּעס אַזאַ מאָדנער, שליאָם! און אַזאַ פרעמדער איצט! און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ווען מיר וועלן זיך טרעפן, וועל איך ווידער באַגעגענען דעם אַמאָליקן צוגעלאָזענעם שליאָמקען. דעם, וואָס פלעגט דערציילן שיינע מעשה׳לעך, וואָס האָבן געצופּט ביים האַרץ. עך, ניטאָ שוין דאָס אין דיר... נו, אָט זענען מיר שוין אינ־דערהיים. דאָ ווידזעניאַ, שליאָם! אויף ווידערזען!

פון דער אַנדער זייט טויער, האָט זי אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט, און איז אַריין אין שטוב.

שלמה איז געבליבן שטיין ביים טויער אין אַ מאָדנער צערודערונג. ס׳האָט אים באַנג געטאָן פאַרוואָס זי איז אַזאַ ברוגז׳ע אַוועק פון אים. אמת, ער האָט פאַרדינט דעם פאַרוואורף. אַוודאי האָט ער זיך אויפ־געפירט מאָדנע און כאָטש עס האָט אים געצויגן צו איר, האָט עפּעס אַ געהיימער כח אין אים געמאָנט ער זאָל זיך צוימען.

שלמה איז געקומען אַהיים און געוואָרפן זיך אויפן געלעגער. אַלע אין שטוב זענען שוין געשלאָפן, נאָר ער האָט קיין רו ניט געפונען. די רייצנדע געשטאַלט פון מאַרוסיאַן איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. ער האָט געטראַכט: זי האָט די דרייסטקייט צו נעמען פון לעבן דאָס, צו וואָס איר האַרץ גלוסט. און ער?...

שלמה האָט געפילט, אַז ער קען ניט זיין ווי מאַרוסיאַ. טויזנטער אומגעזעענע פעדים פאַרבינדן אים מיט אַן אַנדער לעבן. ער מוז טראַכטן, מעסטן און וועגן זיינע טואונגען, ווייל ער טראָגט אחריות פאַר זיי. אחריות פאַר גאָט און מענטש. דאָ האָט ער געפילט דעם טיפן תהום, וואָס שטייט צווישן אים און מאַרוסיאַן. הינטער אים שטייען דורות פון יידישן לעבן מיט טהרת־המשפחה, צוגעבונדנקייט צום שטאַם און איינגעוואָרצלטן כיבוד אב־ואם. און הינטער מאַרוסיאַן שטייט יונג פריי און שטיפעריש לעבן, — אַ לעבן אָן חשבון הנפש. שלמה האָט אויך געטראַכט וועגן זיינע זוכעניש און חלומות, וואָס ער האָט געהאַט, לערנענדיק אין דער ישיבה.

חלומות?... זענען דאָס געווען בלויז חלומות? ווי לאַנג איז עס געווען ווי זיינע רעיונות האָבן געשוועבט אין די הויכן זוכנדיק דעם אמת?

די בענקשאַפט נאָך יענע איבערלעבונגען, ווען זיין נשמה האָט געצויגן צו באַנעמען גאָטס דרכים, דורך לערנען זיין תורה, האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט שוין לאַנג ניט געלערנט קיין בלאַט־גמרא.

שלמה איז אויפגעשטאַנען. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל און אויפ־געעפנט די גמרא, ערובין. ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיטן אַלטן גמרא־ניגון: ...„דברי תורה כל זמן שאדם הוגה בהן, מוצא בהן טעם“, — כל זמן אַ מענטש לערנט תורה, געפינט ער אין איר אַ טעם. אָבער דאָס מאָל האָט שלמה אין די ווערטער ניט געפונען קיין טעם. עפּעס אַ מחיצה איז געשטאַנען צווישן אים און די גמרא. אויך דער אַלטער גמרא־ניגון האָט מער ניט געוועקט אין אים דעם אַמאָליקן פייער און גלויבן...

שלמה איז אַנטשוויגן געוואָרן. מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויס־ברענגען, ווי אין אים וואָלט אַנטשטאַנען אַ פוסטקייט. ער האָט זיך דערשראָקן. גאָט אין הימל! ווי וועט ער איצט קענעןביישטיין דעם נסיון? מאַרוסיאַ רופט!...

שלמה האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט אין מיל און געזוכט אויסצומיידן באַגעגענישן מיט מאַרוסיאַן. ער האָט זיך געפילט איינזאַם, און די איינזאַמקייט האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיינע שטילע באַגערן. און דווקא וועגן דעם האָט ער מיט קיינעם, קיינעם ניט געקענט רעדן.

מאַרוסיאַ איז געווען אַנדערש. זי האָט ניט געזוכט צו דערשטיקן אין זיך די גלוסטונג נאָך שלמה׳ן. פון זייער הויף האָט זיך געזען דער וועג צום וואַלד. און זי האָט געוואוסט, אַז שלמה האָט ליב דאָרטן צו שפּאַצירן איינער אַליין. האָט זי געהיט דעם וועג. און אין איינעם אַ

שבת־פּאַרנאַכט, ווען זי האָט אים דערזען דאָרטן, האָט זי זיך מיט הינטער־וועגן דורכגע׳גנב׳עט און זי האָט אים געפונען זיצנדיק פאַר־טראַכט אָן דער זייט פון וועג. אין מויל האָט ער געהאַלטן אַ שטרויעלע, עס געקייט און דער בליק איז געווען פאַרטראָגן אין דער ווייטקייט.

זי האָט זיך שטיל הינטערוויילעכס, דערנעענטערט צו אים, האָט מיט די הענט אים פאַרשטעלט די אויגן. די זעלבע שטיפעריי, וואָס ער האָט צו איר געטאָן אין וואַלד מיט עטלעכע יאָר צוריק, און זי האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן.

שלמה האָט ניט געדאַרפט טרעפן ווער דאָס איז. דער געזונטער, אָנגענעמער ריח פון פרישן פרויען־לייב, האָט אים דעם סוד אויסגע־זאָגט. ער האָט אַראָפּגענומען אירע הענט און זי אַ ציִ געטאָן צו זיך. איר בויגעוודיקער קערפּער איז אַריבערגעהאָנגען זיין פּלייצע. פון דער לויזער בלוזקע האָבן זיך אַרויסגעזען די יונגע מיידלשע בריסט. זיי האָבן כמעט ווי באַרירט זיינע ליפּן. האָט זיך איך אים אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ. איין רגע האָט ער געפילט ווי צוצופאַלן צו זיי, אָבער באַלד האָט ער מיט אַ שטאַרקן באַוועג פון זיינע הענט זי אָפּגערוקט פון זיך און מאַרוסיאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט.

אַ ווײַלע זענען זיי געזעסן אינער לעבן צווייטן און געמאָסטן זיך מיט די בליקן. אירע אויגן — בלויע קאָרן־בלימעלעך. אירע באַקן — אויפגעלעבט, געגרויטלט, ווי דער ערשטער אָנהויך פון ראָזיקייט אויף אַ צייטנדיקן עפּל. און דאָס מויל — אַ האַלב צעעפנט מיט גיריקע ווייסע ציינדעלעך.

שלמה האָט זיך צוריקגעפונען. איצט האָט ער געזען אין איר ניט אַ לילית, וואָס זוכט אין אים דעם מאַן, נאָר אַ חבר פון דער יוגנט. ער האָט זיך שוין אַנטשלאָסן צו ריידן מיט איר. צו זאָגן איר: אַז מער זאָל זי דאָס ניט טאָן, ווייל... ווייל...

ער האָט געשוויגן. זי וואָלט אים קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. צו וואָס זאָל ער איר ווייי טאָן? אָבער ער האָט זיך איצט געפילט לייכטער, וואָס ער האָט דעם נסיון בייגעשטאַנען.

מיט אַ גרינגערן געמיט און אַ מער זיכערער אין זיך האָט שלמה זיך אויפגעהויבן און זי געהאָלפן אויפשטיין. זיי האָבן דערנאָך לאַנג שפּאַצירט. זיך דערמאָנט אין די קינדערישע יאָרן און זיי זענען זיך צעגאַנגען חבר׳יש, מיט אַ וואַרעמקייט און שמייכל אויף ביידנס פּנים׳ער.

***

ס׳האָט זיך געשטעלט הייסער זומער. די טעג זענען געווען פאַרנע. זוניקע ליכטיקייט איז אָפּט פאַרצויגן געוואָרן מיט אנגעלאָדענע רעגן־כמאַרעס. עס האָבן געגאָסן וואַרעמע רעגנס מיט דונערן און בליצן, האָבן אָפּגעפרישט אַ ווײַלע און באַלד האָט די זון ווידער געבאַקן און ס׳איז ווידער געוואָרן פאַרנע.

רחמיאל און שלמה זענען געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט אין מיל. וואַסער האָט נאָך געסטייעט. און אַרבעט איז געווען צו ביסלעך. אַלץ איז געגאַנגען כשורה און רחמיאל איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

מען האָט פאַרזייט דעם גאָרטן און אַלץ איז געוואַקסן ממש אונטער די אויגן ריווע־לאה האָט צוגעקראָגן פרישע אַרבעט. מען דאַרף יעטן, אַרומגראָבן און אַמאָל באַגיסן די יונגע פלאַנצן מיט שיטער צעלאָזענעם קי־מיסט. ריווע־לאה האָט ניט אָן שטאָלץ זיך געקוויקט מיטן גאָרטן. און זי איז געווען צופרידן מיט די צוויי קעלבלעך, וואָס וואַקסן פיין.

עס האָט זיך שוין געוואָלט גלויבן, אַז דאָס וואָס ס׳איז ווינטער פאָרגעקומען מיט רחמיאל׳ן איז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן און מען וועט ווידער אָנגיין מיטן לעבן, ווי פריער, ווי אַלע יאָרן.

נאָר ס׳איז ניט געווען אַזוי. דער פאַרוואַלטער פון פּאַן סטריזשעווסקי האָט געשיקט זיין געהילף צו רחמיאל׳ן אין שטוב אַריין און געזאָגט, אַז מען רופט אים, רחמיאל׳ן אין הויף.

רחמיאל האָט זיך אָנגעטאָן אין די שבת׳דיקע בגדים און מיט אַ פאַרגעפיל פון נייע צרות איז ער אַוועק.

אַדאַם ברינדזאַ, דער פאַרוואַלטער, צו וועמען רחמיאל פלעגט ברענגען יעדעס יאָר די רענטע, האָט אים אויפגענומען ווי אַלעמאָל. געבעטן זיצן. אים איז ניט געווען אינגאַנצן אָנגענעם אָנצוזאָגן רחמיאל דעם מילנער די נייעס, אַז דער פּאַן, איגנאַצי סטריזשעווסקי, נעמט ביי אים צו די מיל און וועט זי פאַרדינגען צו אַן אַנדערן. נאָר פליכט איז פליכט. האָט ער פּרובירט ווייכער מאַכן דעם קלאַפּ.

— פּאַן רחמיאל וואָלט גוט געטאָן, ווען ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדערע מיל; אָדער אַ שענק!...

רחמיאל האָט געפילט, ווי אַ טיפער ווייטיק האָט איינגעשניטן זיין האַרץ. אַ ווײַלע איז ער געבליבן זיצן אָן לשון. כאָטש ער האָט דער־וואַרט אַ שלעכטע בשורה, דאָך האָט אים די נייעס טיף דערשלאָגן. דערנאָך האָט אַ שפּאַר געטאָן דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער פאַרדרוס און ווייטיק. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט עס פלוכן און אַרויס־

שרייען. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. פּרובירט באַווייזן צו אַדאָם ברינדזא, ווי ניט יושר׳דיק ס׳איז אַוועקצונעמען ביי אים דאָס ברויט, נאָכדעם ווי די טאַטעס און זיידעס האָבן דאָ געוואוינט, דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ געשטאָרבן.

„פּאַן, ברינדזא, איך בעט אייך, שטעלט זיך איין פאַר מיר. איך בין דאָך שוין ניט יונג, וואו וועל איך איצט גיין זוכן מיין ברויט?״ — האָט רחמיאל זיך געבעטן.

פּאַן ברינדזא האָט אַ ווײַלע געשוויגן. עטלעכע מאָל זיך דורכגע־גאַנגען איבערן צימער. דערנאָך געבליבן שטיין נאָענט פון רחמיאל׳ן.

— אוממעגלעך ראַכמילעליו. סיידן דו זאָלסט אַליין גיין און פאַלן צו פאַן סטריזשעווסקי׳ס פיס, נאָר ער אַליין קען דיר צוריקגעבן דיין ברויט.

ברינדזא׳ס ווערטער האָבן רחמיאל׳ן ניכטער געמאַכט. ערשט איצט האָט ער באַגריפן, צו וואָס פּאַן ברינדזא פירט. ער האָט זיך דערמאָנט די עקזעקוציע אינם פּאַנ׳ס הויף. דער גאַנצער אכזריות׳דיקער פּרצוף פון פּאַן סטריזשעווסקי איז אויפגעשוואומען פאַר אים. ניין, דאָס וועט ער ניט טאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אויב בעטן גנעדיקייט, האָבן מיר אידן אַ גרעסערן פּאַן, „פּאַן באָג!״, ער וועט מיך ניט לאָזן פאַלן. ער האָט מיר לעבן געגעבן, און כחות צו אַרבעטן, ער וועט מיך אויך ווייטער ניט פאַרלאָזן. דזשענקויע, פּאַן, ברינדזא! — און ער איז אַרויס.

רחמיאל איז געגאַנגען אַהיים און ניט געזען די שיינע וועלט אַרום אים. אַלץ איז פאַרשטעלט געוואָרן פון דער ברויזנדיקער אַנטרויסטונג. און מאָדנע, איצט, אַז דאָס ערגסטע איז געשען, האָט ער געפילט אין זיך מער זיכערקייט אַז גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזן. נישט־קשה. אַזוי פיל יידן געפינען פּרנסה אין שטעטל, וועט אויך ער דאָרט זיין פּרנסה געפינען. ער וועט ניט זוכן צו פאַרדינען זיין ברויט דורך דערנידערונג און פאַנסקע חסדים. גענוג!...

אינדערהיים האָט די נייעס אַלעמען דערשיטערט. ריווע־לאה האָט זיך גוט אויסגעוויינט. אָבער פאַרן מאַן, רחמיאל׳ן, האָט זי זיך געמאַכט האַרץ:

— גאָט וועט אונדז אויך ווייטער ניט פאַרלאָזן. מען וועט שוין עפּעס געפינען וואָס צו טאָן. און האָט דען ניט דיין ברודער גדליה גע־האַט גענוג פּרנסה אויך אַן דעם מיל?

נאָר ווען עס האָט אינגאַנצן דערשלאָגן, איז געווען שלמה. ער האָט בשום אופן ניט געקענט גלויבן. אַז דאָס וועט טאַקע געשען. ער האָט זיך מער קיין אָרט ניט געקענט געפינען. ער האָט מיט איינעם, אַן אומגעזעענעם שונא, שטענדיק איינגע׳טענה׳ט אַז ער איז דאָ, ווייל ער געהערט דאָ.

ער איז אַרויס אויפן בריק. איז לאַנג געשטאַנען און צוגעהערט זיך צו דעם טלאָפּ־טלאָפּ פון פאַלנדיקן וואַסער. דער זעלבער קלאַנג. אַזוי איז עס געווען אַלעמאָל, פון זינט ער געדענקט זיך.

ער האָט אַרומגענומען מיט די אויגן דעם ברייטן אָרום ביז די ווייטע האָריזאָנטן. אַלץ איז אים דאָ געווען אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן. ער קען דאָ יעדעס שטיינדעלע, יעדעס בערגעלע און בוימעלע. ער איז דאָך אַליין, אינאיינעם מיט די יונגע ביימלעך געוואַקסן. ער איז איינער פון זיי, וואָס האָט דאָ, פון דער ערד דעם זאַפט געצויגן. ווי איז דאָס מעגלעך, מען זאָל אים פון דאַנעט אַרויסרייסן? פאַרוואָס? און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז קוים וועט ער דערווייזן אַז ער איז טאַקע דאָ אַזוי איינגעוואָקסן, וועט דאָס אומגליק במילא בטל ווערן.

שלמה האָט ניט געדענקט, ווי אַזוי ער האָט זיך געפונען אויפן וועג צום וואַלד, און ווי אַזוי ער האָט געטראָפן מאַרוסיאַן.

זי איז צו אים צוגעקומען. דערזען אים אַ מאָדנע צערודערטן.

— וואָס איז מיט דיר, שליאָמיק?

ער האָט זיך דערפרייט מיט איר. זי וועט אים פאַרשטיין. איאָ, עס איז אַן אומזין! דאָס אַלץ איז בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש. ער געהערט אַהער, אַזוי ווי זי.

שלמה האָט ניט געזען, צי ניט געוואָלט זען, אַז זי פירט אים אַראָפּ פון ברייטן וועג. אַז זיי גייען צווישן פעלדער. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ מעזשע. דער הויכער קאָרן פון די פעלדער האָט זיי איינגע־שלונגען פון דער אַרומיקער וועלט.

מאַרוסיאַ האָט דערפילט, אַז היינט איז ער גאָר אַן אַנדערער. אַ מער צוגעלאָזענער. ניטאָ אין אים די אַנגעלאָדענע שטייפקייט, וואָס האָט איר געהאַלטן דערווייטערט פון אים. איצט זענען זיי געזעסן נאָענט צוגעדריקט איינער צום צווייטן. ער האָט די נאָענטקייט גערן געהאַט. פון איר האָט געטראָגן דער אַראָמאַט פון יונגן פרויען־לייב און גע־וועקט אין אים די באַגערן. איר ערשטער קוש האָט זיי נאָך מער צע־קוואַליעט. ער האָט זיך איצט ניט געצאַמט. ער האָט געוואָלט זיין ווי זי, ווי די פעלדער, וואָס האָבן זיי אַריינגענומען און פאַרשטעלט מיט

זאַנגען פון פרעמדע אויגן, ווי אַ באַווייז אַז אויך ער איז איינגעוואָרצלט און אַריינגעוואַקסן אין דעם גאַנצן אַרום.

מאַרוסיאַ האָט איצט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ער איז אירער... אירער, אינגאַנצן אירער. זי איז געלעגן לעבן אים אַ הייסע, אַ גאַרנדיקע נאָך זיין באַריר, ווי עס ליגט אין פרילינג אַ טויאיק פרי־שער בייט ערד און גאַרט נאָך באַרפרוכפערונג. און ער האָט ניט געוואָלט זיין אַנדערש...

די טעג וואָס זענען געקומען נאָכדעם זענען געווען צערודערטע. אַלץ איז געווען צוגעשפיצט צו איין מאַטערנדיקן געדאַנק: וועט טאַקע רחמיאל מיט זיין משפחה אַרויסגעריסן ווערן פון דאַנעט?

שלמה האָט געזען ווי דער טאַטע האָט שוין שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק צו פאַרלאָזן די מיל, און ער האָט זיך געגרייט אַריבער־צופאָרן אין שטעטל אַריין. שלמה אָבער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט אַ נס געשען און זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן. אַ טיף גלויביקער, האָט ער הייס תפילה געטאָן: „גאָט! באַווייז דיין חסד. ווער נאָך אַן אַנדערער ווי דו קען אונדז העלפן? מאַך ווייך דאָס האַרץ פון פאַן סטריזשעווסקי. זאָל די נבלה ניט געשען".

און אַז טעג זענען געגאַנגען און קיין נס איז ניט געשען, נאָר פאַרקערט, אדאם ברינדזא האָט געלאָזט וויסן אַז רחמיאל מוז אַפּרייניקן דאָס הויז און די מיל אין משך פון דרייסיק טעג, האָט די ידיעה שלמה׳ן שטאַרק דערדריקט. און כדי זיך צו פאַרטויבן און זיך צו־פאַרגעסן, פלעגט ער שוין אַליין אַפּוואַרטן מאַרוסיאַן און ליגן מיט איר אין קאָרן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגן פלעגט ער קוים קענען אויפהויבן דעם קאָפּ. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טשאַד, און אין אַנגעשטרענגטער דערוואַרטונג אויף אַ נס.

רחמיאל האָט באַמערקט די שטאַרקע ענדערונג און אומרואיקייט אין שלמה׳ן, ער האָט גענומען אים היטן, אויסגעפינען וואוהין שלמה פאַרשווינדט גאַנצע נעכט. און ער האָט זיך דערוואוסט...

רחמיאל איז געקומען אַהיים און געבליבן זיצן מיט דעם קאָפּ אין די הענט. ער וואָלט איצט באַדאַרפט, ווי אַ טאַטע, נעמען אַ שטעקן און צעברעכן שלמה׳ן רוקן און לענד. אַזוי האָט זיין טאַטע געטאָן צו אים, ווען ער האָט אַמאָל אין דער יוגנט ניט געקענט בײַשטיין זיין נסיון. אָבער ער האָט זיך געפילט אַזוי געבראָכן, אַז עס האָט אים פאַרפעלט כוח דערצו.

ריווע־לאה האָט אים געטראָפן זיצן אַ דערשלאָגענעם. און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, האָט זי פאַרבראָכן די הענט און זיך צעוויינט. זי האָט געוויינט לאַנג און מיט אַ כליפּ, און מיט יעדן כליפּ האָט אויך זיין האַרץ מיטגעשריען. נאָר מיטאַמאָל האָט רחמיאל אויפגעהויבן זיין קאָפּ.

— וויין ניט, ווייב מיינס, עס איז קענטיק מן השמים. עס איז אַן אצבע אלוקים, אַז מיר זאָלן אַוועק פון דאַנעט און וואוינען צווישן יידן. אַז מיר זאָלן ראַטעווען אונדזער קרוין פון קאָפּ. אונדזער שלמה׳ן. דאָ צווישן גויים וועט ער פאַרדאָרבן ווערן.

און רחמיאל האָט זיך גענומען גרייטן וואָס גיכער אַריבערצופאָרן אין שטעטל.

קאַפּיטל זיבן

באַלד נאָך די יום־טובים האָט רחמיאל דער מילנער מיט זיין משפּחה זיך אַריבערגעקליבן אין שטעטל, וואו דער ברודער גדליה האָט געוואוינט.

גדליה האָט פאַר זיי אָפּגעדונגען אַ גאַנצן הויף. די שטוב איז געווען אַן ענגע, אַ נידעריקע. דערפאַר אָבער זענען דאָ געווען שטאַלן פאַר דער קו און פערד. דער הויף איז געווען אַ געראַמער. ריווע־לאה האָט דאָ געקענט אַנגיין מיט דער באַלעבאַטישקייט, ווי זי איז געוואוינט געווען. אַלע יאָרן פלעגט זי האָבן טשאַטעס מיט הינער, קאַטשקעס און גענז אין הויף, און זי האָט זיך איצט ניט געוואָלט שיידן פון דעם.

מיט פערד און וואָגן האָט גדליה געהאָלפן אַריבערפירן די באַלע־באַטישקייט אינם נייעם אָרט. ס'האָט געדויערט עטלעכע טעג. מען איז, דאַכט זיך, קיין גבירים ניט געווען, דאָך פעקלעך און זעקלעך אָן אַ סוף. און יעדעס אָפּגעריניקט ווינקעלע רופט אַרויס ווייטיק. גדליה האָט ניט געקענט צוקוקן דעם צער וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף ריווע־לאה'ס פּנים. ער האָט געזען ווי זי פלעגט יעדע רגע זיך פאַר'גנב'ענען אין אַ ווינקל און אויסווישן די טרערן.

אָט האָט מען אַרויסגעפירט דאָס מעבל פון די צימערן. פּוסט איז געבליבן די שטוב, וואָס איז אַלעמאָל פול געווען מיט קינדערישן גע־רודער. זי בלייבט שטיין אינם ליידיקן הויז. פון יעדן ווינקעלע קומען צו איר זכרונות פון פאַרגאַנגענע פריידן און ליידן. אפשר מער ליידן ווי פריידן, נאָר אויך די פאַרגאַנגענע ליידן זענען איר איצט אייגן. דאָ האָט זי איר ניי לעבן מיט רחמיאל'ן אָנגעהויבן. ס'האָט געכוואַליעט אין האַרץ די פרייד פון אַ יונג ווייבל, וואָס קוקט מיט האָפענונגען אין דער צוקונפט. דאָ זענען געשטאַנען די וויגעלעך און בעטלעך פון די קינדערלעך. און עס לייכטן אויף פאַר איר די ערשטע שמייכלען, און ערשטער פלאַפּל פון די קינדער.

און ווען רחמיאל נעמט אַרונטער די מזוזה, פאַלט ריווע־לאה צו צו דער טיר און צעוויינט זיך. וויינט לאַנג. ביז רחמיאל, אַליין שטיקנדיק זיך מיט טרערן, האָט זיך אַ בייזער געטאָן:

— נו, האַדיע! גענוג! גענוג געוויינט.

אַט האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלץ פון קעלער: קעסטלעך מיט טעפּ, קריגעלעך און סלאָיקעס, פּאָר זייערן מילך און האַלטן וואַרעניעס. פּעס־לעך, וואו מען האָט געזייערט קרויט און אוגערקעס פאַר אַ גאַנץ יאָר. עס נעמט גאָר קיין סוף ניט צו זיי. ריווע־לאה קען זיך ניט איינהאַלטן און לאָזט זיך אַרונטער. זי וויל דעם קעלער אָנקוקן צום לעצטן מאָל.

דער ליידיקער קעלער גיט אַ ווײ אויף איר מיט פייכטקייט. ס׳איז דאָרט טונקל און אומהיימלעך. פריער האָט זי דאָס קיינמאָל ניט באַ־מערקט. זי האָט געקענט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַלץ געפינען. דער אומעט אויפן האַרצן ווערט נאָך שווערער. זי איילט זיך אַרויף. זי קומט אַרויס פון קעלער און גייט אין גאָרטן אַריין.

דער גאָרטן איז הויל. האַלב פאַרוועלקטע פלאַנצן פון גרינסן טשאכנען אויס זייערע לעצטע טעג. זי נעמט אַרום דעם ברייטן שטח פון גאָרטן און טראַכט פון די שעה׳ן האַרעוואַניע, וואָס זי האָט דאָ אַריינגעטאָן. יעדן יאָר צעגראָבן, געמאַכט בייטן און פאַרזייט. דערנאָך געיעט יעדעס ווילדע גרעזעלע. יעדעס בערגעלע פון באָדן, איז דאַכט זיך, דורכגעווייקט מיט איר מי און שוויס. און ווי פריידיק איז געווען אָנצוקוקן די ערשטע גרעסטענע שפּראָצונגען. און איצט?... אַך, ווען זי וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר רחמיאל׳ן, וואָלט זי זיך איצט צו דער ערד צוגעדריקט. אפשר וועט דאָס שטילן דעם ווייטיק אירן. און ווען זי גייט פאַרביי די עטלעכע פרוכט־ביימער לעבן שטוב. די ביימער, וואָס זענען נאָך געפלאַנצט געוואָרן פון רחמיאל׳ס זיידן, שפּאַרט זי זיך אָן אָן דעם שטאַם פון אַלטן בוים. טרערן, שטילע טרערן, רינען איבער אירע באַקן. זי קוקט אַרויף צום הימל: גאָט! פאַרנעם מיינע טרערן!

פון די ווייניק געבליבענע בלעטער פאַלן אויף איר געזיכט אַראָפּ עטלעכע טראָפּנס רעגן, גיסן זיך צונויף מיט אירע טרערן און רינען צוזאַמען צו דער ערד.

אויך רחמיאל׳ן איז שווער געווען צו דערקענען אין די טעג. מיט טיפן גלויבן אַז, אַזוי איז מסתמא באַשערט פון דעם אויבערשטן, און אַז מען קען ניט און מען טאָר ניט אָפּפרעגן גאָט׳ס ווילן, האָט ער אין זיך דערשטיקט דעם ווייטיק, וואָס האָט געדריקט ביי יעדן קער פון איבערזידלונג. ער איז געווען ווי אַן אַלטער בוים, וועמען דער שטורעם האָט צעוויגט, אונטערגעריסן די וואָרצלען און איינגעבויגן. נאָר שטאַרק איז נאָך געווען דער שטאַם און פול מיט זאַפטן. ער וועט ווידער לאָזן די וואָרצלען אין דער טיף, דער בוים וועט זיך אויסגלייכן און ווידער וואַקסן.

נאָר ווען דאָס אַרויסרייסן פון דעם היימישן נעסט האָט אינגאַנצן צענומען, איז געווען, שלמה.

אויסערלעך איז שווער געווען צו דערקענען, וואָס ס׳איז אָנגעגאַנגען טיף אין אים. אינאיינעם מיט אַלעמען איז ער געווען פאַרנומען מיט העלפן איינפּאַקן די זאַכן, שלעפּן די פּעקלעך. איז געפאָרן מיט גדליה׳ן אין שטעטל און געהאָלפן אַרונטערנעמען די כלים און זיי אַריינטראָגן אין דער נייער דירה. נאָר עפּעס מאָדנע שטיל איז ער געווען. קיין וואָרט האָט מען פון אים ניט געהערט.

ביז דער לעצטער שעה האָט ער נאָך אַלץ געהאָפט, אַז עפּעס אַ נס וועט געשען. גאָט וועט באַווייזן זיין חסד. ער וועט ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון פּאַן סטריזשעווסקי, און זיי וועלן בלייבן ביי זייער אַלטער היים און מיל. און ווען דאָס איז ניט געשען, האָט אים אָנגעהויבן צו עגבערן און ניט אָפּגעלאָזן: „פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? איז דאָס די שטראָף פון גאָט? פאַר וועלכער זינד״.

עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, אַז אינמיטן אויפלאָדענען דעם וואָגן, פלעגט ער בלייבן שטיין מיט עפּעס אַ פּעקל אין דער האַנט און האָט ניט געוואוסט וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. ער האָט געטראַכט, איבערגעזיפט פאַרגאַנגענע יאָרן און געוואָלט דערמאָנען זיך. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן: אפשר איז דאָס פאַר מיינע זינד מיט מאַרוסיאַן?

דער געדאַנק איז געווען ווי אַ קלאַפּ מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. ער האָט דערפילט, ווי עס ציט אים אַרונטער. ער האָט זיך געמוזט צוזעצן. עס איז ניט געווען דאָס פּעקל, וואָס זאָל אים מיטאַמאָל אַזוי שווער ווערן, נאָר די משא פון געדאַנק אַליין. קען עס זיין, אַז צוליב אים איז דאָס אומגליק געשען?...

שלמה האָט זיך געענטפערט: ניין. עס קען ניט זיין. דער צופאַל מיטן פערד וואָס האָט צעבראָכן אַ פוס אויפן בריק און פּאַן סטריזשעווסקי׳ס צאָרן האָט דאָך געטראָפן פריער, איידער ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט מאַרוסיאַן.

„אָבער דו ביזט דאָך, נאָך פאַרן אַוועקפאָרן אין דער ישיבה, געווען נאָענט מיט איר״ — האָט אים דער זכרון דערמאָנט.

און ער האָט דערפילט אַז ער ברעכט צוזאַמען. ער האָט זיך צו אַ ווינקל דערשלעפּט. געשטאַנען אינגאַנצן אַ פאַרלאָרענער און מיט דעם רבונו־של־עולם איינגע׳טענה׳ט: „אמת ער האָט איצט געזינדיקט, אָבער דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט מאַרוסיאַן צום ערשטן מאָל, איז דאָך קיין זינד ניט געשען. און דער רבונו־של־עולם, דער בוחן

לבבות, ווייס דאָך, אַז ער האָט עס ניט געזוכט. עס איז דעמאָלט געווען בלויז קינדערישע חבר׳שאַפט.

ניין, ניין, ס׳קען ניט זיין אַז דאָס איז געשען צוליב מיינע זינד״...

און ווען דער וואָגן מיט די רעשטלעך באַלעבאַטישקייט און מיט דער צוגעבונדענער קו איז אָפּגעפאָרן צום לעצטן מאָל. ווען די גוי׳אישע שכנים זענען אַרויס אינדרויסן און געוואונטשן גליק. ווען די אַלט־באַקאַנטע, אינם האַרצן איינגעבאַקענע ערטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַוועקרוקן, האָט שלמה דערפילט ווי עפּעס רייסט זיך אָפּ אין אים, ניט נאָר ווערט ער אויסגעוואָרצלט פון דער היים, נאָר דער לעצטער אָדער, וואָס האָט פאַרבונדן זיין האַרץ מיט זיין היים, ווערט איבער־געשניטן. אַ טעמפּע פוסטקייט נעמט אים אַרום און אַ מידקייט שמידט אַלע גלידער.

שלמה האָט מעכאַניש נאָך געהאָלפן אַרונטערנעמען די זאַכן און איינשטעלן די נייע שטוב. נאָר געטאָן האָט ער עס שוין מיט די לעצטע כחות. און ווען אַלץ איז שוין געוואָרן אַריינגעטראָגן: די בעטן צענויפ־געשטעלט. דער טיש מיט די בענקלעך אינמיטן שטוב, האָט ער אָן כחות אַראָפּגעלאָזן זיך אויפן שלאָפבאַנק.

אַ שלאָבערדיקייט האָט אים אַרומגענומען, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל האָט דאָס האַרץ אים געריסן. ער איז געלעגן מיד מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

די מאַמע האָט דערזען, אַז שלמה איז ניט מיט אַלעמען, איז זי צוגעגאַנגען און אַ טאַפּ געטאָן ביי אים דעם שטערן.

פון איר באַריר האָט זיך שלמה אַ צאַפּל געטאָן און אויפגעוואַכט. אין מוח האָט אַ שלאָג געטאָן: „איך ליג, ווען אין שטוב איז פאַראַן אַזוי פיל אַרבעט״. מיט אַן אָנשטרענגונג האָט ער זיך אויפגעהויבן. גע־נומען העלפן. די הענט זענען ביי אים געווען ווי פרעמדע, האַלב גע־ליימטע. קוים, קוים, וואָס ער האָט עפּעס געקענט טאָן. און די מידקייט האָט געשלעפּט אַרונטער. האָט ער זיך ווידער געלייגט אויפן באַנק.

דער טאַטע איז אויף מאָרגן אינדערפרי אַוועקגעפאָרן. דער עול פון פּרנסה האָט ניט געלאָזט רוען. האָט ער זיך געלאָזן איבער די דערפער זוכן עפּעס צו פאַרדינען. ער האָט געזען ווי שלמה ליגט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער געטראַכט: „דער יונג האָט זיך פאַרמאַטערט ביים איבערפירן די זאַכן״. ריווע־לאה, אָבער, האָט באַלד דערזען אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק מיט איר שלמה׳לען. דער מאַמעס האַרץ האָט דערפילט אַן אומגליק.

אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע האָט אַרומגעכאַפּט

שלמה׳ן. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אָן אַן אָנשפּאַר פון הײנט און דער מאָרגן איז געווען אָן אַ צוזאָג.

אַזוי זענען געגאַנגען טעג. די מאַמע איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. זי פלעגט אים צוטראָגן דאָס עסן, נאָר שלמה האָט זיך צו דעם כמעט ווי ניט צוגערירט. האָט דאָס איר געערגערט.

— פאַרוואָס עסטו גאָרניט?

שלמה האָט געשוויגן. עס האָט אים געצויגן אונטערן האַרצן, נאָר עסן האָט ער ניט געקענט. פלעגט ער פאַרזוכן עטלעכע לעפל און אַוועק־לייגן.

די מאַמע האָט זיך געבעטן:

— וואָס ליגסטו, זונעניו. שטיי אויף! וואַש זיך אַרום. טו זיך אָן און גיי אַריין אין בית־המדרש לערנען.

און ווען אירע ווערטער האָבן ניט געהאָלפן, איז זי געווען פאַר־זאָרגט און געוואַרט אויף איר מאַן ער זאָל שוין קומען פון וועג. אפשר דאַרף מען רופן אַ דאָקטאָר. כאָטש דער קאָפּ איז, דאַכט זיך, ביי אים קאַלט און קיין היץ האָט ער ניט.

און שלמה האָט געפילט ווי צו ליגן און ליגן. עפּעס ווי אַ בייזע קראַפט האָט געליימט און שווער געמאַכט זיינע גלידער. בלויז דער מוח האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגן און זוכן אַן ענטפער צו דעם גאַנצן פּלאָנטער פון לעבן.

ער האָט געטראַכט וועגן יענע צייטן, ווען ער איז ערשט אַריין אין דער ישיבה. ווי גלייך איז געווען דער וועג, און ווי זיכער עס איז געווען דער גאַנג צום קוואַל פון לעבן — צו דער תורה.

דעמאָלט האָט ער געטראַכט, אַז דער בחיר־היצירה איז די אידישע אומה. מחוץ איר עקזיסטירט גאָרניט. אמת עס זענען פאַראַן נאָך אומות, די אומות העולם, און אַוודאי קען דער רבונו של עולם זיי ניט פאַרקוקן, וואָרום ער האָט דאָך זיי באַשאַפן, אָבער לגבי די אידן זענען זיי גאָרניט מיט גאָרניט, וואָרעם זיי האָבן ניט קיין תורה, און ממילא אויך קיין לעבן נישט.

ווען שלמה פלעגט אין יענע טעג טרעפן אַ גוי, האָט ער געהאַט אויף אים גרויס רחמנות. ער האָט געטראַכט: ווי אומזיניק עס איז דאָס לעבן פון אַזאַ באַשעפעניש. ער מאַטערט זיך אָן אָפּרו: ער אַקערט און זייט די פעלדער. שניידט, אַרבעט, פרעסט, זויפט. און צום סוף, וואָס? צום סוף שטאַרבט ער אַוועק און אַלץ פאַרשווינדט ווי מיטן רויך.

אַנדערש איז מיט דעם אידן. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פאַר זיינעטוועגן און אויף אייביק געשלאָסן אַ בונד מיט אים. און דער וואָס

גייט אין גאָטס וועגן איז געזיכערט, אַז קיין בייז וועט אים נישט גע־
שען.

איצט, דורך די געשעענישן מיט זיין משפחה, האָט ער דערזען דאָס לעבן פון די יידן אין גלות, אָפּהענגיק פון יעדן פּריץ און פּאַן. די גאַנצע גרויזאַמע אומגערעכטיקייט, וואָס פּאַן סטריזשעווסקי איז באַגאַנגען קעגן זיין טאַטן, און קעגן דער גאַנצער משפּחה האָט געשריען צום הימל, „און וואו איז גאָט, דער גאָט פון גערעכטיקייט? פאַרוואָס האָט ער אונדז ניט באַשיצט" — איז שלמה פאַרזונקען אין רעיונות.

און דער טיפער גלויבן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. און אין דער־זעלבער צייט האָט ער געפילט דעם גרויל צו לעבן אָן אַ גאָט. אַט דער נשמה־געראַנגל האָט צוגענומען ביי אים דעם שלאָף. האָט געצאַפּט זיינע כוחות און ער האָט געפילט ווי ער זינקט אין אַ טיפן תהום.

אין די קורצע מאָמענטן, וואָס ער פלעגט אַנהויבן דרעמלען, פלעגט ער געמאַטערט ווערן פון בייזע חלומות.

איין חלום האָט זיך געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן. ער האָט זיך געזען אין אַ טיפן גרוב. אַרום אים פייכטע, שוואַרצע הויכע ווענט. ער דראַפּעט זיך מיט די הענט אַרויף. אָט איז ער שוין, דאַכט זיך, גאָר נאָענט צום אויבערפלאַך. מיטאַמאָל וואַקסט אויס יאַנעק. אויגן שמאָלע, בייזע, אָנגעשפּיצטע לאַכן מיט שאַדנפרייד. כאַ־כאַ־כאַ! וואוהין קריכסטו? ווער דאַרף דיך דאָ? ליג אין גרוב!

יאַנעק גיט אים אַ שטויס און ער פאַלט ווידער אין גרוב. ער ליגט אַ ווײַלע פריטשמעליעט. דערנאָך הויבט ער אָן קלעטערן מיט די לעצטע כוחות. ער קלעטערט עקשנות׳דיק. ער מוז זיך אַרויסרייסן פון גרוב. אָט איז ער שוין גאָר נאָענט צו דער רעטונג. און ווידער באַגעגנט אים אַ פּיינטלעכע געשטאַלט. יאַנעק? ניין. ס׳איז דאַכט זיך גאָר פּאַן סטריזשעווסקי. וואָס האָט ער צו אים? פאַרוואָס אַזאַ שנאה און בייזקייט אין זיין פּנים?

ווידער ווערט שלמה געשטויסן און פאַלט אַרונטער. עס קוועלט אין אים די גאַנצע באַליידיקונג און די אָנמעכטיקייט. און ער הויבט אָן פלוכן, שרייען: „איך וויל אַרויס פון גרוב!"

די מאַמע קומט צולויפן אַ דערשראָקענע, אַ צעוויינטע.

— שלמה! שלמה! שלמה׳לע! וואָס איז מיט דיר? וואָס שרייסטו אַזוי?

ער כאַפּט זיך אויף. עפנט די אויגן.

— האָ? וואָס? מאַמע? מאַמע, דאָס ביזטו?! — שלמה פילט זיך דערלייכטערט און אין דער זעלבער צייט פילט ער ווי אַלע גלידער

טוען אים ווי, פונקט ווי ער וואָלט טאַקע צעשלאָגן געוואָרן פון אַ פאַל. דער מוח איז פאַרטעמפּט.

שלמה נעמט דער מאַמעס האַנט און פירט זי צו צו זיינע ליפּן.

— וואָס איז דיר, זונעניו ? !

— אַך, גאָרניט, מאַמע. גאָרניט. אַ בייזן חלום געהאַט.

דער מאַמעס נאָענטקייט באַרואיקט אים. ער בלייבט ליגן, זי האַלט איר האַנט אויף זיין שטערן. ער טראַכט : „איך וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן".

עס איז פאַר אים אַן אָנשטרענגונג זיך אויפצוהויבן. נאָר דער מאַמעס האַנט העלפט אים. ער שטייט אויף גייט צו צום פעסל־וואַסער און וואַשט זיך אַרום. די פאַרטעמפּטקייט לאָזט אָפּ. עפּעס הויבט אָן צו טאָגן אין קאָפּ. ער גייט צו צום פענצטער. אין דרויסן איז די סומנע־קייט פון אַן אָסיענדיקן טאָג. עס איז כמורנע און אָנגעלאָדן. אין קאָפּ מאַטערט אים. ער דאַרף עפּעס טאָן. געפינען אַן אויסוועג. אָבער ווי אַזוי ? ער דרייט זיך אַרום אין שטוב אָן אַ ציל. און ווידער ציט אים צו ליגן. קיין כוחות ניטאָ.

ער לייגט זיך און פאַרמאַכט די אויגן.

טיף אין אים רעדט אַ קול : „לאָז זיך ניט אָפּ ! דו טאָרסט די רשעות ניט פאַרשווייגן. טו עפּעס".

ער ווערט זיך : „וואָס קען איך טאָן ? אַז מיר זענען אַזוי קליין און אַזוי שוואַך. און די יאַנעקס און סטרריזשעווסקי'ס זענען אַזוי פיל. זיי זענען אומעטום. און יעדן שריט און קער".

און ווידער הערט ער דאָס קול : „האָט דען ניט גדעון מיט זיין קליינעם חייל צעשלאָגן די גרויסע מחנות פון פיינט און באַפרייט זיין פאָלק ?"

און עס וואַקסט פאַר אים אויס די געשטאַלט פון גדעונ'ען. בראַוו און מעכטיק. ער זעט אים אַליין אינמיטן די זוניקע אָפענע פעלדער. ווי ער ציט דעם שופר און שאַלט. רופט צוזאַמען די דרייסטע קעמפער. און זיי באַווייזן זיך אויפן האָריזאָנט און ציען זיך צו אים פון דרום און צפון פון מזרח און מערב. זיי קומען באַוואָפנט מיט שווערדן, מיט שטיינוואָרפער, מיט שניידמעסער און אַנדערע פעלד־מכשירים. מיט זעקעלעך עסנוואַרג. און מונטער איז זייער גאַנג. און דרייסט איז זייער בליק.

און גדעון, אַ פעסטער ווי אַ פעלז, מיט אַ קאָפּ העכער פון זיי אַלעמען, נעמט אַרום זיין חייל און רופט אויס :

„די פון אייך, וואָס שרעקן זיך, און די וואָס האָבן איבערגעלאָזן אינדערהיים פרוי און קינדער, צי אַ כלה, קענען גיין אַהיים!"

און עס בלייבן ניט פיל. און גדעון דערהערט גאָט'ס קול: „אָט מיט דעם קליינעם חייל, וועסטו באַזיגן דעם שונא".

און עס דוכט זיך שלמה'ן אַז ער איז גדעון. ער גורט אָן די לענדן און ציט די שווערד. ער לויפט פאַראויס קעגן שונא. ער לויפט און לויפט. שרייט: „פאַראויס!!! נאָך מיר, פאַראויס!!!. ער קערט זיך אום, ערשט ער איז גאָר איינער אַליין... אַליין. און עס וויינט אין אים: „גאָט האָט מיך פאַרלאָזן... פאַרלאָזן".

ער כאַפּט זיך אויף. עס מוז שוין זיין אָוונט. קיינער איז, דאַכט זיך, אין שטוב ניטאָ. פון דעם ברענענדיק ליכטל אין קיך קומט אַריין עטוואָס ליכט. ער ליגט מיט אָפענע אויגן.

די לעצטע באַגעגעניש מיט מאַרוסיאַן קומט אים אין זכרון. צי האָט זי געוואוסט, אַז דאָס איז זייער לעצטע באַגעגעניש, אָדער זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל פון דעם, נאָר זי איז געווען אַזוי הייס צו אים, אירע קושן אַזויגע ליידנשאַפטלעכע, פאַרכאַפּנדיקע. ער האָט נאָך דע־מאָלט אַלץ געגלויבט אין דעם נס, וואָס וועט געשען, וואָס מוז געשען, און זיי וועלן פון זייער היים ניט אויסגעוואָרצלט ווערן. אויך ער איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון איר הייסן לייב. ווי ווייט איז דאָס אַלץ איצט פון אים. אַלץ איז ביי אים איצט צעקראָכן און אָפּגעשטאָרבן. קיין באַגער, קיין פאַרלאַנג...

די מאַמע איז אַריינגעקומען פון דרויסן, איינגעוויקלט אין אַ פאַ־טשיילע, זי נעמט אין האַנט דאָס ברענענדיקע ליכטל און גייט אַריין צו שלמה'ן.

— מאַמע!... — קרעכצט ער אַרויס.

— וואָס איז דיר שלמה'לע?... ווי איז מיר, האָסט דאָך דאָס עסן אין מויל ניט גענומען! אוי, אַן אומגליק אויף מיר. איך לויף שוין רופן דעם רופא!

— לויף ניט, מאַמע. עס וועט אַריבער.

— האָסטו גאָרניט געהערט ווי איך האָב דיר דאָס עסן געבראַכט? דיך געוועקט צום עסן?

שלמה זעצט זיך אויף. אָטעמט שווער. קוקט אויף דער מאַמען. ניין ער טאָר איר ניט טאָן ווי טאָן. הויבט ער זיך אויף און גייט אַריבער אין קיך און וואַשט זיך די הענט.

זי נעמט דעם טעלער און גיט אים עסן, ווי אַ קינד. ער נעמט

טלעכע לעפל געקעכטץ. מיט מאַטערניש שלינגט ער אַראָפּ דאָס עסן און פילט אין דעם קיין טעם ניט.

— שוין זאַט! — דרייט ער אַוועק דעם קאָפּ, און ציט זיך ווידער אויס אויפן געלעגער.

***

פרייטיק בייטאָג איז רחמיאל געקומען צופאָרן אַהיים.

מיט אַ געוויין איז ריווע־לאה צוגעפאַלן צו אים. רחמיאל האָט גלייך דערפילט אַז עפּעס האָט געטראָפן. דורך טרערן, מיט פאַרבראָ־כענע הענט, האָט ריווע־לאה גערעדט:

— ווי איז צו אונדז רחמיאל. עפּעס אַן אומגליק איז געשען מיט אונדזער שלמה׳לען. ער עסט ניט, טרינקט ניט. און רק ער וואָלט געלעגן, ווער ווייס...

— וואָס־זשע, ער האָט חלילה היץ?

— ניין. קיין היץ, דאַכט זיך, האָט ער ניט. נאָר ער שרייט פון שלאָף, ווי ער וואָלט געהאַט הויכע היץ.

— דו האָסט באַדאַרפט רופן אַ דאָקטאָר.

— כ׳האָב שוין דאָס געוואָלט טאָן, לאָזט ער ניט. אַז ער שלאָפט ניט, רעדט ער אַלץ צו דער זאַך. נאָר אַ מאַמעס האַרץ פילט אַן אומ־גליק...

רחמיאל האָט זיך שוין מער ניט צוגעהערט צו איר. ער איז אַריין צו שלמה׳ן. מיט דער קאַלטער האַנט געטאַפּט זיין שטערן.

שלמה׳ן האָט דעם טאַטנס באַריר אויפגעוועקט פון אַ קאָשמאַר. ער האָט ווידער זיך געזען אין גרוב, מיט פינצטערע, נאַסע ווענט פאַר־שטעלט פון דער וועלט. ער קריכט, קריכט אַרויף און קען די ליכטיקע שיין ניט דערגרייכן. דער פלוצימדיקער קאַלטער באַריר האָט אים גע־מאַכט אויפשוידערן. ער האָט געעפנט די אויגן...

טאַטע... טאַטע... — האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט. און ווען דער טאַטע נעמט אַן זיין האַנט, דערפילט ער זיך ווי אַ קינד, ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט זוכן שוץ ביים שטאַרקן טאַטן.

— וואָס איז דיר, זון מיינער?

— כ׳ווייס אַליין ניט, טאַטע.

— טוט דיר עפּעס וויי?

— אַלץ טוט וויי. און אַלץ איז אַזוי שווער.

— וואָלסט געדאַרפט פּרובירן אויפשטיין. העלף מיר אַריינטראָגן די איינגעקויפטע סחורות. דאַכט זיך, כ׳האָב געהאַט אַ גוטע וואָך...

— באַלד, טאַטע, וועל איך אויפשטיין. לאָז מיך נאָך אַביסל ליגן...

ס'האָט זיך געצויגן די צייט. שלמה האָט צו זיך אַליין גע'טענה'ט: „פאַרוואָס ליג איך נאָך?“. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן. קוים שלעפּנדיק די פיס איז ער אַריין אין קיך. געוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער. ער האָט געהאָלפן דעם טאַטן אַריינטראָגן די פּעקלעך.

רחמיאל האָט זיך צוגעקוקט צום זונ'ס אַרבעט. געזען ווי פּאַמעלעך, און מיט וויפל אָנשטרענגונג עס קומט אָן שלמה'ן אַראָפּצונעמען די פּעקלעך פון וואָגן, האָט ער באַלד באַגריפן אַז עפּעס ערנסטעס איז מיט אים פאָרגעקומען. האָט ער אים געהייסן זיך אָפּרוען. האָט אויף שנעל דערליידיקט אַלץ אין שטוב און איז געפאָרן ברענגען פון דער־בייאיקער שטאָט דעם דאָקטאָר קאָזלאָווסקי, וואָס האָט גע'שמ'ט אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט אַלס אַ גרויסער רופא.

אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, מיט געדיכטע בלאָנדע וואָנצעס פאַר־דרייט אַרויף, און מיט אַן ערנסט וואָזשנעם פּנים, האָט דאָקטאָר קאָז־לאָווסקי זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן. אַליין אַ פּאָליאַק, האָט ער דאָך גוט געקענט די יידן. ער האָט אַפילו ליב געהאַט צו באַווייזן זיין קענ־טעניש אין רעדן יידיש, און ווען די יידן האָבן גערעדט צו אים אַ פאַר־גרייזטן פּויליש, האָט ער זיי געענטפערט אין אַ יידיש, געמישט מיט דייטש.

ער איז אַריין אין דער נידעריקער שטוב, האָט אַראָפּגענומען דעם אויבערמאַנטל און האָט זיך ברייט געזעצט אויף דער צוגעבראַכטער שטול. ער האָט זיך, ווי ניט געאיילט. געוואָלט אָפּריער באַטראַכטן דעם חולה. האָט פריינטלעך אַ שמייכל געטאָן צו שלמה'ן און געזאָגט: „אַ גרויסער כלאָפּיעץ ביי דיר, ראַכמילו.

— וואָס־זשע טוט דיר ווי? — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו שלמה'ן.

— כ'וויס ניט, דאָקטער. אַלץ טוט ווי און עס פּרעסט אויפן געמיט אַזאַ אויסגאַנגלאָזער אומעט. קיין כוח ניטאָ צו לעבן. צו וואָס לעבן? אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ קייט פון צרות?

אויפמערקזאַם האָט קאָזלאָווסקי באַטראַכט דעם חולה. אויסגעהערט זיין האַרץ, אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער די ברוסט. געקנאַטן זיין מאָגן. אַריינגעקוקט אין די אויגן. האָט זיך פאַרטראַכט און לאַנגזאַם אָנגעהויבן שרייבן אַ רעצעפּט. דערנאָך האָט ער צוזאַמענגעלייגט די דאָקטערישע־מכשירים.

אין צווייטן צימער האָבן טאַטע־מאַמע מיט האַרץ ציטערניש צוגע־הערט זיך צו קאָזלאָווסקי'ס דיאַגנאָזע.

קלאַפּנדיק מיט די פינגער אין ווינקל פון זיין שטערן האָט קאָז־לאָווסקי גערעדט:

— אָט אָ דאָ איז ער קראַנק. עפּעס אַ מאַנקאָליע זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. אָבער אַזוי איז ביי אים אַלץ אין אָרדענונג. דאָ האָט איר אַ רפואה. גיט דאָס אים צוויי מאָל אַ טאָג. עס וועט באַרואיקן זיינע נערוון. ער וועט בעסער שלאָפן. ער איז יונג און קרעפּטיק. ער וועט קומען צו זיך.

שבת אינדערפרי האָט רחמיאל געזען אַז שלמה ליגט נאָך אַלץ מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז ער אַליין אַוועק אין שול. פון שול איז ער געקומען אַהיים מיט גדליה׳ן. זיי האָבן געפונען שלמה׳ן מער אויפגעלעבט. רחמיאל האָט געזאָגט צום ווייב: „דאַכט זיך, ער קוקט אויס היינט אַביסל בעסער. לאַנג לעבן זאָל ער, דאָקטער קאָזלאָווסקי״.

שלמה האָט גערן געהאַט דעם פעטער גדליה. ער האָט אַזוי גע־וואָלט רעדן מיט אים. ער געדענקט דעם טאָג, ווער דער פעטער גדליה איז צו זיי געקומען אַ פאַרוואונדעטער. ער געדענקט אַפילו זיינע ווער־טער: „עך, ניט כדאי געווען צו בלייבן לעבן. דאָס רשעות האָט גע־זיגט״ האָט ער דאַן געזאָגט. און דאָך גייט ער אָן מיטן לעבן. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע ברײנע און האָט שוין מיט איר צוויי קינ־דערלעך. און אַליין איז ער, דאַכט זיך איצט, אַזאַ רואיקער, געזעצטער. איז לייביקער געוואָרן.

ווען גדליה איז געבליבן אַליין לעבן אים, האָט זיך שלמה אויפגע־הויבן און שטיל, ווי ער וואָלט געוואָלט בעטן אַנטפּלעקן אים דעם סוד, האָט ער געזאָגט:

— פעטער גדליה! ווי לעבט מען מיט אַזוי פיל רשעות אַרום אונדז?!

גדליה האָט אים באַלד ניט פאַרשטאַנען, נאָר דער טיפער צער אין שלמה׳ס אויגן האָט אים אונטערגעזאָגט אַז שלמה איז שווער פאַרוואונדעט.

— און גאָט דערלאָזט דאָס? — האָט שלמה ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון גדליה׳ן.

דער לעצטער האָט דעם בליק ניט אויסגעהאַלטן און אַרונטער־געלאָזט זיין קאָפּ.

דערנאָך זענען געקומען טעג וואָס האָבן אָנגעפילט רחמיאל׳ס שטוב מיט מער זאָרג. ס׳האָט זיך ניט געזען קיין פאַרבעסערונג אין שלמה׳ן. האָט רחמיאל פאַרקויפט די איינגעהאַנדלטע ביי די פּויערים

סחורות און איז מער אין די דערפֿער ניט געפֿאָרן. דער קאָפּ איז ניט געווען דערביי. ער פֿרעגט רעדן צו שלמה׳ן.

— וואָס ליגסטו גאַנצענע טעג, ווי אַ קלאָץ. שטיי אויף! גיי זיך דורך אין דרויסן. וועסטו זיך אָפּפֿרישן, וועסט ווערן אַן אַנדער מענטש. גיי אַריין אין בית־מדרש. האָסט דאָך ליב געהאַט צו לערנען...

און אַז ער האָט געזען, אַז זיינע רייד העלפֿן ניט, איז ער געוואָרן צודרינגלעכער:

— ווי ליגט דאָס אַ יונגער מענטש גאַנצענע טעג. פֿטר׳סט די בעסטע טעג פֿון דיין לעבן. רק דו פּאַפּסט...

שלמה׳ן איז שווער געווען פֿון אָט די רייד. ער האָט אַלץ אָפּגעצויגן:

— אָט באַלד, טאַטע, וועל איך אויפֿשטיין. אַביסל שפּעטער וועל איך גיין.

און ווען דער טאַטע האָט ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך, מיט אַנשטרענגונג, אויפֿגעהויבן, זיך געוואַשן, אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס.

אין דרויסן האָט אים באַגעגנט אַ קאַלטער אָסיענדיקער טאָג. נידעריק זענען די הימלען געווען אָנגעלאָדן. אומעטיקע זענען די הוילע ביימער געשטאַנען און די שטיבלעך האָבן אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן טיפֿער געזונקען אין דער צעווייקטער ערד.

שלמה האָט זיך געשלעפּט איבער די בלאָטיקע גאַסן. וואוהין גייט ער? וואָס וויל ער?

אָט איז דער בית־מדרש. שלמה איז אַריין. דאָ איז וואַרעמער. ער וועט זיך דאָ צוזעצן, אָפּרוען. און אפשר טאַקע אַריינקוקן אין אַ ספר. אים איז דאָך די סביבה פֿון בית מדרש געווען אַזוי נאָענט. נאָענט און אייגן. ער האָט דאָך אַמאָל אַ גאַט פֿאַרמאָגט. אַ קלאָרן און פֿעסטן גאָט, וואָס האָט דעם מענטשנס וועג אויסגעלייגט. און ער האָט אים שטענדיק אַרומגעזוכט אין יעדן קער פֿון לעבן. ער האָט זיך איצט געגרייט אים ווידער צו געפֿינען.

ער האָט אַ ספר געעפֿנט. אַ בלעטער געטאָן, געקוקט. די אַלטבאַקאַנטע אותיות׳לעך זענען אים ניט געקומען אַנטקעגן ווי אַמאָל. ער האָט געמוזט צוויי־דריי מאָל דורכלויפֿן די שורות מיט די אויגן, ביז ער האָט זיי געקענט אויפֿן קול איבערלייענען. און ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט אָנכאַפּן דעם אַלטן גמרא־ניגון, וואָס האָט אין אים שטענדיק געוועקט אַ ציטער פֿון דערהויבונג. אַ בענקענדיקע ציעניש צו שלימות. די קלאַנגען, וואָס זענען פֿון זיין אייגענעם מויל אַרויסגעקומען, זענען

געווען ווי פרעמדע. זיי זענען געגאַנגען אין חלול פון ליידיקן בית־מדרש, נאָר ביי אים אויף דער נשמה האָבן זיי קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען.

באַלד האָבן זיך די אותיות צענויפגעגאָסן אין איין לאַנגע שורה פון שוואַרצע פּאַסיקלעך און ער האָט שוין מער גאָרניט געקענט אַרויסלייענען. ער האָט זיך אומעטיק פאַרטראַכט. געזעסן אַזוי פאַרטראַכטערהייט אַ היפּשע צייט ביים אָפענעם ספר. דערנאָך פאַרמאַכט דאָס ספר און איז אַרויס.

אין דרויסן האָט שוין גענומען טונקלען. ער האָט די אויגן צום הימל אויפגעהויבן. דאַכט זיך דער הימל האָט זיך נאָך נידעריקער אַרונטערגעלאָזן. ס׳האָט געגאָגט אין האַרצן אַ געפיל פון אויסגאַנגלאָזיקייט און אַהיים גיין צוריק האָט זיך ניט געוואָלט. האָט ער געבלאָנקעט איבער די געסלעך פון שטעטל ער האָט ניט באַמערקט ווי ער איז אַרויס אויפן וועג. וואָס האָט געפירט צום מיל ער האָט זיך אַליין געפרעגט: „צו וואָס גיי איך אַהין? אפשר אָנקוקן עס, כאָטש נאָך איין מאָל?...״

ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ס׳האָט זיך אים איצט געדאַכט, אַז דער וועג ציט זיך לענגער ווי געוויינלעך. נאָר אָט זעט ער שוין פון דערווייטנס די הילע וויינענדיקע ווערבעס, אָט איז שוין דער סטאַוו. אָט איז די שטוב. אין פענצטער זעט זיך אַ פייערל. אַן אַנדער משפחה וואוינט שוין דאָרטן. און אָט איז די מיל...

ער איז לאַנג געשטאַנען אויפן בריק און צוגעהערט זיך צו דעם טליפּ־טלאָפּ פון די רעדער. אַלץ איז געווען ווי אַלעמאָל. און מאָדנע...? ווי קען דאָס זיין? ווען ער איז געגאַנגען אַהער האָט ער געטראַכט, אַז מיט זייער אויספעלן אין מיל, וועלן די רעדער בלייבן שטיין. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַפילו אין די שטומעביימער, וועט ער אַרויספילן דעם באַדויער און דעם אומרעכט, וואָס איז געטאָן געוואָרן צו זיין משפחה. איצט האָט ער געוואָלט אַרויסהערן אינעם דריי פון די רעדער דעם קרעכץ און דעם וויייטיק, וואָס די הענט, וועלכע האָבן זיי אַמאָל געלאַדעוועט, זענען שוין דאָ מער ניטאָ. נאָר ניין...

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דער מיל. וועלכע איז איצט געווען איינגעהילט אין אָסיענדיקע טומאַנען. דער סכום פון האָרעוואַניע פון אַזויפיל דורות. אַצינד באַנוצט זיך מיט דעם אַן אַנדערער. און אַ שנאה איז אויפגעגאַנגען אין אים קעגן אָט דעם אַנדערן. אָ, ער וועט זי, די מיל, אונטערצינדן. פאַרשטעקן זיך אין אַ ווינקל און פון דערווייטנס צוקוקן, ווי די פלאַמען וועלן זי פאַרניכטן ברעט נאָך ברעט.

און באַלד האָט ער דערפֿילט, אַז זיינע הענט וועלן זיך ניט הויבן דאָס צו טאָן. ניט די מורא וועט זיי אָפּהאַלטן. ניין. דער גאַנצער פֿריער־דיקער גאַנג זיינער אין לעבן וואָלט דאָס ניט דערלאָזן. די ווירקונג פֿון לערנען און פֿון דענקען. יעדער שריט און טואונג האָט געדאַרפֿט זיין באַזינט מיט גוטסקייט צום מענטש. דערצו די ליבשאַפֿט צו דער מיל, וואָס איז מיט דער מאַמעס מילך אין אים איינגעזאַפּט געוואָרן, האָט אים ניט געלאָזט הויבן אַ האַנט אויף איר.

ניין. די רשעות גייט טיפֿער. ווי קומט עס וואָס איין מענטש האָט אַזוי פֿיל רייכקייט און אַזוי פֿיל מאַכט איבער מענטשן? און ווידער זענען אים געקומען אין זכרון די ווערטער פֿון פֿעטער גדליה: „די רשעות האָט געזיגט... ניט כדאי צו לעבן“.

„ניט כדאי! ניט כדאי!“ — האָט אַלץ אין אים געוויינט. ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון מיל און זיינע אויגן האָבן איצט געקוקט אויפֿן סטאַוו, האַלב־באַצויגענעם מיט נאַכט, ווי ער וואָלט פֿון דאָרטן געוואָלט הערן אַן ענטפֿער. ס׳האָט געשוויגן דער טייך.

שלמה איז צוגעגאַנגען צום פֿאַרענטש פֿון בריק. אָנגענומען מיט די הענט דאָס אויבערשטע ברעטל. „איין שפּרונג און אַלץ וועט זיין פֿאַר־איבער. צעגער ניט... צעגער ניט!...“

צום בריק האָט זיך האַסטיק געטראָגן אַ פֿור. שלמה האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ. דערקענט. ניט אַנדערש, דאָס איז דאָך זייער פֿערד און וואָגן... דער טאַטע!?...

שלמה!!! וואָס טוסטו דאָ?... — דער טאַטע איז אַרונטער פֿון וואָגן. איז צוגעקומען און אָנגענומען אים ביי דער האַנט.

— קום אַהיים, שלמה! קום! די מאַמע וועט דאָס ניט אויסהאַלטן...

שלמה האָט געשוויגן. פֿאַמעלעך, ווי ניט ווערלנדיק, געזעצט זיך אין פֿור און אַזוי, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט די פֿור ווייטער זיך געצויגן אויפֿן וועג.

רחמיאל האָט זיך מיט כוח איינגעהאַלטן ניט אַרויסצושרייען זיין טיפֿן פֿאַרדרוס. דעם דאָקטערס ווערטער אַז זיין שלמה׳לע האָט זיך אין קאָפּ אַריינגענומען עפּעס אַ מאַנקאַליע, און אַז זיין קרענק איז אַן איינגערעדטע, האָט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז אַלע צרות נעמען זיך פֿון דעם, וואָס דער בחור נעמט אַ נכפּה פֿאַר דער שיקסע, פֿאַר מאַרוסקען. אַזאַ אומגליק! רחמיאל האָט וועגן דעם ניט געקענט רואיק טראַכטן.

ווען שלמה איז אַרויס פֿון שטוב און איז נאָך מעריב ניט צוריק־געקומען, איז ער געוואָרן אומרואיק. ער איז געלאָפֿן איבער אַלע שולן

און קלויזן זוכן אים און ווען ער האָט אים דאָרטן ניט געפונען, איז ער געווען זיכער אַז שלמה איז געלאָפן צו מאַרוסקען. ער האָט גלייך געשפּאַנט פערד און וואָגן און איז געלאָפן צו דער מיל. און אָט איז ער, טאַטע דאָ זיין שלמה'לע. זיין זון מיט וועמען ער האָט זיך אַזוי פיל געגרויסט און געהאָפט. — אַ שיקסע גאָר...

זיי זענען אַריין אין שטוב. שלמה האָט גאָר ניט גערעדט. דער טאַטע האָט אָבער ניט געקענט מער שווייגן.

— כ'האָב געמיינט דו ביזט געגאַנגען אין בית־המדרש לערנען.

— לערנען? אַ סך האָט מיך דאָס לערנען באַשיצט?

דער טאַטע איז צוגעשפּרונגען און אַראָפּגעלאָזט אים אַ פּאַטש.

שווייג!!! שווייג, דו שגץ! עוכר ישראל!!! מיינסט איך ווייס ניט וואָס דיר ליגט אין קאָפּ? אַ שיקסע ווילט זיך דיר. איך וועל דיר רוקן און לענד צעברעכן. חרפות ווערסטו אונדז אָנטאָן?!!! אין קבר ווילסטו מיך מיט דער מאַמען טרייבן?!!! מיינסט איך ווייס ניט, אַז דו ביזט איצט געלאָפן צו דיין קאַכאַנקע, צו מאַרוסקען?...

שלמה איז געשטאַנען אַ צעווייטיקטער: ווי? אויך זיין טאַטע האַלט אים פאַר אַ זינדיקן, פאַר אַ פאַרדאָרבענעם? אויך זיין טאַטע איז אומ־גערעכט צו אים? זיין אייגענער טאַטע?...

און ס'איז אויפגעגאַנגען אין אים שנאה, צו אַלץ און צו אַלעמען, אַ געררייצטקייט און די ערשטע שפּראָצן פון טראָציקייט. פון קעגן שטעלן זיך.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און די בליקן פון טאַטע און זון האָבן זיך באַגעגנט. אין שלמה'ס אויגן איז געווען דער גלי פון פיינט־לעכקייט, פון עזות. אַזוינס וואָס דער טאַטע האָט פריער אין אים קיינמאָל ניט געזען.

רחמיאל איז פון אָט דעם בליק צעטומלט געוואָרן. האָט געצאַמט זיין כעס. בעסער ניט צו טרייבן די זאַך צו ווייט. גוט וואָס די מאַמע איז צוגעקומען.

— נו, זאָל שוין זיין גענוג! גענוג, רחמיאל!!! אוי! זעסט דען ניט, אַז דאָס קינד איז אויסגעמאַטערט? הונגעריק?

זי האָט פון שלמה'ן דעם מאַנטל אַראָפּגענומען.

— גיי, זון מיינער. וואַש זיך. כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ גלאָז ציקאָריע.

— אָ, לאָזט מיך צורו! ל־אָ־ז־ט מיך צו־רו!!! — האָט שלמה אויסגעשריען אַ צערייצטער. ער איז צוגעקומען צום שלאָפבאַנק, געפאַלן און דערשטיקט דעם געוויין אין קישן. און מען האָט נאָר געזען ווי די אַקסלען צוקן און צוקן...

קאַפּיטל אַכט

נאַכט. אַ שוואַרצע, שטומע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אַ חושך, געמישט מיט געדיכטן נעפּל האָט איינגעשלונגען רחמיאלס שטוב, האָט עס צוגעשטיקט. שטיל.

נאָר אינעווייניק אין שטוב זענען די געמיטער נאָך אַלץ געווען צעשטורעמט. מען האָט זיך געלייגט שלאָפן. נאָר יעדערער אויף זיין געלעגער האָט זיך געוואָרפן אין אַנגסטן.

נאָכדעם ווי שלמה האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך דער־פילט דערלייכטערט. און איז איינגעשלאָפן מיט אַ קורצן שלאָף. דאָס האָט אים אַביסל באַרואיקט. איצט איז ער געלעגן מיט וואַכע אויגן און די געשעענישן פון נעכטן האָבן ווידער אויפגעוואַכט אין אים.

מאָדנע. דווקא דעם טאַטנס פּאַטש, וואָס האָט אַזוי ווי געטאָן, ווייל ס׳איז געקומען אַזוי אומגעריכט. דער אומזיסטער פאַרדאַכט, האָט אים מער ווי אַלץ געבראַכט צו זיך. איצט האָט ער געקענט טראַכטן וועגן דעם גאַנצן פּלאַנטער מער ניכטער.

נעכטן נאָך האָט ער געמיינט, אַז אַלץ פּילט מיט, מיט זיין פאַר־וואונדעט געמיט. ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז געשטאַנען אויפן בריק ביי דער מיל און געזוכט אין דעם אַרום סימנים פון מיטגעפיל. די וועלט איז געווען פאַרשלונגען אין נאַכטיקן שלומער. דיביימער זענען גע־שטאַנען דרימלענדיקע. די רעדער האָבן זיך, געדרייט, און דאָס וואַסער דורך די האַלב־אָפענע זאַסטאַווקע האָט געהאַלטן אין פליסן און איז גע־פאַלן מיט אַ רוישיקן פּליעסק. איצט באַגרייפט ער, דאָס לעבן גייט אָן ווי אַלעמאָל. וועט אָנגיין.

ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס גענאַרט. און אין אים איז אויפגעקומען אַ מאָנונג: „דו מוזט זיך אויך אָנכאַפּן אָן דעם ראָד פון לעבן. דו מוזט!!!".

פאַרוואָס־זשע פילט ער אַ פאַרדרוס אויף זיין טאַטן, הלמאי ער האָט שלום געמאַכט מיט די אַלע אומגערעכטיקייטן. זיי אָנגענומען? ניין. זיין גאַנצער וועזן ווערט זיך קעגן דעם. ער וועט ניט לעבן אַזוי. אָבער ווי דען־זשע אַנדערש?... ווי?...

אָט מיט דעם מאַרטערנדיקן געדאַנק איז ער ענדלעך איינגעשלאָפן.

אויך דער פֿאָטער זיינער, רחמיאל איז ניט רואיק געשלאָפֿן. דאָס נעכטיקע געשעעניש האָט אים אַליין מורא׳דיק דערשיטערט, און שטאַרק דערצאָרנט. איצט, אַז זיין כעס איז שוין געווען אויסגעליידיקט, האָט זיך אים געוואָלט גלויבן אַז אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות. נאָך אַלעמען איז ער ניט געווען איבערצייגט אַז שלמה איז געלאָפֿן צום מיל צוליב דער שיקסע. ער האָט דאָך אים דאָרטן געטראָפֿן אַליין, אָן דער קאָכאַנקע. צוליב וואָס־זשע איז ער אַהינצו געלאָפֿן?... דעם זונס נעכטיקע וויינען האָט אים טיף איינגעשניטן אין האַרצן.

נעכטן האָט ער פֿאַר זיך דערזען אַן אַנדער שלמה׳ן. ניט געווען מער קיין שמץ פֿון דעם געהאַרכזאַם קינד. אַ מאַן איז געווען קעגן אים. אַ מאַן מיט אַ ווילן, מיט עזות אין בליק און אַ גלי אין די אויגן, וואָס האָט געוואָרנט: „לאָז מיך בעסער צורו!". איז גלייכער ניט פֿאַרשפּיצן די לאַגע. וועט ער בעסער אָוועקפֿאָרן איבער די דערפֿער אויף עטלעכע טעג. ביז שלמה, וועט זיך באַרויקן.

און אויך ריווע־לאה איז אַ גאַנצע נאַכט שלעכט געשלאָפֿן. זי האָט געזען ווי רחמיאל וואָרפֿט זיך אויפֿן געלעגער. דאָס האַרץ האָט איר וויי געטאָן פֿאַרביידן. זי האָט אין דער נאַכט איר תּפֿילה געשיקט: „גאָט, דו ליבהאַרציקער, זאָל די פֿרייד אין אונדזער אָרעמער שטוב ניט פֿאַרשטערט ווערן! האָבן מיר דען ניט געהאַט גענוג צער?!" און ערשט פֿאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי איז דער נעפּל צערונען געוואָרן. אַ לייכט פֿרעסטל האָט אויסגעטריקנט די בלאָטעס און פֿאַרצויגן די קאַליוזשעס מיט אַ דין הייטל פֿון אייז.

שלמה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. דער דרויסן איז געווען אַ ליכטיקער. דערזען דעם טאַטן אין הויף. ער האָט געהאַלטן אין שפּאַנען דעם פֿערד און וואָגן.

צום ערשטן מאָל, זינט זיי האָבן פֿאַרלאָזן די מיל, האָט שלמה איצט דערפֿילט אַ דראַנג אַרויסצורייסן זיך פֿון דער שמידנדיקער פֿאַר־גליווערטקייט. ער האָט זיך אָנגעטאָן, געוואַשן און געשטעלט זיך דאַ־ווענען.

ווען רחמיאל איז אַריין אין שטוב און דערזען שלמה׳ן דאַווענענדיק, איז אים גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ער איז צוגעגאַנגען צו אים. געוואָלט פֿאַרגלעטן דעם נעכטיקן צוזאַמענשטויס.

— נו, ווי פֿילסטו?

שלמה האָט ניט באַלד געענטפֿערט. רחמיאל האָט שוין געגומען פֿילן ווי דער כעס שטייגט אין אים ווידער.

— וואָס־זשע, דו ביזט נאָך גערעכט?!

ריוועקע־לאה האָט געזען פון קיך צו וואָס דאָס קען פירן, האָט זי אַ רוף געטאָן:

— רחמיאל! הויבסט שוין ווידער אָן!!!

דער טאַטע האָט מיט פאַרדרוס אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און איז אַוועק אין קיך. מיט כעס צוגעוואָרפן דער ווייב: „דער תכשיט איז נאָך גערעכט!“.

ער האָט אָפּגעגעסן און אָן אַ זיי־געזונט צו שלמה׳ן, איז ער אַוועק־געפאָרן.

די מאַמע איז צוגעקומען צו שלמה׳ן גלייך ווי נאָר ער האָט גע־ענדיקט דאַווענען.

— גיי, זון מיינער, עפּעס עסן.

זי האָט דערלאַנגט דאָס עסן און איז געשטאַנען פונדערזייט, זיך צוגעקוקט צום זון׳ס באַנעמונג. איר האַרץ האָט אַנגעקוואָלן. שלמה איז געווען היינט אַן אַנדערער. געווען ווי פריער, איידער ער איז אַריינ־געפאַלן אין דער שלאָפקייט. „אַ דאַנק דיר, גאָטעניו“, האָט זי שטיל דעם רבונו של עולם געדאַנקט, צוקוקנדיק מיט וואָס פאַר אַפּעטיט שלמה עסט היינט. זי האָט אים צוגערוקט נאָך אַ טעלער געקעכץ. נאָר שלמה האָט עס אָפּגערוקט: „שוין זאַט“.

אַ צייט נאָכדעם איז שלמה געבליבן זיצן שטיל און פאַרטראַכט:

„וואָס טוט מען איצט? מען דאַרף זיך דאָך צו עפּעס נעמען טאָן. ער וועט ניט זיצן ביים טאַטן אויפן קאַרק. איז צו וואָס קען ער זיך נע־מען?...

איין זאַך איז אים געווען קלאָר: דער פריערדיקער חשק צו לער־נען איז אינגאַנצן אויסגערונען. צוריק צום אַלטן, צוריק אין דער ישיבה קען ער ניט גיין. איז צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען ער לערנט זיך אויס אַ מלאכה.

די זאַך האָט אים אויסגעקוקט צו זיין ניט שווער. ער איז דאָך צו אַרבעט געוואוינט. ער וועט זיך אָנדינגען פאַר אַ יאָר צי צוויי און דערנאָך וועט ער שוין קענען פאַרדינען פאַר זיך.

שלמה האָט זיך גענומען אָנטאָן. דער מאַמעס האַרץ האָט זיך נאָך מער דערפרייט „אוי! אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! דו האָסט פאַרנומען אַ מאַמעס טרערן. ער גייט מסתמא אין בית־מדרש לערנען“.

ווען שלמה איז געווען ביי דער טיר, האָט זי מער ניט געקענט איינהאַלטן איר נייגעריקייט,

— וואוהין גייסטו, שלמה?

ער האָט איר ניט געקענט ענטפערן. ער האָט דאָך אַליין ניט גע־וואוסט וואוהין ער גייט. האָט ער אַ מורמל געטאָן אונטערן נאָז:

— כ׳באַלד זיין צוריק! — און איז אַרויס.

אין דרויסן האָט אים די קעלט באַגעגנט. ער האָט געציטערט און פאַרשפיליעט דעם מאַנטל. ער האָט שנעלער גענומען גיין. ניט קלערנ־דיק איז ער געגאַנגען צום הארץ פון שטעטל — צום מארק.

אויפן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן עפעס, וואָס האָט צוגע־צויגן זיין אויפמערקזאַמקייט.

אַ פויערישע פור איז אָנגעפאָרן און באַלד איז, ווי פון ערגעץ אָנ־געלאָפן אַ כאָפטע אידענעס־אַפקויפערינס. זיי האָבן געמאַכט צום פויער מיט די הענט. ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

איינע האָט דערקענט דעם פויער.

— יאַק שעמאַש, מיכאַל! — האָט זי צו אים אויסגערופן צו באַ־ווייזן די אַנדערע אַז דאָס איז אירס אַ שטענדיקער גוי.

דער פויער האָט צו איר אַ קוק געטאָן און געשמייכלט אין די וואָנ־צעס. אַז זיין נאָמען איז גאָר קיינמאָל ניט געווען, מיכאַל. נו, מילא. ער האָט אָפּגעדעקט אַ שטייג און באַוויזן אויף עטלעכע ווייסע גענדז.

די אידענע, וואָס האָט זיך צו אים די ערשטע דערקענט, האָט אַרויסגענומען אַ גאַנדז, האָט געבלאָזן די פעדערן פון איר הינטן, האָט געטאַפּט און געוואויגן זי אויף דער האַנט.

— אַלע אַזעלכע? — האָט אַרויסגענומען אַ צווייטע, געהאַלטן אַ ווילע אין האַנט. — וויפל ווילסטו, מיכאַל?

דער פויער האָט געזאָגט אַ פרייז. די אידענע האָט זיך אָנגעהויבן צו דינגען מיט אים. געערדט מיט הארץ פאַרצווייפלט. דער פויער איז געוואָרן אומגעדולדיק. האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד.

די אַפּקויפערינס האָבן אָנגעכאַפּט דעם וואָגן: „וואוהין לויפסטו? מיינסט טאָקע מען וועט דיר געבן דיין פרייז?״

אָן אַנדער אידענע איז אַריינגעצויגן געוואָרן. האָט געהעכערט דעם פרייז.

— חייקע! דו הרג׳עסט מיר אַוועק מיין ברויט! גיי אַוועק! זעסט דאָך ס׳איז מיין גוי!

— אַזוי!!! דיין גוי! וואָס? ביזט מיט אים געלעגן אין די קושאַ־קעס?

אַ באַליידיקטע איז די ערשטע אַפּקויפערין געווען גרייט זיך איינ־צוגראָבן אין חייקע׳ס קאָפּ־האָר. נאָר, זי האָט זיך איינגעהאַלטן.

— חייקעניו! האָט זי צו איר געזאָגט, צו וואָס זאָלן מיר זיך קריגן? לאָמיר אַריין אין שותפות. דערלייג אים נאָך אַ דריי גראָשן. ניט מער...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. דער פויער האָט ניט איינמאָל געשמיסן דאָס פערד. די אָפּקויפּעריניס זענען אים נאָכגעלאָפן. ביז דער מסחר איז ענדלעך געשלאָסן געוואָרן.

שלמה, איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דעם אופן פון מסחר. און אים איז געווען דערווידער דער גאַנצער מאָדנער האַנדל. ניין, ביי זיי אין מיל איז אַלץ געווען אַזוי פּשוט. מען האָט געמאָלן דעם קאָרן און געקראָגן באַלוינט פאַר דער אַרבעט מיט געלט אָדער מיט „נאַטורע" — מיט אַ טייל פון דעם געמאָלענעם.

שלמה איז געקומען צום מאַרק — אַ פירקאַנטיקער ברייטער פּלאַץ, פאַרבויט פון אַלע זייטן מיט געוועלבער און בודעס, מיט שענקן, און באַלמעלאָכישע וואַרשטאַטן.

פויערישע פורן, די פערד אויסגעשפּאַנט און צוגעבונדן צום וואָגן, זענען געשטאַנען צעוואָרפן. אידענעס, אָנגעפּעלצטע, מיט שווערע פאַטשיילעס האָבן זיך געשלייכט צווישן זיי.

קרעמער און קרעמערקעס, האַלב־פאַרפרויערענע זענען געשטאַנען אין די טירן פון די געוועלבער און אַרויסגעקוקט נאָך אַ קונה, האָבן זיי אַזאַ איינעם דערזען, זענען זיי אים אַנטקעגן געלאָפן, אים געשלעפּט ביי דעם אַרבל אין קראָם אַריין, צוזאָגנדיק אים גאַנצע מציאות.

שלמה איז געשטאַנען און צו דעם אַלעם זיך צוגעקוקט. מאָדנע. ער האָט דאָך שוין פריער געזען אַ מאַרק, און אין שטעטל קאָנעוועץ וואו ער האָט געלערנט, פלעגט אים זייער אָפט אויסקומען דורכצוגיין דעם מאַרק, צו די באַלעבאַטים, וואו ער האָט זיינע טעג געהאַט. נאָר ער האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעקוקט מיט וויפל שווערקייטן און דערנידערונג דער קרעמער פאַרדינט זיין ברויט. דאַמאָלסט, ווען ער האָט אין דער ישיבה געלערנט, איז דער ענין פרנסה געווען אַ ווייטער. ער האָט געטראַכט: גאָט וואָס שפּייזט יעדעס ווערימל, יעדן פויגל, וועט אויך אים צושיקן פרנסה.

איצט האָט ער זיך צוגעקוקט ווי אַ קרעמערקע איז נאָכגעלאָפן אַ קונה, געווען צוריק, דער פויער האָט זיך געקווענקלט, געגאַנגען צוריק. נאָר ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ער איז ווידער אַרויסגעלאָפן. דאָס מאָל ניט אומקוקנדיק זיך. די אידענע איז נאָכגעלאָפן ביז איבער דער שוועל. איז געבליבן שטיין מיט אַן אויסדרוק אויפן פנים, ווי אַלע שיפן

זענען איר אונטערגעגאַנגען. און דאָס האַרץ האָט שלמה ווי געטאָן פאַר דער אידענע.

און אָט שטייט אַ יונגער באַלעבעסל ביי אַן אָפענער קליינער בודע, וואו עס איז אויסגעלייגט זיין גאַנץ פאַרמעגן: קעמעלעך פון פאַרשידענע מאָסן און קאָלירן. אייניקע מיט קאָלירפולע שטיינדלעך איינגעפאַסט אַזעלכע וואָס דאַרפס־פויערטעס קויפן גערן. פאַרשידענע שטענגעס הענגען אַראָפּ פון אויבערשטן דעכעלע, ווי אַ מיטל צו ציען דעם קונה׳ס אויפמערקזאַמקייט. עטלעכע שטאָסן פון שפּאָלן פּאָדים, נאָדלען, פויע־רישע טיכלעך אין בונטע קאָלירן.

דאָס יונגע באַלעבעסל, מיטן ערשטן אָנוואוקס פון אַ רויטלעכער באָרד, איז קענטיק נאָך נישט באַהאַוונט אין מסחר. ער שטייט מיט וואַכע אויגן, דורכנעמענדיק יעדן פאַרבייגייענדיקן פויער. ער האָט ניט דעם מוט יענעם אָנצונעמען ביי דער האַנט, ווי אַנדערע טוען עס. ער קען ניט איינרעדן. נאָר זיינע בליקן גלעטן דעם קונה מיט געבעט. און ווען דער פויער גייט פאַרביי אים, ניט אומקוקנדיק זיך, זעט מען ווי עס מיניען זיך זיינע אויגן; אַ ווײַלע לעשן זיי זיך פון יאוש און דער־נאָך גליען זיי אויף ווידער מיט אַנטשלאָסנקייט, ניט אויפצוגעבן. ווידער קעמען זיינע אויגן די דורכגייער.

ניט ווייט פון אים שטייט אַ אידענע מיט אַ טאָפּ הייסע אַרבעס. זי איז דווקא היינט צופרידן מיט איר לייזעכץ. עטלעכע קונים שטייען לעבן איר טאָפּ. פאַר אַ גראָשן פּילט זי אָן אַ גאַנץ זעקעלע מיט הייסע אַרבעס. די קויפער שטייען און קוויקן זיך מיט דעם געשמאַקן מאכל. עס דערוואַרעמט און עס זעטיקט.

נאָך ווייטער שטייט אַ בודע מיט פרישן געבעקס. אויף אַ דינעם שטעקעלע זענען אָנגעצויגן פאַרשידענע סאָרטן בייגל: וואַסער בייגל, אייער בייגל און טענדע־מערענדעס — בייגל קונציק געפלאָכטן און באַשפּרינקלט פון אויבן מיט געווירצן.

שלמה׳ן איז שווער געוועזן צו טראַכטן, אַז אויך ער זאָל ווען עס איז זיך נעמען צו אַזאַ מין מסחר אויפן מאַרק. ער איז געגאַנגען ווייטער.

אַ שמאָלער הויף מיט אַ קופּע ברעטער, צוזאַמענגעלייגט אין גלייכע שורות, האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. דאָ וואוינט, מסתמא, אַ טעסלער אָדער אַ סטאָליער. און סטאָליעריי איז אים געווען צום האַרצן. עס איז דאָך אים ניט איינמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אַ זעג און האַמער אין מיל. ער וועט אַריין.

די טיר האָט זיך געעפנט אין אַ לאַנגער שטוב אַריין, אינגאַנצן פאַרנומען מיט אַ שטאָלעריי־וואַרשטאַט מיט פאַרשידענע געצייג־

מכשירים. איבערן גאַנצן דיל זענען געווען אָפּפאַל פון האָלץ, סטרוזש־קעס, זעג־שטויב. אויפן טיש, פּאַזע דער וואַנט, זענען געשטאַנען פאַר־שמאַלצענע טעפּ מיט קליי.

שלמה איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן און אַרויסגעשטאַמלט: „גוט־מאָרגן!“.

יודע דער סטאָליער, אַ איד אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ פאַר־שטויבטער יאַרמלקע און אין אַ פאַרשמאַלצענעם פאַרטוך, פון וועלכן עס האָבן זיך אַפּירגעזען ציצית פון די ארבע־כנפות, האָט אים אָנגע־קוקט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. יודעס אויגן האָבן פרעגנדיק געמאָסטן דעם אַרייַנגעקומענעם. דערנאָך איז געקומען אַ גוטמוטיקער:

— גוט־מאָרגן! גוט יאָר! וואָס ס׳ט׳איר געוואָלט, יונגערמאַן?

— כ׳האָב געוואָלט אַרבעטן ביי אייך.

ווידער האָט יודע געמאָסטן מיט די אויגן דעם אַרייַנגעקומענעם.

— וואָס־זשע? ביזט אַ סטאָליער? ביי וועמען האָסטו געאַרבעט?

— ניין. כ׳האָב ניט געאַרבעט ביי סטאָליערי.

— ביי וואָס־זשע דען?

— כ׳האָב געלערנט אין דער ישיבה.

— אַזוי גאָר? ווילסטו אויסבייטן די תורה אויף סטאָליערי? עד, עד, יונגערמאַן!...

יודע דער סטאָליער האָט דערזען אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ לערנער, האָט ער זיך דערפילט אומבאַקוועם, וואָס דער גאַנצער שמועס גייט אָן שטייענדיק ביי דער טיר. ער האָט אַ רוף געטאָן צו אַ אינגל פון אַ יאָר עלף־צוועלף, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים מיט אַ בעזים אָנגעשפּאַרט אָן דער מאָרדע און באַטראַכט דעם ניי־אַרייַנגעקומענעם.

— חיימ׳קע, וויש אָפּ אַ בענקל. דערלאַנג עם אַהער.

חיימ׳קע האָט דערלאַנגט אַ בענקל.

— זיצט! זיצט, יונגערמאַן! טשיקאַווע צו הערן. איר ווילט גאָר ווערן אַ בעל־מלאכה?! נו, פאַרוואָס ניט? צוריק גערעדט, מען קען זיין אַ בעל־מלאכה און זיין אַ לערנער. אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי גוט עס איז, אַז מען קען לערנען. אָבער אַריינבעמען אייך צו זיך... דאָס, זעט איר, קען איך ניט. אַפילו פאַר זיך אַליין איז ניטאָ גענוג אַרבעט און, מישטיינס געזאָגט, די גליקן וואָס מען האָט. קוים אויף דורכקומעניש. אָט דאָס איז מיין גאַנצער אַרויסהעלפער — האָט ער געוויזן מיטן האַנט אויף חיימ׳קען — פאַר פינף יאָר גענומען אים אויף דער לער. רייניקט

ער דעם וואַרשטאַט. דערלאַנגט צום האַנט, העלפֿ אַרויס דער יידענע...
מיט פינף קינדערלעך איז ניט גרינג צו ספּראַווען זיך.

שלמה האָט געזען אַז זיינע אויסרעכענונגען ווערן צערונען, האָט ער פּרובירט ראַטעווען.

— כ׳האָב ביי אונדז אין מיל אָפּט געטאָן סטאָליערײַ. פאַרריכט ווען מ׳האָט געדאַרפט.

— ווען מעס ביזטו? עפּעס ניט געזען דיך דאָ ביי אונדז אין שטעטל.

— מיר זענען ערשט אַריינגעפאָרענע. געהאַלטן סטריזשעווסקי׳ס מיל.

— אָ, יע. געהערט. וואָס טוט איצט דער טאַטע?

— ער האַנדלט אונטער. פאָרט אַרום איבער די דערפער.

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט העלפן דעם טאַטן? אַ גרינגערער וועג צו פאַרדינען דיין ברויט.

— ס׳ציט מיך צו אַרבעט. כ׳וויל ערלעך פאַרדינען מיין ברויט.

— צו שפּעט אָנצופאַנגען איצט. ביזט דאָך שוין אַ חתן־בחור. דאַרפסט טראַכטן וועגן אַ תכלית.

שלמה האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק מיט אַ שווער געמיט. מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געגאַנגען איבער די גאַסן און גע־טראַכט וועגן יודע דעם סטאָליערס עצה: ער זאָל ווערן אַ דאָרפס איד, ווי דער פעטער גדליה. ווי דער טאַטע. איז שוין טאַקע קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ פאַר אים?

ער איז געקומען אַהיים אַן אויסגעשעפּטער. האָט עפּעס אָפּגעגעסן און צוגעלייגט זיך אויפן שלאָפבאַנק. אין מוח האָט געעגבערט: „וואו זשע איז דער אויסוועג? וועגט! וועגט! אומעטום איז זיין לעבן פאַר־שטעלט מיט שוועריקייטן.

אָט אין אַזאַ קאָשמאַר האָט ער פאַרבראַכט די נאַכט. אויף מאָרגן פרי איז ער געווען גרייט ווידער צו פּרובירן. זאָל זיין שניידעריי, שוס־טעריי. ווערן אַ רימער, ער מוז עפּעס געפינען פאַר זיך.

נעכטן נאָך פאַרבייגייענדיק אַ געסל האָט ער געזען, אַ רימעריי. פון דרויסן, איבערן טיר איז געהאַנגען אַ שילד פון אַ פערד מיט אַ כאָמוט און שלייעס. עס האָט געטראָגן פון הויף דער ריח פון געגאַרבטן פעל. דאַמאָלסט, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען איז אים דער ריח געווען דערווידער. איצטער איז ער גרייט געווען צו טאָן אַזאַ אַרבעט.

ער איז אַריין אין אַ נידעריקע, האַלב חרוב׳ע שטוב. ס׳איז געווען די גאַרבעריי. אינעווייניק זענען אין דער ערד געווען איינגעגראָבן גרויסע הילצערנע פעסער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געווייקט די פעלן.

דער עיפּוש׳דיקער ריח פון די פעלן האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך שיער ניט פאַרשטעלט מיט דער האַנט. גוט, וואָס ער האָט דאָס ניט געטאָן. זעליק דער רימער, אַ נידעריק געפּאַקטער איד, וואָס איז געשטאַנען איינגעבויגן, האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט דעם רוקן און זיינע שאַרפע, ברוינע אויגן האָבן שלמה׳ן אָנגעקוקט.

— גוט מאָרגן, אייך! האָט שלמה אָנגענומען זיך מיט האַרץ. — אפשר דאַרפט איר אַן אַרבעטער. אַן אַרויסהעלפער?

זעליק האָט באַטראַכט דאָס בחור׳ל. געזען זיין איידעלן אויסזען. אַ וואָרף געטאָן זיין בליק צו די הענט.

— קענסט גאַרבעריי? געאַרבעט ווען ביי אַ רימער?

— וואָס איז שייך געאַרבעט? כ׳קען זיך דאָך אויסלערנען.

— ביי וואָס דען האָסטו געאַרבעט?

— כ׳האָב געלערנט ביז אַהער. געאַרבעט ביים טאַטן אין מיל.

— איז ווי־זשע קומסטו צו וועלן זיין אַ רימער. ס׳איז ניט קיין אַרבעט פאַר דיר. איך זע דאָך, אַז דו ביזט אַן איידל קינד. געלערנט ביז איצט מסתמא אין דער ישיבה, האַ?

— נו, יאָ.

— ס׳איז ניט פאַר דיר. זעסט דאָך אַליין — ס׳איז אַ ברודיקע אַרבעט. מען עסט זיך אָן מיט שמוץ און שטינקעכץ, אַז ס׳קערט פון קעל. מען קען ניט קומען צווישן מענטשן. און זיך אַליין איז מען אָפּט־מאָל דערווידער. דערצו נאָך דו ביזט שוין אַ גרויסער בחור. צו שפּעט איינצוברעכן זיך אין רימעריי. און צו וואָס טויג עס דיר? וואָלט דאָך געקאָנט טאָן אַ גוטן שידוך. קריגן נדן. עטלעכע יאָר קעסט. פאַרט אַ לערנער. פאַר דיר זענען אָפן בעסערע וועגן אין לעבן! — און בשעת מעשה האָט זעליק אַ טראַכט געטאָן, „ניט קיין קרומע זאַך צו שיקן אַ שדכן צום טאַטן. דאַכט זיך אַ גוטער זיווג צו מיין מרים׳עך״.

שלמה האָט אים אויף דעם ניט געקענט ענטפערן. וואָס זאָל ער אים זאָגן?... אַז די גמרא זעטיקט מער ניט די נשמה.

ער איז אַרויס אַן אַנטוישטער. ער האָט נאָך שאַרפער געפילט ווי ענג עס איז צו לעבן. וואו דו גיסט זיך אַ קער — ווענט. אָבער דאָך? עס מוז דאָך זיין אַן אויסוועג. די הויפּט זאַך איז ניט אַנטמוטיקט ווערן. ניט אויפגעבן. איז ניט קיין רימער, נו, אפשר אַ שניידער...

ער האָט זיך לאַנג געשלעפּט איבער די גאַסן, ביז ער איז אַריין צו זלמן דעם שניידער.

אינעווייניק האָט אים אַ זעץ געטאָן דער פּאַרדומפּטער ריח פון שטוב. ס'איז געווען איין גרויס חדר מיט אַ קיך. אַרום די ווענט בעטן מיט אָנגעוואָרפן בעטגעוואַנט און אויף זיי אפשר אַ האַלבער טוצן קינ־דערלעך, איינס קלענער פון צווייטן.

אויפן גרויסן טיש, וואָס איז אויך געווען דער וואַרשטאַט, איז געזעסן זלמן דער שניידער, מיטן ציגענעם געלבלעכן בערדל, די פיס אונטער זיך, און נייענדיק אַ מלבוש, האָט ער זיך צוגעזונגען.

אין דער ערשטער מינוט האָט ביי שלמה'ן אָפּגענומען דער חשק צו שניידעריי. די אָרעמקייט פון זלמנ'ס שטוב האָט אַרויסגעוויינט פון יעדן ווינקעלע. און דווקא איז זלמן געווען אַ ייד — אַ בעל בטחון. איצט דערזעענדיק עמעצן אַריינקומען, איז זלמן געווען זיכער, אַז דאָס קומט מען באַשטעלן ביי אים אַ בגד. האָט ער אַוועקגעלייגט זיין געניייעכץ און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש מיט דער שפּריטנעקייט פון אַ יונגנמאַן.

שלמה האָט זיך ענדלעך געפּאַסט. זיך באַגריסט.

— גוט־מאָרגן! גוט יאָר! וואָס־זשע ווערט איר זאָגן גוטס? — האָט זלמן אַ פרעג געטאָן.

— איך... איך... — האָט שלמה אָנגעהויבן שטאַמלען. — איך וויל ווערן אַ שניידער.

דערהערט דאָס, האָט זלמן דערפילט עפּעס אַ פּאַרדראָס. נאַ דיר גאָר... מיינע גליקן נאָך אַ ברודער מיט שער און אייזן. ער האָט דאָס אָבער ניט אַרויסגעוויזן.

— נו, ווער־זשע לאָזט אייך ניט? פאַראַן אַזוי פיל שניידער אויף דער וועלט, וועט זיין נאָך איינער...

— איך וואָלט וועלן צו אייך אָנקומען אויף לערע. — האָט זיך שוין שלמה דערפילט דערמוטיקט.

— המממ... אַזוי גאָר?... וואָס־זשע איר זעט ניט די גליקן וואָס ליגן אין שניידעריי? און צוריק גערעדט, וואו זענען פאַראַן גרע־סערע גליקן? וויפיל קען אַ בעל־מלאכה אַליין פאַרדינען מיט זיינע הענט אין אונדזער אָרעמקייט. סיידן עס גליקט אָפּ. מען אַרבעט פאַר זיי — פאַר די שררות. אָבער נעמען אייך אויף לערע, ווי קען איך?... איר זענט דאָך שוין אַ יונגערמאַן, וואָס דאַרף טראַכטן וועגן אַ תכלית. וואָס שטייט שוין מסתמא אין שידוכים. איז, ווי קען איך? אַז פאַר זיך אַליין איז ניטאָ גענוג אַרבעט. מען האָט זיך געבעטן ביי מיר, טאַקע אָט די טעג איז געקומען שיינקע די פאַבריקנמאַכערין, איך זאָל נעמען איר אינגל אויף לערע. געווען גרייט ער זאָל אַרבעטן אָן גע־

צאָלט דריי יאָר. בלויז פֿאַרן עסן אַליין און אַ פּאָר שיך אַ יאָר. ניט גענומען. איז ווי־זשע קען איך אייך נעמען, איך וואָלט ניט געהאַט די העזה זיך צו שאַפֿן מיט אייך...

זלמן האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע און ווײַטער געזאָגט! — עט, יונגערמאַן. וואָס איך קען אײַנפֿאַלן. שנײַדערײַ איז ניט פֿאַר אײַך. אַז איר קענט לערנען, פֿאַרוואָס זאָלט איר דאָס ניט אויסנוצן. ווערן אַ מלמד...

— ווערן אַ מלמד? — האָט שלמה פֿאַרוואונדערט שטיל איבער־געזאָגט.

מאָדנע. וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט. ניט געוואָלט טראַכטן...

שלמה האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן רבי׳ן, זאַנוולען. ער, וואָס האָט אין אים אײַנגעפֿלאַנצט די ליבע צו גאָט׳ס וואָרט. צום לערנען. וואָס וואָלט ער געזאָגט ווען ער זעט אים איצט? צי וואָלט ער פֿאַרשטאַנען זײַן רײַסן זיך אין אַנדערע וועגן.

שלמה האָט זיך אויך דערמאָנט ווי דער רבי פֿלעגט אָפֿט שווער זיפֿצן. קען זײַן אַז אויך דער מלמד, זאַנוול, האָט געפֿילט, ווי זײַן לעבן איז פֿאַרשטופּט געוואָרן אין אַן ענגען ווינקל. דער רבי האָט עס אָנגע־נומען. ניט ער... ניט ער...

גייענדיק דורכן מאַרק אַהיים האָט שלמה זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שפּייז־געוועלב. אין דרויסן איז געשטאַנען דער קרעמער אין אַ פֿאַר־שמאָלצענעם בגד. ער האָט אים אויסגעקוקט באַקאַנט. שלמה איז צו־געקומען נעענטער. ער האָט זיך דערמאָנט: דאָס איז דאָך יאַנקל דער גלער, מיט וועמען ער האָט געלערנט דאָס ערשטע יאָר אין דער ישיבֿה.

— שלום־עליכם, יאַנקל! האָט ער זיך דערפֿרייט.

— זע, נאַר, שלמה׳קע? ווי קומסטו אַהער?

— דײַן קראָם? — האָט שלמה געפֿרעגט — אַנשטאָט צו ענטפֿערן.

— קראָם? אַז אַך און ווי, אַן אומגליק איז עס. מען פֿינסטערט אָפּ גאַנצענע טעג און סע סטײַעט ניט צו לעבן. עך, ניט געטראַכט, אַז כ׳וועל ווען ס׳איז קומען צו אַזאַ מערכה. שטיין אין דרויסן און אויסקוקן די אויגן נאָך אַ גראָשן לייזעכץ. פֿאַרקויפֿן אַ הערינג, צי עפּעס אַנדערש. אײַנגעשמירט ווערן אין דזעגעכץ, וואָס אַ פּויער קויפֿט צו שמירן די רעדער. רק דאגות. געדענקסט אין דער ישיבֿה?...

— ווער־זשע האָט דיך געצוואונגען? טאָקע ניטאָ קיין בעסערס?

— ווער? און דו פֿרעגסט נאָך! די נויט! די נויט האָט מיך אָנגע־כאַפּט ביים גאָרגל, חתונה געהאַט. געקראָגן נדן פּופּציק קאַרבאָוואַנ־

צעס. אַ ציג. צוויי יאָר קעסט. דאַכט זיך גוט, האַ? גייט ניט אַוועק קיין האַלב יאָר און מיין שווער, שטאַרבט פּלוצים אַוועק. שוין אויס קעסט. און דאָ מיין ווייב, איז שוין שוואַנגער. נו, וואָס האָב איך געקענט טאָן? פאַר דעם לעצטן געלט דאָס געוועלב געעפנט. און מען מאַטערט זיך...

שלמה איז געגאַנגען אַהיים מיט אונטערגעהאַקטע פיס. ער האָט גע־טראַכט פון יאַנקלען. ווי לוסטיק ער איז געווען אין דער ישיבה. דער ערשטער אָפּצוטאָן עמיצן אַ שפּיצל איז ער געווען. און אַ מתמיד אין לערנען. זיין קול פלעגט קלינגען העכער פון יעדן אַנדערן. און איצט?... יאַנקלס קלאָגן זיך אויף זיין דאַליע, האָט שאַרפער געמאַכט דאָס טראַכטן וועגן דעם אייגענעם שווערן מצב.

שלמה איז אַריין אין שטוב. די מאַמע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און איר האַרץ האָט געזונקען.

— וואָס איז דיר, זונעניו? — און ווי איר שטייגער איז געווען האָט זי מיט דער האַנט געטאַפּט זיין שטערן.

שטום און פאַרשלאָסן זענען שלמה׳ס ליפּן געבליבן. די אויגן פאַר־לאָשן און האַלב־געשלאָסן. ער איז צוגעגאַנגען צום שלאָפבאַנק און אַנידערגעפאַלן אין אַנטועכץ. ווי די כוחות וואָלטן אים געפעלט. מיט די הענט האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט איצט קיינעם ניט געוואָלט זען. אַזוי איז ער לאַנג געלעגן אָן באַוועגונג. דער פריער־דיקער דראַנג איז אינגאַנצן אויסגערונען געוואָרן. איין געדאַנק האָט נאָר געדרילעוועט אין מוח: „ווי לעבט מען? ווי לעבט מען?"

די מאַמע איז געשטאַנען איבער אים אַ פאַרלאָרענע. ניט געקענט פאַרשטיין וואָס מיט אים האָט געטראָפן. אינדערפרי איז ער דאָך געווען גאָר אַן אַנדערער. וואָס האָט ער געטאָן? וואו איז ער געווען?

זי איז געשטאַנען לעבן אים און האָט געבראָכן די הענט. האָט אים איינגעדעקט, אַרויפגעכאַפּט די פאַטשיילע אויף איר קאָפּ און איז אַרויס.

שלמה איז ווידער אַריינגעפאַלן אין דעם תהום פון אויסזיכט־לאָזן יאוש. ווידער זענען געקומען די מאַטערנדיקע געדאַנקען און חלומות. איצט האָט ער זיך געזען זינקען אין אַ טיפן גרוב אָן אַ דנאָ. ער פאַלט און פאַלט. און ווען ער פלעגט פון שרעק זיך אויפכאַפּן, איז קיין טרייסט ניט געווען.

ווידער איז ער אינגאַנצן געווען אַרומגענומען מיט אַ שמידנדיקער אַפּאַטיע. קיין זאַך איז אים ניט ניחא געווען. צו וואָס אַזאַ לעבן? אַלץ איז געווען אומזיניק.

אין אָט אַזאַ מצב האָט דער טאַטע, רחמיאל אים געטראָפן, ווען

ער איז צוריקגעקומען אַ היים. ער האָט דערזען שלמה'ן אויף דעם שלאָפבאַנק און באַלד דערקענט אַז ער איז ווידער קראַנק.

ריווע־לאה האָט אים דערציילט ווי ער איז צוויי טעג נאָכאַנאַנד ערגעץ פאַרפאַלן געווען. זי האָט געמיינט ער זיצט אין בית־מדרש און לערנט. צום סוף האָט זי זיך דערוואוסט, אַז ער האָט זיך געוואָלט פאַר־דינגען פאַר אַ שניידער־יונג, געוואָלט ווערן אַ רימער. „אָט האָסטו אונדזערע גליקן. אונדזערע האָפענונגען...״

רחמיאל איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַ צערודערטער. דערנאָך צוגעקומען צום זון, האָט ווייך געלייגט די האַנט אויף זיין שטערן און אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

שלמה האָט אויפגעעפנט די אויגן.

— וואָס איז דיר, שלמה? ווידער ניט גוט?

— כ'ווייס אַליין ניט, טאַטע.

— אפשר וואָלטן מיר צוגעפאָרן צום ווערלזשער צדיק. דאָ ניט ווייט. מען זאָגט אויף אים, אַז ער טוט אויף מופתים. אַ הייליקער איד איז ער, וואָס דער דאָקטאָר קען ניט, היילט ער אויס מיט אַ ברכה.

שלמה האָט געשוויגן.

— וועסטו פאָרן מיט מיר?

— כ'וועל פאָרן, האָט שלמה געענטפערט מיט אַ גלייכגילטיקייט פון איינעם וואָס האָט ניט וואָס צו פאַרלירן.

דער טאַטע האָט אים נאָכאַמאָל אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— גאָט וועט העלפן. אָט וועסטו זען.

קאַפּיטל ניין

דאָס שטעטל וואוהין רחמיאל מיט שלמה׳ן האָבן זיך איצט גענקליבן צו פאָרן, האָט געהייסן וועליזש. דאָרטן האָט געוואוינט דער צדיק, ר׳ פּנחס׳ל.

אַמאָל איז וועליזש געווען אַ קליין שטעטעלע פון צעוואָרפענע, נידעריקע הילצערנע שטיבער.

דאָס שטעטל איז געלעגן אָן אַ זייט פון ברייטן שליאַך. די גרויסע שטרעקעס וואַלד, די זומפּיקע לאָנקעס און פעלדער האָבן עס ווי פאַר־שלונגען פון דער ברייטער וועלט.

די עטלעכע הונדערט משפחות האָבן געצויגן זייער אָרעמע חיונה פון די אַרומיקע פּויערים. די פּריצים זענען געוויינלעך געפאָרן אין אַ גרעסער שטעטעל אַריין. און צו וועליזש פלעגן זיי ניט דאַרפן אָנ־קומען.

דאָס גאַנצע שטעטל איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער גאַס, פון דעם שול־הויף, דעם מאַרק־פּלאַץ און עטלעכע שמאָלע געסלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן הינטערן מאַרק, ווי זיי וואָלטן זיך געטוליעט צו אים.

אַנדערש פון אַלע אַנדערע שטעטלעך איז דאָ געווען דער שול־הויף. דער בית־מדרש און עטלעכע קלויזן, די תלמוד־תורה און דער הכנסת אורחים, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי צונויפגעשטעלט דעם שול־הויף, זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטער שטיינערנער וואַנט.

אַלטע איינוואוינער האָבן דערציילט, אַז דער שטח פון שול־הויף איז געווען אַמאָל דאָס גאַנצע שטעטל. און אַז מען האָט די שטיינערנע וואַנט געבויט צו באַשיצן זיך, אין אַ נויטפאַל, פון אויפגעהעצטן המון. אַפילו איצט קומט אָפט מאָל אויס צו באַהאַלטן זיך הינטער דעם שטיי־נערנעם פאַרקאַן, ווען די פרומע קאַטאָליקן ציען זייער עולה־רגל־פּראָצעסיע דורכן שטעטל. ס׳איז בעסער דעמאָלט ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן.

און ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך האָט וועליזש אויך געהאַט אירע גבירים. אמת, קיין סך, זענען זיי ניט געווען, אָבער עטלעכע מזל׳דיקע יידן האָבן זיך געדרייט אַרום די גרויסע פּריצישע מאַיאָנטקעס. האָבן אַרענדירט גיטער, ברויזן און מילך־פאַכטערייען.

מיט איינעם פון זיי, אביגדור דעם מילך־פּאַכטער, איז פאַרבונדן דער אויפבלי פון ווערליזש, און ווי אַזוי ווערליזש איז, פון אַ קליין, אומ־באַקאַנט שטעטל, געוואָרן באַוואוסט אין דעם גאַנצן אַרומיקן געגנט און אַפילו אין דער מדינה.

אביגדור האָט פאַר זיין טאָכטער גענומען אַן איידעם אַ לערנער פון דער ישיבה.

האָט דאָס דעמאָלט קיינעם ניט געוואונדערט, וואָרום מען איז געוואוינט געווען, אַז רייכע, פּראָסטע אידן זאָלן זיך איינקויפן אין יחוס, מיט נעמען פאַר זייערע טעכטער יונגעלייט לערנער.

ווען אביגדור׳ס איידעם, פנחס, איז אָנגעקומען קיין ווערליזש, האָט ער צו זיך קיין גרויסן אויפזען ניט געצויגן. ניט געווען אין אים די פריינטלעכקייט, וואָס זאָל דערנעענטערן מענטשן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי אַ כאָרט, מיט אַ בלאַס פּנים, און דערצו אַ שווייגער. און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט בלאָזן פון זיך: „איך בין ניט אַבי ווער. איך קען לערנען...״

און פרום, זייער פרום איז פנחס געווען. גאַנצענע טעג איז ער געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. זיין גמרא־ניגון, האָט זיך גע־הערט דורך די אָפענע פענצטער און האָט אָפּגעשטעלט די פאַרבייגייער.

דערנאָך האָט מען באַמערקט אַן ענדערונג אין אים. זיין בלאַס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט קאָליר און איז געוואָרן פולער. זיין לערנען מיט התמדה האָט זיך איינגעשטילט. און זיין קול האָט שוין ניט געקלונגען מיט אַזוי פיל מתיקות, ווי פריער.

האָבן די אַרומיקע דאָס באַמערקט און געשמייכלט שטילערהייט. „ער ווערט פעט אויף ציפּע־דבורה׳ס קעסט. די שוויגער זעט אים אפּנים צו. און דערצו נאָך אַזאַ שיין, יונג ווייבל...״

אָבער ס׳איז ניט געווען אַזוי. דווקא איצט, ווען ער האָט ניט געדאַרפט טראַכטן פון פאַרדינען זיין ברויט, וועגן אַ תכלית אין לעבן, דווקא איצט האָט ער געטראַכט פון דעם גאַנצן אַרומיקן סדר־העולם און וואָס פאַר אַ זין, וואָס פאַר אַן אינהאַלט זיין אייגן לעבן דאַרף האָבן.

ער, פנחס אַליין, איז געקומען פון זייער אָרעמען שטאַנד. דער טאַטע איז געווען אַ שמש. האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן געקוועלט אין חיונה און יעדערער פלעגט זיך שאַפן מיט אים. האָט פנחס געזען פאַר זיך איין אויסוועג: דורך לערנען קומען צו אַ בעסערן מצב אין לעבן. זיין גאַנצער באַגער איז געווען דערגרייכן צו רבנות. אַריינקריגן זיך מיט זיין לומדות אין אַ רייכער משפּחה, אין חשיבות.

איצט, אַז ער האָט דאָס דערגרייכט, האָבן אַנדערע מחשבות׳ן אָנ־געהויבן אים צו מאַטערן: „נו, אַז דיר איז גוט, איז וואָס? וואָס טוסטו אויף מיט דיין לומדות?" און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער איז ווי יענער קאַרגער, וואָס זאַמלט מצוות און שאַרפט זיך דעם מוח צוליב אייגננוציקייט. ער גרייט זיך אָן מיט עולב־הבא. ער פרעגלט זיך אין זעלבסט־צופרידנקייט. אָבער ווי דינט מען דעם מענטשן? ער וואָלט באַדאַרפט באַנוצן זיינע קענטענישן צו באַשטראַלן אַנדערע מיט דעם. אָבער ווי טוט מען עס? עס האָט אים אָנגעהויבן צו ציען צו די מענטשן אַרום. צו פאַרשטיין זייער געראנגל, זייער שטרעבן...

פנחס האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פלענער, וואָס ער וואָלט געקענט דורכפירן דאָ אין וועליזש, נאָר צו קיין באַשטימטע זאַך האָט ער זיך ניט געקענט דערטראַכטן, ער האָט דערפילט אַז עס קוועלט אין אים עפּעס, וואָס פריער האָט ער עס ניט געפילט. עס גליט אין אים אַן אהבת ישראל, פאַר אָט די פאַרהאַרעוועטע אין טעגלעכן יאָך־פאַרשמייעטע יידן האָט ער געוואָלט עפּעס טאָן. נאָר ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז צום שווער איז געקומען אַן אורח, וועגן מסחר. פנחס האָט באַמערקט בעת׳ן דאַווענען אין בית־מדרש, אַז דער אורח דאַווענט גאָר אַנדערש. ער האָט ניט אָפּגעכאַפּט די תפילות ווי אַ געוואוינהייט, נאָר האָט זיי געזאָגט מיט גרויס התלהבות און כוונה. ער האָט זיך שטאַרק פאַרדביקה׳ט אין דאַווענען, ווי מיט זיין תפילה וואָלט ער זיך אויסטענה׳ן מיטן רבונו־של־עולם.

נאָכן דאַווענען האָט פנחס זיך צערעדט מיט אים.

דער אורח האָט אים דערציילט, אַז זיין רבי האָט אַמאָל צו די חסידים געזאָגט, אַז ער האָט זיך אָפּגעלערנט יראת שמים פון אַ קונצן־מאַכער, וואָס טאַנצט אויף אַ שטריק. דער קונצן־מאַכער איז זיך מוסר נפש, שטעלט איין זיין לעבן פאַר עטלעכע קאָפּיקעס, אָבער ווען ער גייט אויפן שטריק, ווענדט ער דערויף אָן אַלע זיינע געדאַנקען, און אויב ער וועט נאָר בלויז אויף אַ קורצע ווײַלע מסיח־דעת זיין, וועט ער אַראָפּפאַלן און געניזוק׳ט ווערן. אויך ביי מלאכת־שמים, האָט דער רבי געזאָגט, ווען עס קומט צו דאַווענען, דאַרף מען אויך טאָן אַזוי. כאָטש מ׳באַקומט אַ שכר פאַר דעם, טאָר מען ניט, בעת־מעשה, איינ־זינען האָבן עפּעס אַנדערש...

פנחס האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון אורח. ער האָט דערהערט נייע ווערטער, וואָס האָבן געהיילט זיין נשמה. און ער האָט געפרעגט.

— ווער קומט צום רבי׳ן? וואָס דאַרף מען זיין אַריינגענומען צו ווערן אין רבי׳נס חברותא?

— יעדער איינער קען קומען, האָט דער אורח געענטפערט. אונד־זער רבי טייטשט „והויתם לי סגולה", הקב״ה פאַרלאַנגט פון די יידן, אַז זיי זאָלן זיין ווי אַ „סגל" אויף וועלכע זייט מען זאָל אים ניט איבערדרייען, בלייבט ער שטענדיק אַ סגל. מען דאַרף שטענדיק זיין אַ פשוט׳ער ייד. און נאָך זאָגט אונדזער רבי, אַז אַ „יוד" דאַרף זיך נישט האַלטן גרויס, ווייל אַז ווען ער איז אַ בעל־גאווה און ציט זיך אויס, ווערט ער אויס „יוד" ער ווערט שוין אַ „וואָוו".

די דאָזיקע רייד האָבן דערוועקט גרויס חשק ביי פנחס׳ן צו זען דעם רבי׳ן. צו זיין נאָענט צו אים.

פנחס האָט, מיט זיין יונגער אָפנהאַרציקייט, דערציילט וועגן זיינע רעיונות, וואָס האָבן אים לעצטנס געמאַטערט. און דער אורח האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל פאָרן אין שטאָט מעלעץ, צום הייליקן רבי׳ן, וועט ער דאָרטן זען דעם נייעם דרך אין יידישקייט, וואָס דער רבי האָט איינגעפירט. דער רבי וועט באַקערן און באַרואיקן זיין נשמה.

דער אורח האָט אים אויך דערציילט, אַז זיין רבי זאָגט „תורה", זענען עס דברים היוצאים מן הלב, רעדט ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט, ווען ער איז בבחינת התפשטות הגשמיות, און ער פילט אַז ער שוועבט אַרום אין די עולמות העליונים. און אַזוי איז אויך אונד־זער דאַווענען. וואָרום עס שטייט דאָך געשריבן: „הללויה, שירו לד׳ שיר חדש, תהילתו בקהל חסידים", זינגט צו גאָט, אַ ניי געזאַנג, זיין לויב אין דער געמיינדע פון חסידים. ניי — מיינט מען טאַקע מיט אַ נייער נשמה.

דער אורח איז אַוועקגעפאָרן און איבערגעלאָזט אין פנחס׳עס האַרץ אַן אומרו און באַגער צו זען דעם רבי׳ן. און טאָג און נאַכט האָט ער געטראַכט פון דעם. אָבער ווי לאָזט מען איבער מרים׳ען, זיין ווייב, וואָס איז ערשט פאַרגאַנגען אין טראָגן? און וואָס וועט זאָגן דער שווער?...

האָט פנחס דעם אומרו געשטיקט אין זיך. נאָר מרים האָט באַלד באַמערקט, אַז איר מאַן איז עפּעס צעטראָגן און אומצופרידן, און אַז ער איז עפּעס געוואָרן אַנדערש, האָט מרים אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— וואָס איז מיט דיר, פנחס? עפּעס ביזטו ניט מיט אַלעמען. פעלט דיר וואָס?

פנחס האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך אויפגעעפנט זיין האַרץ פאַר איר.

— איך וואָלט געוואָלט פאָרן צום רבי'ן אויף עטלעכע וואָכן. ס'איז מיר ענג דאָ...

פּנחס האָט באַמערקט ווי טרערן זאַמלען זיך אין די ווינקלען פון אירע אויגן, האָט ער אָפּגעהאַקט.

ס'האָט מרים'ען וויי געטאָן, נאָר זי האָט באַלד אויסגעווישט די טרערן.

— נו, איך וועל דיך ניט פאַרהאַלטן — האָט זי געזאָגט און פּרו־בירט שמייכלען — דו ווייסט מסתמא בעסער פון מיר — און זי האָט צוגעבויגן איר קאָפּ צו אים.

ער האָט איר אָ קוש געטאָן אין שטערן פאַר דאַנקבאַרקייט. אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן. איצט האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג.

אביגדור'ן איז די נסיעה אויך ניט געווען צום האַרצן, אָבער ער האָט ניט דערווידערט. ער האָט געטראַכט: זאָל ער זיך דורכפאָרן, זיין צווישן מענטשן. ער האָט געוואָלט געבן אים אַ בעל־עגלה מיט פערד און וואָגן פון זיין אייגענעם שטאַל. זאָל ער פאָרן ווי עס פּאַסט זיך פאַר אביגדור'ס איידעם. נאָר פּנחס האָט דווקא געוואָלט גיין צופוס, ווי אַנדערע וואַנדערער. ער האָט געוואָלט עולה רגל זיין צום רבי'ן, אַזוי ווי אַנדערע האָבן געטאָן. האָט ער בלויז מסכים געווען, מען זאָל אים צופירן ביז צום שליאַך.

מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע האָט פּנחס זיך געלאָזן אין וועג אַריין צו דער שטאָט מעלעץ.

עס איז געווען באַלד נאָך שבועות. דער גאַנצער אַרום האָט פאַר־כאַפּט דאָס אויג מיטן גרינעם פּראַכט פון זומער. די פאַרבן פון גרין האָבן זיך געמיניעט אין פאַרשידענע גראַדן, פון ליכטיק־גרין — אויף די יונג אויפגעגאַנגענע פעלדער, גרינע לאַנקעס באַשפּריצט מיט בלי־מעלעך פון פאַרשידענע קאָלירן, ביז טונקל גרינעם געדיכטן וואַלד.

די זון האָט געוואַרעמט מחיה'דיק. אָבער קיין מענטשן אויפן שליאַך האָט מען כמעט ווי ניט געזען. אַמאָל, אַמאָל פלעגט אַדורכפאָרן אַ פויערל, איילנדיק אין פעלד צו דער אַרבעט.

האָט פּנחס אַזאַ איינעם באַגעגנט, האָט ער אים געגריסט: „גאָט העלף!" און דער פויער האָט זיך וואָרעם אָפּגערופן. און פּנחס איז זיך ווייטער געגאַנגען, אַנקוועלנדיק פון גאָטס שיינער וועלט.

ווען די זון האָט זיך גענומען בויגן צום מערב, האָט ער זיך אין אַ וועלדל געשטעלט דאַווענען מנחה. און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דיביימער אַרום זינגען מיט, מיט זיין האַרץ, אַ שבח צום רבונו־של־

עולם, און אַז זיין תפילה, וואָס איז געקומען פון טיפן האַרצן, גרייכט די הימלען.

פאַרנאַכט צו איז פּנחס אָנגעקומען אין דער ערשטער קרעטשמע. ער האָט שוין דאָ געפונען אַ סך יידן, אייניקע מיט זייערע פורן און אַזוינע, וואָס זענען, ווי ער, געגאַנגען צופוס. מען האָט זיך צערעדט:

— פונוואַנעט אַ ייד? וואוהין גייט מען?

— צום רבי׳ן, אין מעלעץ, האָבן אייניקע געזאָגט. אַנדערע זענען געגאַנגען אין אַנדערע שטעט.

און גאָר אינגיכן האָט פּנחס אויסגעפונען, אַז ער האָט צווישן די וואַנדערער מיטגייער. איינעם אַ יונגערמאַן, אַ נידעריקער, אַ ברייטער, פון פּאָסטאָוו. און נאָך איינעם, אַ יידן אין די מיטעלע יאָרן פון לאַד־יעוווסק.

באַלד ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט פּנחס געהייסן געבן עסן און בראָנפן. האָט פאַרבעטן צום טיש זיינע מיטגייער. און ווי נאָר מען האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך, האָט ער זיך דערפילט היימיש צווישן די מענטשן, ווי ער וואָלט זיי שוין געקענט פון לאַנג.

איינער אַ ייד, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, נאָר מיט אויגן טיף־שוואַרצע, האָט געטרונקען לחיים צו די אַרומיקע און נאָכגעזאָגט אַ גוט וואָרט פון זיין רבי׳ן.

„אונדזער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט — אַז ווען חסידים און אנשי־מעשה קומען זיך צענויף, טרינקען צוזאַמען יי״ש און זיי ווינטשן איינער דעם אַנדערן ׳לחיים׳, איז עס אַ גוטע סגולה צו פרנסה, ווייל ווען מען נעמט אַוועק די צוויי ׳יודן׳ פון ׳לחיים׳ בלייבט ׳לחם׳ — ברויט״.

און דער אורח האָט אויסגעלאָזט: „נו, לחיים יידן, זאָל טאַקע זיין פרנסה אין אַלע יידישע שטובן״.

— לחיים! לחיים! האָבן די איבעריקע אָפּגעענטפערט און גענומען צו גלעזלעך בראָנפן. און איינער, אַ ייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט ביים פאַרענדיקן דאָס גלעזל בראָנפן, געזאָגט:

„איך האָב אַמאָל געהערט פון אונדזער רבי׳ן, זאָל לעבן, זאָגן: ווען צוויי „יודן״ שטייען גלייך — דאָרט איז גאָט!״, געמיינט האָט אונדזער רבי, אַז אין סידור׳ל שטייט, אָנשטאָט דעם הייליקן שם, בלויז צוויי יוד׳ן... הייסט־זשע ווען בלויז צוויי יידן זענען צוזאַמען איז פאַראַן גאָט צווישן זיי, וועד רעדט נאָך ווען יידן קומען זיך צונויף פון פאַרשידענע מקומות, טרינקען אַביסל משקה, זאָגן נאָך אַ וואָרט תורה

פונם הייליקן רבי׳ן און גייען טאַקע צופוס צום רבי׳ן, רוט דאָך זיכער די שכינה צווישן זיי!״.

— אַודאי, אַודאי! האָבן די חסידים אונטערגעהאַלטן און מען האָט גענומען צו נאָך גלעזלעך משקה.

פנחס איז לאַנג אויפגעווען מיט די חסידים, וואָס זענען געגאַנגען צום רבי׳ן, ער האָט געהערט דערציילן מופתים פון בעש״ט און פון אַנדערע צדיקים און אַ מידער פון שפּאַנען צו פוס, איז ער שפּעט ביינאַכט געגאַנגען שלאָפן.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מיטן ערשטן אַריינשפּראָץ פון טאָג. האָט אָפּגעדאַוונט מיט אַ מנין, טאַקע דאָ אין קרעטשמע. האָט איבערגעביסן און געוואַרט אויף זיינע מיטגייער, צו לאָזן זיך אין ווייטערן וועג. דערוויל האָט ער זיך געזעצט צום טיש, וואו אַ הייפל יידן זענען געזעסן.

האָט איינער, אַן עלטערער ייד, מיט אַ ווייס־צעקעמטער באָרד, מיט אַ הויכן שטערן און פאַרטראַכטע אויגן, גערעדט:

— אונדזער צדיק! אה... עפּעס אַ קלייניקייט וואָס ער קען אויפטאָן. אָט האָט איר אַ מעשה, וואָס האָט זיך ניט לאַנג פאַרלאָפן. איר מעגט עס טאַקע הערן! און רואיק, געלאַסן האָט ער אָנגעהויבן:

— געווען אַ רייכער מאַן. האָט געטאָן גרויסע געשעפטן. האָט ער געמוזט צוליב מסחר פאַרברענגען אינדערפרעמד לאַנגע חדשים. און געווען איז ער ניט צו פרום. ניט אָפּגעהיטן פון אַן עבירה. פון האָבן אמונה אין אַ צדיק, איז דאָך אָפּגערעדט.

דאַגעגן אָבער, איז זיין ווייב, רייזל, געווען אַ הייסע חסידות׳טע פון אונדזער צדיק, און זי פלעגט אָפט אַליין קומען צו אים. זי איז געווען, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַן עקרה, האָט זי יעדעס מאָל געבעטן דעם רבי׳ן ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין, זי זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ „זרע של קימא״.

דער רבי האָט איר געענטפערט, אַז ער קען איר ניט העלפן, סיידן זי וועט ברענגען דעם מאַן מיט זיך.

— אָבער רבי, הייליקער! ער וועט מיך ניט פאָלגן. ער וועט ניט קומען.

— פאָר אַהיים. און ווען דיין מאַן וועט צוריק קומען פון זיין נסיעה, זאָלסטו אים זאָגן, אַז איך, דיין רבי, האָב באַפוילן, אַז אויב ער וויל האָבן אַ בן־זכר, זאָל ער תיכף קומען מיט דיר. און טאָמער וועט ער ניט וועלן, זאָלסטו אים געבן אַ סימן, אַז פאַראַכטאָגן מיטוואָך, האָט

ער אָפּגעטאָן אַ האַרבע עבירה. און ער וועט קומען, אַוודאי וועט ער קומען!

און אַזוי איז טאַקע געווען. קוים איז איר מאַן געקומען צופאָרן, האָט זיך רייזל דערפרייט און ווי אַ כשר, יידיש ווייב אים אויפגענומען. און זי האָט אים איבערגעגעבן דעם רבי׳נס ווערטער, אַז ער זאָל קומען צו אים מיט איר און זיי וועלן געהאָלפן ווערן. זי וועט האָבן אַ קינד.

האָט דער מאַן, אירער, אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן פון איר און פון איר רבי׳ן: „עט, זאַבאַבאָנעס! איך וועל צום רבי׳ן ניט פאָרן".

האָט דאָס איר געערגערט און זי האָט זיך צעוויינט. זי האָט דער־ציילט: אַז דער רבי ווייסט, אַז ער איז פאַראַכטאָגן מיטוואָך באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה, און זי קומט אָפּ פאַר זיינע זינד.

דערהערט אירע ווערטער, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. פונ־וואַנעט ווייסט עס דער רבי? האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז קיינער ווייסט ניט פון דעם ענין.

ער האָט אַ קוק געטאָן צו זיין ווייב און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. און ער האָט צוגעזאָגט צו פאָרן צום רבי׳ן.

געקומען איז דער סוחר מיט זיין רייזלען צום רבי׳ן אויף שבת, פּרשת, „עקב". מען האָט אים אויפגענומען מיט כבוד. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ כהן, האָט דער רבי באַפוילן מען זאָל אים געבן די ערשטע עליה. דער רבי אַליין איז געווען דער בעל־קריאה. געקומען צום פּסוק: „ברוך תהיה מכל העמים. לא יהיה בך עקר ועקרה" — האָט דער רבי איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער צוויי מאָל.

שבת ביים טיש האָט דער רבי אים געגעבן שיריים רויג פון די פיש און ביים טרינקען לחיים האָט דער רבי אים געזאָגט: „חרטה אויף אַ חטא איז אַ גרויסע זאַך. בלויז מיט איין ערלעכן קרעכץ קאָן מען תשובה טאָן".

און מוצאי־שבת ביינאַכט, ביים פּראָווען, ווען דער סוחר האָט אַוועקגעלייגט דאָס קוויטל פאַרן רבי׳ן אויפן טיש, האָט דער רבי אים געוואונטשן: „פּאַר אַהיים. לחיים־ולשלום. דיין ווייב וועט, מיט השם יתברך׳ס הילף, געבוירן אַ בן־זכר".

און כך־הוה. אַזוי איז טאַקע געווען. צו דער צייט, האָט רייזל, זיין ווייב, געבוירן אַ זון.

די גאַנצע צייט איז פּנחס און די אַנדערע צוהערער געזעסן פאַר־כאַפּט פון דער מעשה. ס׳איז ניט געווען אַזוי די מעשה אַליין, ווי דער אופן פון דערציילן. ניט נאָר ער, נאָר אויך די איבעריקע זענען גע־

זעסן פאַרגאַפּט און באַוואונדערט דעם רבי׳נס רוח־הקודש און זיין כוח, ווי מען רעכנט זיך אין הימל מיט זיין ברכה.

אַ ווײַלע זענען די אַרומיקע געבליבן שטיל. דער חסיד, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט זיין מעשה דערציילן, האָט אַרויסגענומען אַ טאַבעק־פּושקעלע, האָט פאַרקוועטשט צווישן די פינגער אַ היפּשע פאַרציע און עס צוגעטראָגן צום נאָז.

אַ יונגער חסיד, וואָס איז געזעסן ביים עק טיש, האָט אַ הויב געטאָן זיין האַנט, און האָט אָנגעהויבן.

— אמונה איז אַ גרויסע זאַך. אָט וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט אונדזער הייליקן רבי׳ן.

— אַ סך פון אונדז האָבן געהערט וועגן ישראל דעם רעזשווינעצער, דעם גביר און בעל־נדבן. איז ער געקומען צו זיין מעמד פון אַ גרויסן וואַלד סוחר טאַקע דורך זיין טיפע אמונה אין אונדזער צדיק. וואָרום עס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז „צדיק גוזר, והקדוש־ברוך־הוא מקיים". איז די מעשה מיט ישראל׳ן אַזוי געווען: — ער האָט זיך מפרנס געווען פון פאַכטעריי. כל ימיו איז ער געווען אַ ייד, אַן אביון. די משפחה איז געווען גרויס און עס האָט ניט געסטייעט אויף אַ שוך, אַ בגד. און אַמאָל האָט מען אַפילו אונטערגעהונגערט. האָט זיך ישראל איינמאָל באַקלאָגט פאַרן רבי׳ן, זאָל לעבן, אויף זיין ביטערן מעמד.

האָט אים דער רבי זייער גוט אויסגעהערט, האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט: „פאַר דיר וואָלט געווען דער איינציקער תכלית, דו זאָלסט זיך צושלאָגן צו אַ שטיקל וואַלד".

האָט ישראל רעזשווינעצער אָנגענומען דעם רבי׳נס ווערטער, אַז די ישועה וועט קומען פון וואַלד־מסחר. אַי, ווי אַזוי ?, אַז ער האָט דאָך ניט קיין פּרוטה ? אַזאַ שאלה עגבערט בכלל ניט אַן אמת׳ן חסיד׳ס מוח. מען דאַרף האָבן אמונה און בטחון, ס׳וועט קומען, ס׳וועט קומען.

און ס׳איז געקומען. אמת, ניט אַזוי גיך, אָבער פאַרט.

עס זענען אַוועק יאָרן. ישראל איז געוואָרן אַ מטופּל מיט קינדער. געוואָרן אַ גרעסערער באַדאַרפער און צוגלייך אַ גרעסערער קבצן. די אָרעמקייט אין הויז איז געווען אין־לשער, ניט אויסצוהאַלטן. ער האָט איינמאָל געמוזט פאַרזעצן די מעשענע לייכטער, צו באַצאָלן דעם מלמד, וואָס האָט געדאַרפט אויף יום־טוב פאַרן אַהיים.

— ויהי היום ! עס האָט זיך געטראָפן, ישראל האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ פּריצ׳טע פון דעם געגנט האָט אויסגעשריבן אַ ליציטאַציע אויף איר וואַלד. האָט ער באַשלאָסן ער׳ט גיין צו דער וואַלד־ליציטאַציע.

— רחל — האָט ער געזאָגט צו דער ווייב, — איך דאַרף פאָרן אין קרייז צו אַ וואַלד־ליציטאַציע. גרייט מיר צו צידה־לדרך.

— צו אַ וואַלד־ליציטאַציע? — האָט רחל אויפגעהויבן די אויגן צו אים פון נייגעריקייט — וואָס פאַר אַ ליציטאַציע? רעדסט עפּעס מאָדנע רייד. מיט וואָס וועסטו פאָרן אויף דער ליציטאַציע, אַז דו האָסט ניט, אַפילו, קיין געלט אויף הוצאות?

— רחל'ע, מיין טייערע! צי ווילסטו מיך אָוועקשטויסן פון מיין פינטעלע אמונה? ווייסטו דען ניט, אַז דער רבי האָט מיר געזאָגט, נאָך מיט יאָרן צוריק, אַז דער איינציקער תכלית פאַר מיר איז צוצושלאָגן זיך צו אַ שטיקל וואַלד. און אַזוי ווי איצט איז שוין באו מים עד נפש, איז שוין די העכסטע צייט דעם רבי'נס ווערטער זאָלן מקוים ווערן. איך גיי אויף דער ליציטאַציע מיט ליידיקע קעשענעס, אָבער פול מיט אמונה אין דעם צדיק'ס הבטחה.

אין קרייז האָט געוואוינט אַ ייד, אַ וואַלד סוחר, וואָס פלעגט מאַכן אַלע גרויסע וואַלד־מסחרים. קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקענט פאַרמעסטן. קוים האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דער פריצ'טעס ליציטאַציע, האָט ער אָפּגעקויפט די קלענערע סוחרים מיט צוזאָגונגען, אַז ער וועט זיי פאַרגיטיקן, אַזוי איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דער איינציקער קויפער.

ישראל איז געגאַנגען צופוס. דעם סוחר'ס קאַרעטע איז אים פאַרבייגעפאָרן. ישראל האָט דערזען די צופרידנקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פנים. „אַלץ איז צוגעגרייט. ער וועט נעמען דעם וואַלד", האָט זיך דער סוחר געטראַכט. שווער איז געוואָרן ישראל'ן אויפן האַרצן. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ רגע, און ווידער איז ער געווען פול מיט בטחון.

די קאַרעטע איז פאַרשוואונדן, און ישראל איז זיך געגאַנגען זיין וועג. פלוצים הערט ער פון דערווייטנס אַ טראַך!!!... ווען ישראל איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער דערזען, ווי דער סוחר ליגט אויף דער ערד און קען זיך ניט אויפהויבן.

ווען ישראל איז אָנגעקומען צו דער ליציטאַציע איז ער געווען דער איינציקער סוחר. ער האָט נושא־חן געווען ביי דער פריצ'טע און אָפּגעקויפט דעם וואַלד. געפועלט ביי איר, אַז די צאָלונגען זאָלן געמאַכט ווערן צום סוף פון קוואַרטאַל. פון דעמאָלט אָן איז ישראל באַקאַנט געוואָרן אַלס וואַלד־סוחר אין דעם גאַנצן קאַנט און איז געוואָרן אַ גרויסער עושר.

די ניסים׳דיקע רייד וועגן ישראל׳ן האָט ניט איינעם, וואָס איז דאָ געזעסן ביים טיש אָנגעפילט מיט אמונה אינם צדיק׳ס כוח. עס האָט זיך געוואָלט זיצן און הערן נאָך און נאָך אַזעלכע חסיד׳ישע מעשה׳־לעך. נאָר פנחס האָט אַ קוק געטאָן אין דרויסן. די זון איז שוין גע־שטאַנען הויך. באַלד האַלבער טאָג שוין אַוועק. און ער האָט זיך אויפ־געהויבן. צייט צו לאָזן זיך אין וועג.

אויך אַנדערע האָבן זיך אויפגעהויבן און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג צום רבי׳ן.

אין דרויסן האָט פנחס׳ן באַגעגנט אַ פריש ווינטל, וואָס האָט געטראָגן די דופטן פון דעם סאָסנאָוועץ וואַלד. דער וועג איז געווען אַ גלייכער און אַ שאָטנדיקער, צווישן צוויי ווענט פון הויכע ביימער.

דאָ און דאָרט האָט די זון דורכגעוואָרפן בונטן ליכט דורך די צווייגן. אָנגעווייעט פון די ערשט געהערטע מעשה׳לעך, האָט פנחס געפילט אַ מאָדנע וואַכקייט און אַ וואַרעמקייט אין האַרצן. ס׳איז אים געווען לייכט צו שפּאַנען און אויך פריידיק, ווי אָט די גאַנצע זומער־דיק־גרינע וועלט, מיט איר פרישקייט, מיט די בונטע בלימעלעך צווישן די קזשאַקעס, מיטן בלויען הימל איבערן קאָפּ, ווי אָט דאָס אַלץ האָט גאָט פאַר אים באַשאַפן. פאַרוואָס־זשע האָט ער עס פריער ניט געזען? און עס האָבן זיך איצט אין אים געוועקט פאַרלאַנגען, אַרויסגערופן פון דער ניט אויסגעלעבטער יוגנט. ס׳האָט זיך אים געוואָלט אַ שטיפ־טאָן. לויפן אין געוועט, אָדער עפּעס אַנדערש. ער האָט אַליין ניט פאַר־שטאַנען, פונוואַנעט עס קומען צו אים אַזעלכע שקאָצעוואַטע פאַרלאַנגען. ער האָט דאָך עס שטענדיק באַטראַכט מיט ביטול.

ער האָט אַ קוק געטאָן צו זיינע מיטגייער, דעם לאַדיעוועסקער און דעם פּאָסטאָווער. געוואָלט אויך ביי זיי געפינען די זעלבע פרייד. אָבער ביידע זענען געגאַנגען ערנסטע, פאַרטראַכטע אין מחשבות׳ן. צי דען זעען זיי גאָרניט גאָט׳ס וועלט? פאַרוואָס רעדן זיי אַזוי ווייניק? האָט פנחס געטראַכט.

און אַזוי שווייגנדיק איז מען געגאַנגען, ביז זיי זענען אַרויס פון וואַלד.

איצט האָט זיך פאַר זיי געשפּרייט אָפענער פלאַך־לאַנד. אַ גרויסע אָזיערע, איינגעראָמט אין גרינע לאָנקעס אַרום, האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. און דער וואַסער האָט ממש געצויגן. מען זאָל זיך אין אים אָפּ־פרישן.

ווי צענויפגערעדט, איז מען צוגעקומען נאָענט צום ברעג און זיך

אָפּגעשטעלט. מען האָט אַראָפּגעוואָרפן די זעקלעך פון די פּלייצעס. זיך אויסגעטאָן און זיך געלאָזט אין וואַסער.

פּנחס האָט ניט געקענט שווימען. האָט ער זיך עטלעכע מאָל טובל געווען און געהאַלטן זיך ביים ברעג. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיינע מיטגייער.

דער עלטערער, אברהם לאַדיעווסקער, און דער יינגערער, שאַיע, פון פּאָסטאָוו, זענען געשוואומען מיט פּאַרנעם, פּרובירנדיק איבעריאָגן איינער דעם צווייטן. זייערע פּנים׳ער אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער זענען איצט געווען, ווי אָפּגעוואַשן פון זאָרג. די אויגן האָבן געשיינט מיט הנאה און יוגנטלעכן ברען, ווי זיי וואָלטן ביידע מיט יאָרן יינגער געוואָרן.

נאָכן באָדן זיך האָט מען איבערגעביסן פון דעם צידה־לדרך. עס איז געווען נחת־רוח׳דיק אויפן האַרצן. די דאגות האָבן זיך אָפּגערוקט, איז מען געלעגן אויפן גראָז דערפרישטע און דערמונטערטע און ס׳האָט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרצן.

דער ערשטער אָנצוהויבן איז געווען דער עלטערער, אברהם לאַדיעווסקער. ער האָט דערציילט:

— עך!... געווען אַמאָל צייטן, האָב איך ליב געהאַט דעם אָפּענעם פרייען דרויסן. יונג געווען... איצט דוכט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז געווען שוין זייער, זייער לאַנג צוריק. און ווי לאַנג איז עס?... אַוועק־געלאָפן די יאָרן. יע. איך דערמאָן זיך: געלעבט האָבן מיר אין אַ וואַלד. מיין פאָטער ז״ל איז געווען אַ „מענטש״ ביי מאיר־פייטל, דעם באַרימטן וואַלד־סוחר. און דאָרטן, אין וואַלד, האָב איך מיינע קינדער יאָרן פאַרבראַכט.

אָבער ווי לאַנג איז אַ יידיש אינגל אַ קינד. קוים פינף יאָר בין איך אַלט געווען, האָט מען מיך אָפּגעשיקט צו דער מומען אין אַ שטעטעלע, אַ העק. אָפּגעגעבן אין חדר. און פון דאָרטן, אין עטלעכע יאָר אַרום, אין אַ ישיבה.

פאַרשטייט זיך, כ׳האָב געגעסן טעג. אָפט צוגעהונגערט. אַמאָל האָט אויסגעפעלט אַ טאָג, האָט מען געפאַסט... אַך, ווי עס האָט זיך געבענקט אַהיים אין יענע הונגעריקע טעג... ווי עס האָט געצויגן צו דער מאַמען... אָבער וואָס האָט דאָס געהאָלפן, כ׳פלעג שלינגען די אייגענע סלינע און געלייגט זיך שלאָפן אַ הונגעריקער.

קיין מתמיד בין איך קיינמאָל ניט געווען. אַז דער קאָפּ איז גאָר געווען אין וואַלד, צי ביים טייך. נו, מילא, בין איך ניט געוואָרן קיין רב. וואָס אמת, איז אמת, אַז איך בין עלטער געוואָרן איז שוין מיר די

ישיבה געקראָכן פון האַלדז. כ׳בין אויסגעוואָקסן און דער טאַטע האָט איינגעזען, אַז קיין לערנער וועט פון מיר ניט זיין, אַז ס׳איז צייט צו טראַכטן צו טאָן אַ שידוך מיט מיר. האָט מען מיך פאַר׳קנס׳ט צו נחמיה דעם שענקערס טאָכטער, ניט ווייט פון לאַדיעווסק. פאַרזאָרגט מיך. געגעבן די שענק אין נדן אַריין.

און דאָ הויבן זיך אָן מיינע צרות. דער פּאַן האָט אַרויפגעלייגט מער רענטע. און די פּויערים אַרום מיר זענען אָרעם. טרינקען ווילן זיי, גיב זיי אויף באָרג. זיי וועלן אָפּצאָלן.

איך גיי אַריבער צום פּאַן. בעט איך פאַרלייכטערן די רענטע. „ס׳טראָגט ניט גענוג, ליכטיקער פּאַן... איך דאַרף מפרנס זיין שווער און שוויגער. אַ קינד דאַרף באַלד קומען...״

אַז ער הויבט זיך אויף פון זיין געזעס. די ברעמען אָנגעשופּעט. די אויגן פול מיט רציחה.

— וואָס ווילסטו, זשידזשע? איך זאָל דיין גאַנצן קאהאל אויס־האַלטן?

— אָבער פּריץ־לעבן, עס טראָגט דאָך ניט אַפילו אויף ברויט. און די רענטע איז צו הויך.

— אַזוי!!! ס׳טראָגט ניט! נו, וועל איך אָן אַנדערן איבערגעבן.

און ווי איך שטיי אַזוי אין געהאַקטע וואונדן, וואָרעם איך זע דאָך שוין, אַז אַלע מיינע האָפענונגען זענען צערונען געוואָרן, הער איך:

— פּשאָל, זשידזשע, פּשאָל!!!

איך שטיי אַ פאַרלאָרענער און קען זיך קיין ריר ניט טאָן, ערשט איך הער:

נעם אים, ליסאָק! נעם אים!!!

דער הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן צו מיר. האָט זיך איינגעביסן אין מיין הינטן... אָט אָ־דאָ טראָג איך נאָך דעם סימן עד היום. איך האָב פון ווייטיק אַ קוויטש געטאָן. און דער פּאַן איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ „כאַ־כאַ־כאַ!“, אַ לאַכן וואָס האָט מיך געבייטשט, נאָך ערגער ווי דעם הונטס ביס. זיין שפּאָט געלעכטער שטייט נאָך אין מיינע אויערן, און עס וועט מיך פאַר׳סמ׳ען מיין גאַנץ לעבן.

געקומען אַהיים. וואָס טוט מען איצט? ווי געפינט מען אַן אויסוועג? נו, איז געבליבן אַז מען מוז דעם בראָנפן צופּראַוען מיט וואַסער. וועט עס ניט קאָסטן אַזוי טייער, וועט מען ווי עס איז דורכקומען.

אָבער די פּויערים, זיי ווייסטו אַזוי גרינג ניט אָפּנאַרן. זיי רעדן: „עך, אַוורעמל! פאַלשעווויעסט! ס׳איז ניט די פריערדיקע האָרילקע“. און זיי סטראַשען זיי וועלן דערטראָגן וואו ס׳באַדאַרף צו זיין.

און דו פילסט די שנאה, מיט וועלכע זיי זאָגן עס. ס׳איז ניט קיין שפּאַס. און יעדער טאָג איז אָנגעלאָדן מיט אַ דער מורא, וואָס לאָזט דיך ניט רוען.

און אַט אַזוי זענען זיך געגאַנגען די יאָרן. קינדער זענען צוגעקומען. ס׳איז געוואָרן נאָך שווערער. מען דאַרף פּאַר זיי אַ בגד, אַ שוך. און דער פּאַן האַלט אין העכערן אַלע יאָר די רענטע. ביז ס׳איז געוואָרן ניט איבערצוטראָגן. „באו מים עד הנא״, האָט ער מיט האַנט באַוויזן ביים האַלדז. כ׳קען שוין מער ניט טראָגן. פאָרט מען צום רבי׳ן, צום הייליקן צדיק. ער וועט מיר אפשר געבן אַן עצה. ער קען מיט זיין חסד אויסבעטן פאַר מיר אַ גרינגער לעבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ ווײַלע זענען אַלע געבליבן שטיל. אברהם לאַדיעוווסקער׳ם צער האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען. פּנחס האָט שוין איצט ניט געזען דעם ליכטיקן טאָג אַרום אים און די שיינע לאַנדשאַפט. ערשט איצט האָט ער באַגריפן ווי שווער עס לעבט זיך דעם יידן אויפן דאָרף.

אומעטיק איז געוואָרן אויך שאַיע פון פּאָסטאַוו. זיין בליק איז געווען פאַרטראָגן. ער האָט געטראַכט. דערנאָך זיך אויפגעזעצט אויפן גראָז און אָנגעהויבן רעדן:

— שלעכטע צייטן. שווער געוואָרן צו לעבן ביי אונדז אין פּוילן. אַט האָסטו דערציילט, ווי שווער עס איז אין דאָרף. און אין די שטעט איז אפשר נאָך ערגער. דער פּויער איז פאַרביטערט, ווייל אים אַליין לעבט זיך שווער. דאָך, מיר דאַכט זיך, אַז ער איז ניט אַזוי פאַרביסן, ווי עס איז דער שטאָטישער מענטש, דער בעל־מלאכה. זאָל דער שטאָטישער מענטש דערזען, אַז אַ ייד האָט ברויט, וויל ער עס ביי אים פון מויל אַרויסרייסן. אָט דאָס טאַקע איז אונדזער אומגליק, ניט אויסצוהאַלטן. יעדן טאָג גיט דער מאַגיסטראַט אַרויס פאַראָרדענונגען, וואָס צילעווען אונדז, שטאָטישע יידן, ענג צו מאַכן דאָס לעבן, נאָר מען איז דאָך פאָרט יידן, קליגט מען זיך. אַ ברירה האָט מען? מיט מאַטערניש איז מיר אָנגעקומען זיך אָוועקצושטעלן מיט מיין בודע אין מאַרק. כ׳בין אַ שוסטער. שטיי איך מיט מיינע אויסאַרבייטונגען אין אַ ריי מיט לעדער געשעפטן.

כ׳האָב זיך מיר מיין וועג, ווי אַזוי מען קען צוציען אַ קונה. איך הענג אַרויס אַזעלכע שיין געמאַכטע שטיוועלעך און דאַמען־שיך. פּוץ זיי צו, אַזש זיי ציען ממש צו דעם קונה. און דאָס לייזעכץ איז געווען ניט שלעכט.

האָט דאָס אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן מיין שכן, פעטרושקעוויטש. ס׳טייטש!!! איך, אַ ייד, נעם אַוועק זיינע געשוואוירענע קויפער. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. כ׳האָב אים אויך ניט געשוויגן, וואָרום מיינע קינדער ווילן אויך עסן.

פעטרושקעוויטש האָט זיך געוואָרפן אויף מיר. ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג.

ס׳האָבן זיך אַריינגעמישט מיינע יידישע שכנים. געוואָלט אונדז פאַנאַנדערנעמען. האָבן די פּאָליאַקן געמיינט אַז זיי מישן זיך אַריין צווישן אונדז ביידן און זיי זענען אָנגעצונדן געוואָרן. באַלד איז גע־וואָרן אַ געפּילדער איבערן גאַנצן מאַרק. אַ געלויף: „מען שלאָגט אונדז, פּאָליאַקן, זשידעס, אַ טויט אויף זיי!״

ס׳איז געקומען די פּאָליציי. נאָר די בודע מיינע איז שוין געווען צעטראָגן אויף פּיצלעך. קיין סימן פון מיין אָנגעהאָרעוועטן פאַר־מעגן... געבליבן ווי אָפּגעברענט.

— אַך, ביטער איז מיר געווען, ברידער, ביטער, ניט אויסצוהאַלטן. און קיין אויסוועג איז ניטאָ. כ׳טרינק זיך אין מיין אייגענעם יאוש. ס׳איז שווער אויפן האַרצן און ענג... ענג. טראַכט איך: אַליין קען איך זיך ניט העלפן. מען מוז פאָרן צום הייליקן צדיק. ער וועט זען מיין פּיין. ער וועט ביי דעם רבונו־של־עולם אויסבעטן פאַר מיר אַ בעסערע דאָליע...

מיט אַ קלאַפּענדיקער האַרץ האָט זיך פּנחס צוגעהערט צו שאַיעס רעדן. ער האָט זיך געפילט קליין און שולדיק קעגן זיי. שולדיק וואָס אים לעבט זיך אָן דאגות. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פרעגן: „פאַרוואָס זענען די מענטשן פול מיט רשעות צו אונדז?״ „וואו ליגט דער שורש פון די אַלע צרות?״.

ווען זיי זענען פאַרנאַכט פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, האָט ער ניט געלאָזט אברהמ׳ען און שאַיע׳ן צאָלן. מיט וואַכער נייגעריקייט האָט ער זיך איצט צוגעקוקט צו די מענטשן און זיך צוגעהערט וואָס זיי דער־ציילן. ס׳זענען אין קרעטשמע געווען אַ סך אַנדערע וואַנדערער. אייניקע פון זיי זענען אויך געווען אויפן וועג צום רבי׳ן. יעדערער מיט זיין פּעקל צרות.

דער האָט צוויי דערוואַקסענע מוידן. צייט שוין זיי חתונה מאַכן און קיין נדן איז ניטאָ. ווי קען אַ טאַטע צוזען דעם צער פון זיינע טעכטער. גייט ער צופוס צום צדיק.

דער אַנדערער — ביי אים האַלטן זיך ניט קיין קינדער, רחמנא לצלן, שטאַרבן אויס יונגערהייט. ווער ווייס? אפשר אַ שטראָף פאַר

זיינע יוגנט־זינד. גייט ער צום צדיק ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין. ער קען שוין ניט צוזען דעם צער פון זיין פרוי. און ער וועט אויך געבן צדקה פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

געווען איז אויך, צווישן די אורחים, אַ יידענע, אַן אלמנה מיט אַ אינגעלע פון אַ יאָר פינף, וואָס האָט נאָך ניט גערעדט. זי פאָרט צום רבי׳ן, ער זאָל בענטשן איר קינד, ער זאָל געזונט ווערן. און זאָל באַקערן צו לערנען תורה.

וואָס נעענטער מען איז געקומען צו דער שטאָט מעלעץ, אַלץ מער האָט זיך פנחס אָנגעטראָפן אויף יידן, וואָס פאָרן אַהין און גאָרן צו זיין מיטן רבי׳ן און דערוואָרעמען זיך מיט זיין הייליקייט, ער זאָל זיי דער־הויבן אין זייער וואָכעדיקייט פון לעבן. געווען אויך אַזוינע, וואָס זענען שוין פריער געווען ביים רבי׳ן און זענען געהאָלפן געוואָרן. זיי האָבן דערציילט די נסים, וואָס ס׳האָט מיט זיי געטראָפן.

איינער, אַן אַרענדאַר, האָט דערציילט, ווי זיין פריץ פלעגט אים דערגיין די יאָרן. פלעגט זיך איזדעקעווען איבער אים, ניט אויסצוהאַלטן. איז ער געפאָרן צום צדיק.

דער רבי האָט אים געהייסן האָבן בטחון, אַז ער וועט קומען אַהיים, וועט זיין מצב ווערן בעסער. און כך הוה. ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים, איז שוין דער פריץ מער ניט געווען באַלעבאָס איבער אים. אַן אַנדערער פריץ האָט אָפּגעקויפט די מאַיאָנטקעס. און ער באַהאַנדלט אים זייער גוט. פאָרט ער איצט צום רבי׳ן, אים דערציילן פון דער ישועה, וואָס ס׳איז אויף אים געקומען.

פנחס האָט פאַר זיך געזען אַ שטראָם פון יידישע צרות, וואָס פלייצט און זוכט אַן אויסוועג. ווי אַזוי וועט דער רבי אויפהויבן די געמיטער פון די אַלע, וואָס זוכן הילף ביי אים? מיט יעדן טאָג איז דער חשק צו זען דעם צדיק געוואַקסן. און דאָס האַרץ איז פול געווען מיט דערוואַרטונג.

ענדלעך, נאָך דריי וואָכן אונטערוועגנס, איז פנחס אָנגעקומען אין מעלעץ.

נאָך וועליזש האָט די שטאָט מעלעץ אויסגעקוקט ווי אַ כרך. אַ לאַבירינט מיט געדרייטע שמאָלע געסלעך. די הויפּט גאַס מיט היל־צערנע הייזער, האָט אַפילו געהאַט עטלעכע מויערן און איז געווען ברוקירט.

דעם רבי׳נס הויף איז געווען אַ שטעטעלע פאַר זיך. אין אַ זייט זענען געשטאַנען אַ רייע געביידעס. געווען דאָ דעם רבי׳נס שטוב און אַ שטוב פאַר די מקורבים. אַ בית־המדרש, וואָס האָט געקענט

אַריינגעמען הונדערטער דאַוועגער, אַן אייגענע באָד, אַ גרויסע סוכה און אַנדערע בנינים מיט שטאַלן פאַר די פערד און אייגענע בהמות. הינטער דעם, גרינע פעלדער און ווייטער, אויפן האָריזאָנט, אַ וועלדל.

פנחס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אכסניה. האָט זיך אויסגערוט. איז געגאַנגען אין מרחץ, האָט זיך גוט טובל געווען און מיט אַ ריין האַרץ איז ער אַוועק צום רבי׳ן.

ער האָט געדאַוונט מיט אַ גרויסן עולם חסידים. דאָך האָט דער גבאי אים באַמערקט. איז צוגעקומען, זיך צערעדט: פונוואַנעט? ווער? און האָט אים דערנאָך אָפּגעגעבן כבוד צו זיין פונם רבי׳נס טיש זיצערס.

דערווייל האָט ער זיך צוגעקוקט צום עולם. כאָטש די מענטשן דאָ זענען געווען פון פאַרשידענע שטעט, שטעטלעך און דערפער. און פון אַלע עקן פון דער מדינה, דאָך איז געווען אַ היימישקייט און נאָענט־קייט צווישן זיי. מען האָט זיך צערעדט, ווי אַלטע באַקאַנטע, אויסדער־ציילט וועגן אַלע פּורעניות׳ן איז מען געוואָרן נאָך נעענטער. אונטער דער וואַרעמער לופט פון מענטש צו מענטש איז יעדערער געווען מער אויפגעלייגט. און מען האָט דאָ אָפט אַפילו אויך געשלאָסן שידוכים, אַזוי, אַז ווען פנחס האָט געטראָפן דעם יידן מיט די צוויי דער־וואַקסענע טעכטער, האָט ער אים כמעט ווי ניט דערקענט. גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער האָט אים, פנחס׳ן, דערציילט, אַז ער האָט דאָ געטראָפן אַ חסיד, וואָס איז, לא עליכם, אַן אלמן געוואָרן. געבליבן מיט פיר קליינע קינדערלעך, און ער האָפט אַז עס וועט זיין אַ שידוך מיט זיין עלטערע טאָכטער. ממש אַ גליק, וואָרעם דער ייד האָט פּרנסה און איז נאָך בכוח.

און נאָך עפּעס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ס׳האָט זיך דורכ־געריסן די געפּענטעטע פרייד, וואָס איז געווען באַגראָבן אונטער טויזנ־טער לאָוו׳ן. אָט די פרייד, וואָס מען איז אַ ייד און מען גייט אין די וועגן פון גאָט׳ס תורה. אָט די שמחה, וואָס ווערט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרשטופּט, ווייל מען לעבט צווישן גויים, וואָס פאַרשטייען אונדז ניט און אָפּטמאָל סמ׳ן זיי אָפּ אונדזער פרייד מיט זייער רשעות.

דאָ איז די שמחה געוואַקסן ביי יעדערן אינם האַרצן און זי האָט פאַרגיטיקט פאַר די שוועריקייטן, וואָס יעדערער האָט דורכגעמאַכט ביז ער איז אַהער, צום הייליקן רבי׳ן געקומען.

און אָט איז געקומען דער שבת. ווען פנחס איז געקומען פרייטיק צו נאַכט צום רבי׳נס טיש האָט ער שוין דאָרט געפונען אַ גרויסן עולם פון בכבוד׳יקע חסידים. מען האָט דאָ ניט געמאַכט קיין אונטער־שיד צווישן רייך און אָרעם. נייערט, דער גבאי האָט אויסגעזעצט די

חסידים און געלייגט מער אַכט אויף דעם, ווער ס׳איז געווען פון די אַלטע ישישים און די מער געהויבענע חסידים.

אַלע זענען געזעסן אין הייליקער דערוואַרטונג. די בליקן זענען אַלע רגע געגאַנגען צו דער טיר. און אינגיכן האָט ער זיך טאַקע באַוויזן, דער רבי, בכבודו ובעצמו, אָנגעטאָן אין ווייסע אַטלעסענע בגדים.

ער האָט געזאָגט מיט אַ שטיל קול: „גוט־שבת! גוט־שבת!״. און מיט אַ דין ציטערדיק קול אָנגעהויבן צו זאָגן „שלום־עליכם״ און געמאַכט קידוש.

דער גבאי האָט דערנאָך אַריינגעבראַכט וואַסער. דער רבי האָט זיך געוואַשן די הענט, געברומט אַ ניגונ׳דל, געמאַכט אַ „המוציא״ און געטיילט שטיקלעך המוציא׳ס צו די טיש־זיצערס.

דער בית־המדרש איז געווען פול מיט חסידים. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. און צווישן זיי אַלעמען האָט געהערשט אַ הייליקע שטילקייט.

מען האָט אַריינגעבראַכט פיש. דער רבי האָט עפּעס טועם געווען און געטיילט שירים צו די חסידים.

צווישן די מאכלים האָט דער רבי פאַרצויגן אַ ניגונ׳דל. שטיל האָט ער אָנגעהויבן. דערנאָך האָבן די טענער געצויגן דאָס האַרץ און געמאָנט. אינעם ניגון איז געווען דער גאַנצער יידישער וויטיק. דער גרויסער צער פון כנסת ישראל און די ענויים פון גלות־השכינה.

די וואַכע הערצער פון די חסידים זענען נאָך פילבאַרער געוואָרן, האָבן אויפגעציטערט, און, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס, אויפגעכאַפּט די טענער פון געזאַנג. די גופים האָבן געענטפערט דעם ציטער און האָבן זיך ריטמיש באַוואויגן צום טאַקט. עס איז געוואָרן וואַרעם און ווייך אויפן האַרצן. און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן. און עס האָט זיך יעדן אויסגעדוכט אַז די שכינה הקדושה שוועבט איצט אין חלל פון בית־המדרש.

די בליקן פון אַלעמען זענען איצט געווען געווענדט צום רבי׳ן. ער האָט געהאַלטן די אויגן עטוואָס צוגעמאַכט, דאָס פּנים פול מיט עלית־נשמה, ווי ער וואָלט זיך איצט צוגעהערט צום אָפּקלאַנג פון זיין ניגון, וואָס די מלאכים זינגען פאַרן כסא הכבוד. עס איז אַזוי גוט, אַזוי גוט...

דאָס זינגען האָט אויפגעהערט. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי אַלע וואָלטן איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין דערוואַרטונג פון עפּעס גרעסערס, העכערס.

דער רבי איז איצטער געזעסן אַ באַזאָכטער. האָט געהאַלטן זיין האַנט אויפן שטערן, ווי ער וואָלט מיט זיינע רעיונות געווען פאַרטראַגן וייט, וייט...

און דער רבי האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תורה.

ער האָט געצויגן די ווערטער שטיל, בנעימות׳דיק. די אויגן זענען געווען פאַרגלייזט. דאָס פּנים — ערנסט־בלייך. דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּסוק פון דער פּרשה פון דער וואָך. און זיין קול איז געשטיגן.

ער האָט אַריינגעפלאָכטן דעם מאמר חז״ל: „איזהו גבור, הכובש את יצרו״ יעדער איינער האָט זיך אַ באַזונדערן יצר. איינער האָט אַ פאַרלאַנג צו געלט, אַ צווייטער צו כבוד. מיינט מען „איזהו גבור?״ ווער איז דער גבור? „הכובש את יצרו״, אַז ער קען באַהערשן זיין אייגענעם יצר. דער וואָס דערקענט זיין אייגענער חולאת און איז זי גובר...

איטלעכער פון די חסידים איז געשטאַנען מלא פּחד, מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ און האָט געגלויבט, אַז דער רבי מיינט אים, אַז דער רבי ווייסט זיינע מחשבות׳ן.

און דער רבי האָט אויסגעלאָזט זיין תורה: „די עיקר גאולה וועט קומען דורך אחדות פון די בני ישראל. פּונקט אַזוי ווי דער חורבן בית המקדש איז געקומען דורך שנאת חינם, דאַרף מען דאָס מתקן זיין דורך אהבת חינם, אַז יעדער ייד זאָל ליב האָבן דעם צווייטן יידן בחינם — דעמאָלט וועט קומען די גאולה שלימה!...

„און ווייסט איר וואָס מיינט אהבת ישראל? דאָס מיינט, פילן מיט יענעם, ווי מיין רבי, זכותו יגן עלינו, האָט געזאָגט: ׳איך האָב מיך אָפּגעלערנט די מידה פון אהבת ישראל פון אַ פּויער, וואָס איז אַמאָל געזעסן מיט פּויערים אין אַ שענק און געטרונקען.

זאָגט דער פּויער צו אַ צווייטן פּויער: האָסט מיך ליב? ענטפערט יענער ׳זייער ליב׳ פרעגט ער אים ווייטער: ׳ווייסטו וואָס מיר פעלט?׳ ענטפערט יענער: ׳פונוואַנען זאָל איך וויסן וואָס דיר פעלט?׳, זאָגט דער פּויער: ׳טאָ זאָג ניט, אַז דו האָסט מיך ליב, אויב דו פילסט ניט וואָס מיר פעלט׳״.

„אהבת ישראל דאַרף זיין טאַקע צו פילן דעם גאַנצן צער פונם צווייטן אידן, און דורך אַזאַ אהבת־ישראל־בחינם וועט קומען די גאולה שלימה, במהרה בימינו, אמן!״.

דערנאָך איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן אַראָפּגערונען פון רבי׳נס שטערן אין זיין געדיכטער באָרד אַריין. און

אהרן יאַדוויגער, אַן אַלטער תושב ביים רבי׳ן, האָט אָנגעהויבן צו זינ־גען: „מה ידידות״.

פּנחס׳ן זענען דעם רבי׳נס ווערטער אַריין טיף אין האַרצן. זיי האָבן, דאַכט זיך, געוויזן אים אַ וועג אין לעבן. אָבער ער איז נאָך ניט קלאָר און זיכער געווען אין דעם.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, האָבן חסידים זיך געזעגנט מיטן רבי׳ן. און זענען זיך צעפאָרן. שאַיע פון פאָסטאָוו איז צוגעקומען צו פּנחס׳ן זיך געזעגענען.

— וואָס? דו פאָרסט שוין אַוועק? אַזוי גיך? — האָט פּנחס גע־פרעגט.

— נו, אַוודאי. אַז גאָט האָט געהאָלפן. ערב שבת, ביים געבן „שלום״ איז עס געשען. איך גיי אַריין צום רבי׳ן. דערצייל אים מיינע צרות. צעוויין זיך. ער קוקט אויף מיר און איך פיל אַז ער ליידט מיט מיר. אַזאַ אומעט אין זיינע אויגן. זיין בליק איז ערגעץ וויט פאַרטראָגן. ער שווייגט.

דערנאָך האָט ער זיין האַנט אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל. זיינע הייליקע אויגן קוקן אַריין אין מיינע פאַרלאָפענע אויגן און זיי באַ־רואיקן מיך. ער רעדט ווייך:

— פאַרליר ניט דעם בטחון. אין זכות פון בטחון זענען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. קלייב זיך אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט. משנה מקום, משנה מזל. אָבער איידער דו פאָרסט אַוועק, זע זיך מיט הערשל דעם לעדער־גאַרבער. דער גבאי וועט אייך שוין צוזאַמענפירן...

— ווען הערש דער גאַרבער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רבי וויל, איך זאָל אים זען, האָט ער אין דעם געזען אַן אצבע אלוקים, וואָרעם ער האָט שוין לאַנג געטראַכט צו עפענען אַ געשעפט פון פאַרטיקע שיך. און ער האָט אַלץ געזוכט אַ פאַסיקן מענטשן. איצט, אַז דער רבי האָט מיך צו אים געשיקט, איז אַ סימן, אַז מ׳וועט האָבן דעם רבי׳נס ברכה, אַז איך בין טאַקע דער פאַסיקער מענטש. פאָר איך אַהיים. איבעררעדן מיט מיין ווייב און דערנאָך זיך אַריבערקלייבן. נו, און דו? פאַרבלייבסט נאָך דאָ? אויף לאַנג? — האָט ער זיך צו פּנחס׳ן געווענדט.

— איך בין דאָך נאָר וואָס געקומען. וועל זיך דאָ אויפהאַלטן אַ שטיקל צייט.

— זיי געזונט. און ער האָט זיך וואָרעם געזעגנט מיט אים.

שאַיע איז אַוועקגעפאָרן און פּנחס האָט געטראַכט פון דעם מאָד־נעם צופאַל. אַוודאי איז בטחון אַ גרויסע זאַך. אָבער שאַיעס צרות זענען

דאָך געקומען פון מענטשלעכע רשעות. וואָלטן די גויים ניט צעראָבירט זיין בודע, מיט זיין פאַרמעגן, וואָלט ער אפשר ניט געפאָרן צום רבי׳ן. וואָלט ער אפשר ניט געפונען זיין איצטיקן גליק. ווער־זשע האָט דאָס אַלץ אַזוי אויסגעלייגט?

און ווידער איז פנחס געשטאַנען פאַר דעם פאַרוויקלטן סדר־העולם און זיינע סודות. ווער פירט מיטן גורל פונם מענטשן? פראַגן און ספיקות מאַטערן זיין מוח און קיין ענטפער אויף זיי איז ניטאָ.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן. פנחס איז געוואָרן אַ תושב ביים רבי׳ן ער האָט אַריינגעקוקט יעדן טאָג פאַרן דאַווענען, נאָכן פאַרענדיקן דעם שיעור גמרא, אין חסידישע ספרים. בין מנחה למעריב האָט ער זיך צוגעהערט צו חסידישע מעשיות, וואָס די אַלטע יושבים האָבן דערציילט פון בעש״ט און אַנדערע צדיקים און פון הייליקן רבי׳ן זאָל לעבן. פנחס האָט אין דעם אַלעמען געזוכט רמזים אויף זיינע מאַטערנ־דיקע געדאַנקען און ספיקות.

פנחס האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס ס׳קומט פאַר אַרום, און ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז די אַלע צרות אוןליידן, מיט וועלכע מען קומט צום רבי׳ן, קענען צעטיילט ווערן אין צוויי מינים. איינס ליגט אין דעם מענטשן אַליין. שלאַפקייטן פון זיין גוף און נשמה. חולאת׳ן און מומים, וואָס זענען אַ גאָט׳ס זאַך. אָט דעם מין, קען דער צדיק, מיט גאָט׳ס גנאַד, לינדערן. ער קען אויסבעטן אַ פאַרלייכטערונג, אַ רפואה שלימה.

גאַנץ אַנדערש זענען די צרות, וואָס קומען פון דער פרעמדער, גוי׳אישער וועלט, וועלכע זענען אַ פועל־יוצא פון אונדזער לעבן אין גלות. פאַרוואָס זענען די גויים אַזוי שלעכט צו אונדז? צוליב אונדזערע חטאים? אויף דעם האָט ער קיין ענטפער ניט געפונען און איז אַרומ־געגאַנגען אַ צעוויטיקטער.

ער פלעגט אַמאָל אַריין צום רבי׳ן אין זיין חדר־מיוחד, אָבער קיינמאָל ניט געוואָגט צו רעדן מיטן רבי׳ן וועגן דעם.

עס זענען אַוועק נאָך וואָכן אין נשמה־ראַנגלעניש. ער האָט זיך שוין געקליבן צו פאָרן אַהיים, און נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו געזעגענען זיך מיטן רבי׳ן, און פלוצלונג איז דער רבי אַמאָל אַריין אין בית־המדרש, וואו פנחס איז געשטאַנען, אַ פאַרטראַכטער איבערן שטענדער מיט אַן אָפענעם ספר. פנחס האָט אים דערזען און זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט: ווייסט אפשר דער רבי וואָס ער טראַכט?

דער רבי איז צוגעקומען. געלייגט זיין האַנט אויף פנחס׳עס אַקסל. די שוואַרצע, טיפע אויגן האָבן אַריינגעבליקט אין אים און פנחס׳ן

האָט זיך געדאַכט, אַז דער רבי זעט אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. דערנאָך האָט דער רבי זיך צוגעבויגן צום אָפענעם ספר און אַריינגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און גערעדט:

— איך זע דעם אומרו פון דיין נשמה, זון מיינער, זאָג מיר, וואָס דריקט דיך?

— רבי, הייליקער! איך זע די מענטשן, וואָס קומען אַהער צו אייך זוכן הילף. איך זע זייערע דאגות און עגמת־נפש׳ן, די צרות וואָס זיי שטייען זיך אויס, און איך זוך אין די הייליקע ספרים רמזים פון גאולה.

— ווילסט, הייסט עס, פאַרלויפן דעם רבונו־של־עולם דעם וועג? דוחק זיין דעם קץ?

— רבי, הייליקער! דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן צוקוקנדיק. כ׳וויל עפעס טאָן, העלפן.

— אוודאי דאַרף מען העלפן. מען דאַרף האָבן בטחון אַז אונדזערע צרות וועלן פאַראיבער און מען דאַרף העלפן דעם יחיד. טראָגן אים אַנטקעגן די ליבשאַפט, דאָס גוטע האַרץ. וואָרום וויסן זאָלסטו זיין מיין זון, אַז יעדער ייד איז פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. און אַז דו העלפסט איינעם, העלפסטו דעם כלל. און אויף דעם וועג זאָלסטו גיין. וואָרום, באמת, בלויז דער, וואָס זוכט דעם אמת מיטן ריינעם האַרץ. בלויז דער גרויסער מאמין, וואָס קען זיך אויסטאָן פון אייגענער גשמיות און באַהעפטן זיך מיטן אייבערשטן, איז ראוי דערצו.

דער רבי איז שטיל געוואָרן. זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען אָט ערשט פול געווען מיט לעבן זענען פאַרלאָשן געוואָרן און געקוקט איבער פּנחס׳ן אין דעם אומבאַשטימטן חלל אַריין. ער האָט שטיל געזאָגט:

— און איך ווער אַלט. און קען שוין מער ניט טראָגן אויף זיך. זיי קומען צו מיר מיט זייערע חולאת׳ן און שפלות הנפש און...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז געבליבן פאַרגליווערט.

פּנחס האָט געקוקט אויפן רבי׳ן. זיין האַרץ איז פול געווען מיט צער. ער האָט איצט געזען פאַר זיך אַן אַלטן, אויסגעמאַטערטן יידן. דער ברייטער שטערן, וואָס האָט זיך געצויגן אַרויף ביז דער יאַרמלקע, איז געווען צעקאַרבט. די פּלייצעס געבויגן, ווי די משא פון יידישע צרות וואָלטן זיי אַרונטערגעשלעפּט.

דער רבי האָט געעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל. זיינע אויגן האָבן ווידער אויפגעלויכטן מיט לעבן.

— נו, איך זע דאָך, אַז דו ווילסט פאָרן אַהיים. האָסט דאָך איבער־געלאָזן אַ ווייב. ווערסט אם־ירצה השם האָבן אַ זון, וועל איך קומען צום ברית.

דעם רבי׳נס ווערטער האָבן פנחס׳ן איבעררעשט. פונוואַנעט ווייסט דער רבי אַלע זיינע טראַכטונגען? פונוואַנעט ווייס ער אַז זיין מרים איז אויף דער צייט, און אַז אים ציט צו פאָרן אַהיים. דער רבי וועט קומען צופאָרן צום ברית. אַזאַ כבוד... אַזאַ כבוד. זיין האַרץ איז איבער־געפילט געוואָרן. און אַז דער רבי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, און גענומען זעגענען זיך מיט אים, האָבן זיך טרערן באַוויזן אין זיינע אויגן. איצט ווייס ער, אַז ניט אומזיסט האָט אים דאָס האַרץ געצויגן אַהער.

פאַרן אַרויסגיין האָט דער רבי צו אים געזאָגט:

— איך וויל דיר מיטגעבן צידה־לדרך: מיין רבי, זכותו יגן עלינו, האָט געטייטשט: „רבי היה מכבד עשירים", מיינט מען: רבי האָט אויסגעקערט די עשירים. ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיין הויז און פלעגט מקרב זיין אָרעמעלייט.

דער מענטש דאַרף שטענדיק מעיין זיין און באַטראַכטן זיינע מעשים, צי ער האָט זיך מיט עפּעס ניט פאַרזינדיקט. אַ גרויס אחריות׳־דיקייט ליגט אויף יעדן יידן. אַ טייערער נאָמען איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן צו היטן. און מען דאַרף אַכטונג געבן ער זאָל בלייבן אומ־באַפלעקט. ווייסטו פאַרוואָס מען רופט אַ בן־ישראל, „ייד"? מרמז צו זיין, אַז פונקט אַזוי ווי אַ „יוד" האָט אַ קליין און קורץ „פיסעלע" און אַז מען קראַצט עפּעס אָפּ פון דעם, בלייבט בלויז אַ פלעק, אַזוי אויך אַ ייד, ווען ער פאַרמינערט זיין יידישקייט, אַפילו מיט אַ קלייני־קייט, בלייבט אַ גרויסער פלעק.

פנחס איז געבליבן שטיין מיט פאַרגאַפטע אויגן. דעם רבי׳נס ווערטער זענען ווי קוועלענדיק וואַסער געפאַלן אויף זיין דורשטיקער נשמה. ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט געפרעגט:

— ווי ווייסט מען ווי אַזוי צו בלייבן אומבאַפלעקט?

— דורך אהבת־ישראל, ליב האָבן יעדן יידן, ווייל אַפילו צו פושעי־ישראל, וועלכע רופן זיך נאָר יידן, האָט השי״ת פון זיי גרויס פאַרגע־ניגן. מען דאַרף זיך באַמיען צו זוכן אַ זכות אין יעדער גוטער זאַך, וואָס מען קען נאָר אויסגעפינען ביי יידן, ווייל די יידן זענען די קרוין פון השי״ת. יאָ, — האָט דער רבי געקוקט פאַרטראַכט מיט זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן, — השי״ת האָט פאַרגעניגן פון יעדן ייד, אַפילו פון אַ גרויסן רשע. און אַז עמיצער רעדט לשון־הרע אויף אַ ייד, אַפילו ווען

ער זאָגט אמת, איז ער מבטל דעם תענוג פון השי״ת, און דורך אַזאַ אהבת־ישראל וועט קומען די גאולה שלימה.

נו, האָסטו צידה לדרך — האָט דער רבי אויסגעלאָזט — און פאַר לחיים ושלום אַהיים. און איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל קומען צום ברית...

אַן אַנדער פּנחס איז געפאָרן אַהיים. ער האָט איצט געהאַט פאַר זיך אַ ריכט־שנור, אַ וויזיע, וואָס צו טאָן מיט זיין לעבן. און דעם לעבן אַרום אים האָט ער איצט געזען טיפער.

אין שטוב האָט מען שוין לאַנג, מיט אומגעדולד, געוואַרט אויף זיין קומען. איצט, אַז פּנחס איז אַריין, איז די גאַנצע שטוב געוואָרן פול מיט פרייד. מרים איז אים אַנטקעגן געלאָפן. פּנחס האָט זי אַרומ־גענומען און האָט קוים געקענט צאַמען די אומגעזעטיקטע ליבשאַפט. ער האָט דערזען ווי זי איז פולער געוואָרן און זי האָט זיך אים אויס־געוויזן אַזוי שיין אין איר מוטערשאַפט.

מאַן און ווייב האָבן זיך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און פּנחס האָט געטראַכט: ניט אומזיסט האָט ער ניט געקענט געפינען אין די הייליקע ספרים די רמזים אויף דער גאולה. ער איז ניט זוכה צו דעם, וויל טיף אין אים איז געווען די בענקשאַפט צו דעם ווייב, און צו דער גשמיות׳דיקער תאווה.

אין שטעטל האָט מען דערנאָך ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם רבי׳נס גנאָד צו פּנחס׳ן. מען האָט דערציילט, אַז פּנחס האָט נושא חן געווען ביים רבי׳ן, און אַזוי ווי דער רבי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, האָט מען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער רבי וויל, אַז פּנחס זאָל ווערן זיין ממלא־מקום, אחר מאה ועשרים שנה. הגם קיינער האָט ניט געקענט זאָגן גענוי, פאַרוואָס גראָד פּנחס זאָל אויסגעקליבן ווערן, צווישן די הונדערטער חסידים פונם רבי׳ן און איבערגעגעבענע תלמידים, צו ווערן דער גייסטיקער מנהיג.

פּנחס האָט זיך איצט ניט אָפּגעגעבן מער אַזוי פיל מיט לערנען, נאָר האָט זיך געמאַכט זיין עובדה צו באַווייזן זיך אין די הייזער, וואו ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען נויטיקט זיך אין עפּעס. האָט ער אויס־געפונען, אַז עמיצער איז קראַנק, אָדער אַז ביי אַ פאַמיליע איז ניטאַ קיין מילך פאַר די קינדערלעך, פלעגט ער פונדערהיים ברענגען מילכיגס און געבעקס.

האָט אביגדור זיך געבייזערט:

— וואָס וויל ער, מיין איידעם! די גאַנצע שטאָט זאָל איך אָנ־קאָרמענען? ער וועט דאָך מיך בדיל־הדל שטעלן!

נאָר אין דער אמת׳ן איז אביגדור שטאָלץ געווען אויף אים, און איז געווען צופרידן, וואָס אויך ער האָט אַ חלק אין זיינע טואונגען. און ווען ס׳האָט געטראָפן, אַז ביי אַן אָרעמען שוסטער האָט זיין הויז אָפּגעברענט, איז פּנחס געגאַנגען מיט נאָך אַ באַלעבאָס און מען האָט צוזאַמענגעקליבן געלט, ער זאָל צוריק אויפבויען זיין שטיבל. איז דאָס געזאַמעלטע ניט געווען גענוג, האָט פּנחס גערעדט צו מרים׳ען:

— ס׳איז אַ גרויסע מצווה אַ משפּחה זאָל האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ס׳קומען באַלד אָן די רעגנס און די קעלטן, און דער שוסטער מיטן ווייב און קינדער ליגן אין אַ שטאַל. ער קען די שטוב ניט פאַר־ענדיקן בויען. עס פעלט אויס געלט. און דו האָסט צירונג... גיב מיר עפּעס פון דעם. גאָט וועט אונדז ממלא זיין.

און מרים האָט ניט דערווידערט. זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר אויערינגלעך און עס אים דערלאַנגט.

אַן אַנדערש מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אַ שענקער האָט ניט גע־האָט צו באַצאָלן די רענטע. האָט אים דער פּריץ פאַרנומען און פאַר־שפּאַרט אין אַ קעלער. געהאַלטן אים אויף ברויט און וואַסער. און אַז פּנחס האָט זיך פון דעם דערוואוסט האָט ער ניט גערוט, ביז ער האָט ניט צוזאַמענגעקליבן גענוג געלט. ער האָט עס געבראַכט צום פּריץ און ער האָט דעם ייד אויסגעלייזט.

און אַז דער שענקער האָט אים געוואָלט דאַנקען פאַר זיין גוטסקייט, האָט פּנחס עס אַוועקגעמאַכט:

— איך האָב בלויז מיין חוב געטאָן. פּדיון שבויים איז אַ גרויסע זאַך.

און וואָס מער פּנחס האָט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די פאַר־האָרעוועטע יידן, אַלץ מער האָט ער געזען זייער צער, געזען ווי זיי ציִען פון זיך די עצמות אַרויס צו דערהאַלטן די משפּחה און זיך און אַלץ מער איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין זייערע ליידן. און אַלץ מער האָט ער זיך דערמאָנט אינם רבי׳נס ווערטער אַז אהבת־ישראל מיינט פילן יענעמס צער, אַזוי ווי זיין אייגענעם.

אינמיטן ווינטער איז מרים געלעגן געוואָרן און געבוירן אַ זון.

דער גליקלעכער פאָטער האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַ שליח צום רבי׳ן און אים פאַרבעטן אויפן ברית.

דער רבי איז אָנגעקומען קיין וועליזש אין אַ ברייטן שליטן, מיט דריי פערד נאָכאַנאַנד. עס זענען מיטן רבי׳ן מיטגעפאָרן אַ סך חסידים און מקורבים. דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס, לעבן מאַרק. דער בעל־עגלה האָט געפרעגט אויף פּנחס׳עס הויז.

באַלד איז דאָס שטעטל געוואָרן אויפגעלעבט: „געהערט!? גע־הערט?! דער רבי אַליין, איז דאָך געקומען צום ברית!". און די חשיבות און הייליקייט פון פּנחס'ן איז דערהויבן געוואָרן. מיטאַמאָל האָט יעדער דערפילט, אַז זיי האָבן, מיט זיך, אין שטעטל ניט אַבי וועמען. און מיט דעם אַליין האָבן זיי זיך געפילט באַלוינט.

אביגדור האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי און געלט, אַז דער רבי זאָל אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד. אַ האַלבע טוצן קעכינס האָבן געגרייט די סעודה צום ברית. אויפן טיש איז געשטאַנען פון כל־טוב.

נאָכן ברית איז אביגדור'ס שטוב באַלאַגערט געוואָרן פון אומ־צאָליקע חסידים, וואָס האָבן זיך פון דער גאַנצער אומגעגנט אַ לאָז געטאָן צו זען דעם הייליקן רבי'ן. פּנחס איז די גאַנצע צייט געווען מיטן רבי'ן און מען האָט גערעדט, צווישן די חסידים, אַז ער איז ראוי צו פאַרנעמען דעם רבי'נס שטול אין וועליזש.

דער רבי איז אַוועקגעפאָרן און עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו פּנחס'ן פּראָסטע יידן, ווייבער, וואָס האָבן זיך צו אים געווענדעט, אַז ער זאָל זיי העלפן, געבן אַן עצה.

פּנחס האָט זיך געפילט קליין און ניט ראוי צו זיין דער שליח, וואָס זאָל פאַר די נויטן פון די יידן בעטן ביים רבונו של עולם. נאָר איינמאָל האָט זיך פּאַרלאָפן אַ מעשה, וואָס האָט געענדערט די גאַנצע לאַגע.

פּנחס איז געזעסן אין שול און געלערנט. די טיר האָט זיך ראַפּטום אָן עפן געטאָן, און ס'איז אַריינגעלאָפן שפרה, די מעל־קרעמערקע, זי האָט געבראַכן די הענט.

— אוי, ווי איז מיר! וויגד איז מיר!!! — האָט זי געיאָמערט. — מיין קינד, מיין איין און איינציק קינד, איז פאַרביי. דאָס קינד ברענט ווי אַ פייער. אוי, העלפט מיר, רבי פּנחס! העלפט מיר! לאָמיר עפענען דעם אָרון־קודש. זאָלן מיינע טרערן דערגיין ביז צום אויבערשטן. נאָר ער אַליין קען איר העלפן. שיקן אַ רפואה שלימה.

פּנחס איז אינגאַנצן דורכגענומען געוואָרן פון איר ווי. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם רבי'נס ווערטער, וואָס עס מיינט אהבת־ישראל. דער טיפער צער פון דער מוטער איז אויך געוואָרן זיין צער. און זיין האַרץ איז געווען געווענדעט צו דעם, וואָס איז באַרעמהאַרציק צו די דערשלאָגענע. ער איז צוגעקומען צום ארון־קודש. האָט אים געעפנט און איז צוגעפאַלן מיט זיין זעלישן געבעט:

„אָ, גאָט! פאַרנעם דאָס געבעט פון דער מוטער! שיק געזונט צו איר קינד!"

ער האָט גענומען זאָגן קאַפּיטלעך תהילים, מיט דער גאַנצער צע־בראָכנקייט פון זיין נשמה. און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ דער־לייכטערונג, ווי אַ שטראַל פון האָפענונג וואָלט אַריינגעלויכטן אין זיין צעוויטיקטער נשמה. און ער האָט דערפילט ווי צו טרייסטן די מוטער. האָט ער פאַרענדיקט די תפילה, האָט אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן און געזאָגט צו שפרה'ן:

„זייט געטרייסט! גייט אַהיים. גאָט וועט שיקן אַ רפואה צו אייער טאָכטער".

און אַזוי פיל זיכערקייט איז געווען אין זיין רעדן, אַז שפרה האָט זיך באַרואיקט און איז געגאַנגען אַהיים. און ווען זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי געפונען איר שרה'לען אין אַ טייך שווייס. די היץ איז גע־פאַלן. שרה'לע, וואָס איז פריער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיי געעפנט און צו דער מוטער אַ שמייכל געטאָן.

די מאַמע איז געפאַלן אויפן בעט און האָט זיך צעוויינט פון פרייד. ניט אַנדערש, ווי פּנחס'עס איינשטעלן זיך פאַר איר און זיין געבעט, האָבן גורם געווען אַז גאָט זאָל אירע טרערן פאַרנעמען און זאָל שיקן אַ רפואה צו איר איינציק קינד. און זי האָט וועגן דעם אַלעמען דער־ציילט.

„מיר וויסן דען, אין וועליזש, וואָס פאַר אַ זכות מיר האָבן? ער איז דאָך אַ הייליקער מאַן".

פון דעמאָלט אָן האָט מען אין שטעטל און אין די אַרומיקע דער־פער גערעדט פון פּנחס'ן, ווי פון אַ צדיק. און מען האָט פון ליבשאַפט, צי פון חשיבות, אים ניט אַנדערש גערופן, ווי דער „רבי ר' פּנחס'ל".

ס'האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אים יידן, פון נאָענט און פון ווייט, מיט זייערע צרות און ליידן. ס'זענען געקומען געבראָכענע און פּרנסה'לאָזע זוכן אָן עצה און הילף. און עס זענען געקומען צו אים סוחרים, בעטן ער זאָל געבן זיין ברכה אויף זייערע טואונגען אין מסחר.

וועליזש האָט אויפגעלעבט. די אכסניות זענען געווען שטענדיק פול מיט ניי־געקומענע. עס האָבן עס דערפילט אויך די קרעמער אין שטעטל און עס האָט זיך גוט אָפּגערופן אויף בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן איצט געקראָגן מער אַרבעט.

פּנחס'ן איז ניט גרינג געווען צו פאַרנעמען די אַלע בקשות. ער איז אַזוי דורכגענומען געוואָרן פון דעם כסדר'דיקן שטראָם פון יידישע צרות, אַז ער פלעגט צופאַלן מיט געבעט: „רבונו־של־עולם! פאָטער, האַרציקער! גיב מיר כוחות. אויב ניט דו, איז מאין יבוא עזרי? ווי קען איך אָוועקשיקן די מענטשן אָן אַ וואָרט פון דערלייכטערונג?"

און ווען ער האָט אַזוי, מיטן גאַנצן האַרצן, תפילה געטאָן, האָט ער דערפילט אין זיך נייע כוחות. און ווי די חושים וואָלטן אים שאַרפער געוואָרן האָט ער טיפער געזען און פאַרשטאַנען די מענטשן. זיין האַרץ איז געווען איין ברענענדיקער פייער מיט ליבע צו די מענטשן און זייער גראַנגל.

און ווען דער רבי, ר׳ פנחס׳ל, האָט זיך אַריינגעלעבט אין די ליידן פון אַזאַ יידן, אַ נצרך, און האָט אים גוט דורכגענומען מיט זיינע אויגן, פלעגט פון דער טיף קומען דער וואונטש און דער גלויבן, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן. און זיכער איז געווען זיין קול: „גאָט וועט העלפן". די ברכה האָט געמוטיקט.

און דער זעלבער ייד, וואָס האָט זיך פריער געוואָרפן ווי אַ פיש אָן וואַסער, וואָס האָט שוין מער קיין כוחות ניט געהאַט ווייטער אַנצוגיין, אָט דער זעלבער ייד, פלעגט, נאָך דעם רבי׳נס אויפמונטערונג, אָנגעפילט ווערן מיט מער כוחות, מיט נייעם בטחון, ניט אויפצוגעבן, און ער פלעגט אָנהויבן פונדאַסניי, מיט מער מזל.

דער שטראָם פון יידן וואָס פלעגן קומען צו אים נאָך הילף, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

על פי רוב זענען דאָס געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אַליין געהאַלטן קליין. האָבן ניט געקענט לערנען. זיי האָבן קוים פאַרשטאַנען די תפילות אין סידור, האָבן זיי געזוכט עמעצן, וואָס זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן. אַז אַזאַ איינער האָט זיך פאַרן רבי פאַרענטפערט: „מען האָט מיך ניט געלערנט", האָט אים דער רבי געמוטיקט:

דערנענטער זיך צו גאָט מיט דער ריינקייט פון דיין האַרץ. ער וועט זען דיין צער. ווייל עס שטייט אין פסוק: ׳קרוב ה׳ לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע׳ — גאָט איז נאָענט צו די צעבראָכענע הערצער".

אָט די אַלע דאגות, צרות און פיינען פון יידישן כלל, האָבן ר׳ פנחס׳ן שווער געדריקט. די הויכע געשטאַלט זיינע איז געוואָרן געבויגן. דער קאָפּ פול מיט ווייסע האָר און גרויע שטרייפן האָבן דורכגעצויגן די באָרד. נאָר ער האָט ניט געקענט, ניט געוואָלט טראַכטן וועגן זיך אַליין. ער האָט געפילט, אַז עס איז אויך זיין חוב צו טראָגן די לאַסט פון יידישע ליידן. און האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין עצה, אָדער זיין וואָרט, האָט עמעצן געהאָלפן, האָט ער אין דעם געזען זיין שכר.

***

רחמיאל מיט שלמה׳ן זענען גאַנץ פרי אַרויסגעפאָרן פון דערהיים און האָבן זיך געלאָזט קיין וועליזש צום רבי׳ן, ר׳ פנחס׳ל.

דער טאַטע, וואָס איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, צי שלמה וועט אים פאָלגן, האָט זיך צוגעקוקט צו יעדע באַוועגונג פון זון.

לאַנגזאַם האָט זיך שלמה אָנגעטאָן. האָט געדאַוונט און געגעסן אינאיינעם מיט טאַטע־מאַמע.

מען איז אַרויסגעפאָרן.

גרויער, קאַלטער ווינטער־פרימאָרגן איז אין דרויסן געשטאַנען. די הימלען נידעריק באַלאָדן. איינצלנע שנייעלעך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן.

מען איז געפאָרן שווייגנדיק. שלמה האָט געטראַכט: „צו וואָס פאָרט ער? ווער קען אים העלפן? אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג. אַלץ איז ווי דער כמורנער טאָג אַרום. אָן אַ דורכליכט, אָן אַ צוזאָג" און דער וועג האָט זיך געצויגן, געצויגן...

ענדלעך — אָט זענען שוין די הייזער פון וועליזש. שלמה איז געווען צופרידן, ווען זיי זענען פאַרפאָרן אין אַן אכסניה.

מען האָט זיך אָפּגערוט. געגעסן, און אין אָוונט געגאַנגען צום רבי'ן.

דאָ האָבן זיי שוין געטראָפן אַ היפּשן עולם. פון גאַנץ־פרי האָבן די מענטשן געקליבן זיך אין פאָדער־שטיבל. אינעווייניק איז געווען וואַ־רעם. די פענצטער, האַלב פאַרקאָוועטע מיט אייז, האָבן ווייניק ליכט דורכגעלאָזט.

מערסטנס זענען די מענטשן געזעסן שווייגנדיק, יעדערער אָנגעלאָדן מיט זיינע אייגענע צרות און דאגות. פון צייט צו צייט פלעגט אַ טיפער קרעכץ דורכטראָגן זיך. אָדער ביי עמעצן פלעגט זיך אַרויס־רייסן: „אוי, טאַטע אין הימל, דערבאַרעם זיך!"... און ווידער שטיל.

דער קוויטל־שרייבער איז געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש און געשריבן קוויטלעך, יידן האָבן פאַר אים אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ. מען האָט שוין ביים קוויטל־שרייבן זיך געשטיקט אין טרערן.

דעם רבי'נס גבאי איז יעדעס מאָל אַריינגעקומען פונם רבי'נס חדר־המיוחד און אַריינגערופן אַ יידן זיך פּראַוועז. איצט האָט דער גבאי ווידער געעפנט די טיר און אַריינגערופן אַ יידן מיט אַ קוויטל.

דער ייד איז צוגעקומען צום רבי'ן. דער רבי האָט אים געגעבן שלום און דערפילט ווי דעם יידנס האַנט ציטערט.

פון דעם באַריר האָט דער רבי, ר' פּנחס'ל, שוין אַ מידער, ווידער אויפגעוואַכט צו דער עבודה. זיין בליק האָט דורכגענומען דעם יידן. ער האָט צוגענומען דאָס קוויטל און עס געליינט:

„לרפואה שלומה בעד זוגתי בריינע בת שיינדל, וגם לב טוב...״

דער רבי האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט דורכדרינגלעך דעם יידן. ווידער אַריינגעקוקט אין קוויטל: „...בריינע בת שיינדל, וגם לב טוב...״

אַ ווײַלע איז שטיל געווען, דערנאָך:

— וואָס פעלט אייער פרוי? איז זי ניט געזונט?

— ניט פאַר קיינעם געדאַכט, רק זי קרענקט. פאַלט איין.

— און וואָס איז אייער בקשה? איך זאָל איבעראַנדערשן דעם באַשאַף פון דעם רבונו־של־עולם? אַריינשטעלן איר אַ ניי הארץ?

— רבי, הייליקער! זי איז דאָך אַ מרשעת. זאָל דער אייבערשטער איר אַריינגעבן גוטע מחשבות.

— מיט וואָס איז זי אַ מרשעת?

— זי... זי... דער ייד האָט אַ קוק געטאָן אויפן רבי'ן און האָט מער ניט געקענט רעדן.

— וואָס? וואָס? זאָגט! שעמט זיך ניט.

שטאַמלענדיק האָט דער ייד אַרויסגערעדט: „זי לאָזט מיך ניט צו...״

אַ ווײַלע האָט דער רבי געשוויגן.

— קינדער האָט איר מיט איר?

— אַוודאי, ווי דען?

— וויפל קינדערלעך האָט איר?

— געווען ניין. זעקס, זאָלן געזונט זיין, זענען געבליבן.

— וואָס איז אייער פרנסה?

— זי, מיין ווייב, איז טאַקע די פרנסה־ברענגערין. מיר האָבן אַ שניט־קראָם אין מאַרק.

— און איר?

— איך? וואָס איז שייך... אַוודאי העלף איך אַרויס. נאָר מען איז דאָך, עפּעס, אַ חסיד. מען וויל דאָך פאַרברענגען אין דער חברותא.

— איז ווער העלפט אייער פרוי מיט די קינדער?

— זי אַליין.

דעם רבי'נס אויגן האָבן אויפגעבליצט.

— און איר זאָגט אַז זי איז אַ מרשעת?! ווייסט איר אַז איר רעדט לשון־הרע אויף אַ יידישע טאָכטער?!...

דער ייד זעט שוין, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, פּרוּווט ער זיך פאַרענטפערן.

— זי איז דאָך מיין ווייב.

דער רבי קוקט אויף אים שטרענג.

— טאַקע דערפאַר איז אייער זינד גרויס.

אַ פּחד האָט אַרומגענומען דעם יידן. ער רעדט מיט ציטער.

— זייט מיר מוחל, רבי. כ׳האָב, חלילה, ניט געמיינט...

— זייט וויסן אַז אייער ווייב איז אַ צדיקת. אַ מאַן דאַרף האָבן איינזען. ניט אַרויפליגן צופיל אויף דער אשה. ניט פאָדערן... גייט. גייט אַהיים. העלפט איר! העלפט מיט פרנסה, און, אם־ירצה־השם, איר וועט מצליח זיין. זי וועט געזונט ווערן.

דער רבי האָט דעם יידן געגעבן די האַנט.

ווען דער רבי איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך געפילט אינגאַנצן אויסגעשעפּט. צום ערשטן מאָל איז ער געווען אַזוי שטרענג. אָבער ער האָט אַנדערש ניט געקענט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין רבי׳נס ווערטער, אַז מען טאָר בישט רעדן קיין לשון־הרע אַפילו אויף אַ רשע...

דער רבי האָט שוין ניט געוואָלט קיינעם זען, אָבער דער גבאי איז אַריינגעקומען און געבעטן ער זאָל נאָך בלויז אויפנעמען רחמיאל דעם מילנער.

— ווער איז ער? אַ היגער?

— ניין. געקומען מיט אַ פור. געבראַכט זיין זון, אַ חתן־בחור. עפּעס איז ער, דער זון, ניט מיט אַלעמען.

— נו, גוט. זאָל ער אַריין.

רחמיאל איז אַריין. געגעבן דעם רבי׳ן שלום.

— זעצט זיך, ר׳ רחמיאל.

דער רבי האָט דורכגעלייענט דאָס קוויטל און דערנאָך אָנגעקוקט רחמיאל׳ן מיט אַ טיפן, וואַרעמען בליק.

— וואָס שווערט אייך? דערציילט.

— אַן אומגליק, רבי, האָט מיך געטראָפן. מיין זון, ער... ער איז קאַליע געוואָרן...

רחמיאל האָט מער ניט געקענט רעדן. די הויכע געשטאַלט זיינע איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די אויגן.

דער רבי האָט אים געלאָזט צורו, ביז ער האָט זיך באַרואיקט. אויסגעווישט די אויגן.

— ער איז דאָך ביי אונדז געווען די קרוין פון קאָפּ, — האָט רחמיאל מיט אַ וויינענדיק קול געזאָגט — ער איז געזעסן אין דער

ישיבה. געלערנט. דער ראש־ישיבה האָט זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון אים. איך האָב געהאָפּט...

רחמיאל האָט זיך ווידער צעוויינט.

— מיט מיר אליין איז, הייליקער רבי, אָן אומגליק געשען. דער פאָן... דער פאָן האָט זיין רציחה צו מיר אויסגעלאָזט. כ׳בין חדשים לאַנג געלעגן קראַנק. נו, האָט מען געמוזט אים, מיין זון, אוועקנעמען פון לערנען און ברענגען אַהיים. עמיצער האָט דאָך געמוזט זען אַז די מיל זאָל אַרבעטן.

איר ווייסט דאָך, רבי, אַז מיר וואוינען צווישן גויים. האָט זיך די קליפה צו אַ שיקסע אַריינגעכאַפּט אין אים.

איצט, צייט מיר זענען פון מיל אַוועק און וואוינען אין שטעטל, איז ער אינגאַנצן אויס מענטש. אויס ייד... ניט ער לערנט, ניט ער טוט עפּעס. ער איז קראַנק, רבי, הייליקער! אויף אייך אַליין איז די גאַנצע האָפענונג. העלפט אונדז!... העלפט אָן אומגליקלעכן טאַטן.

דער רבי, ר׳ פנחס׳ל, האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען זיינע בליקן פון רחמיאל׳ן. אין רבינס אויגן האָט זיך איצט געטיפט רחמיאל׳ס צער. דער רבי האָט געטראַכט אַ ווייל, און דערנאָך גע־פרעגט:

— דאַוונט ער?

— אַמאָל.

— האָט ער, אפשר, שלעכטע חברים?

— ניין. ער גייט אין ערגעץ ניט. ליגט אַ מוטלאָזער גאַנצענע טעג.

— ברענגט אַריין אייער זון, ר׳ רחמיאל. און לאָזט אים איבער מיט מיר, ביז איך וועל אייך רופן.

— אונטערן אָרעם פון פאָטער איז שלמה אַריינגעקומען.

דער רבי האָט אים געגעבן שלום. האָט אָנגעוויזן אויפן שטול.

אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט.

שלמה האָט דערפילט ווי פון רבי׳נס אויגן פלייצט אַ וואַרעמ־קייט, וואָס נעמט אים אינגאַנצן דורך, דרינגט אַריין אין זיין נשמה.

דער רבי האָט שטיל געזאָגט:

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי אומעטיק, זון מיינער?

שלמה האָט געשוויגן.

— דער טאַטע זאָגט אַז דו ביזט אַ וואוילער בחור. אַ לערנער. איז דאָס אמת?

שלמה האָט דערפילט אַ טראַציקייט.

— און וואָס נאָך זאָגט דער טאַטע?...

— ער זאָגט אַז דו האָסט אויפגעהערט צו לערנען. ביזט אַראָפּ פון דרך הישר.

שלמה האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און זיי האָבן זיך געטראָפן מיטן בליק פון רבי׳נס טיפע, שוואַרצע אויגן. שלמה האָט דערפילט, אַז עפּעס אַ שטאַרקערער כוח איז אים גובר. עס האָט פאַרשטופּט די ביטערקייט צום פאָטער און קלאָרע געדאַנקען האָבן אַריינגעבליצט אין זיין מוח. ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ באַדערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. דער רבי האָט אין אים דערוועקט צוטרוי. שלמה האָט געזאָגט.

— רבי! גלויבט מיר! ניט פון צעלאָזנקייט האָט עס געטראָפן. איך בין, אמת פאַרווירט געוואָרן. פאַרלאָרן די פעסטקייט פון אמונה. ווי, אָבער, האָב איך געקענט אַנדערש זיין, רבי? ווי?... מיר האָבן אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט און אָפּגעאַרבעט אין מיל. כשר פאַרדינט האָבן מיר אונדזער ברויט. די מיל האָט דאָך נאָך דער זיידע פאַרלייגט. נעמט דער פּריץ און פאַרשעמט מיין טאַטן פאַר אַלעמען אין די אויגן. שמייסט אים. מאַכט אים פאַר אַ קאַליקע און נעמט פון אונדז אַוועק די מיל. די האַרעוואַניע פון דורות... און וואו איז גאָט?... דער גאָט פון ישראל!? דער אל נוקם?! ווי דערלאָזט ער עס, אַז דער פּאַן סטריזשעווסקי זאָל זיך באַגיין מיט מענטשן ווי מיט סקלאַוינע? ווי דערלאָזט ער עס אַז די סטריזשעווסקי׳ס זאָלן געוועלטיקן!?...

דעם רבי׳ן האָבן שלמה׳ס רייד געטראָפן ווי פיילן אין האַרצן. זיי האָבן אויפגעוועקט אין אים די אַלטע נשמה־ראַנגלעניש. ער האָט אין שלמה׳ן דערזען — זיך אַליין. אויך אים, דעם פרומען רבי׳ן, ר׳ פּנחס׳לען, האָבן די געשעענישן אין לאַנד געמאַכט נאָכאַמאָל צו פאַר־טראַכטן זיך וועגן סדר העולם.

ער האָט געזען, ווי אין קאָסטיושקאָס טעג, אונטער נייע גזירות, איז די צאָל יידן, וואָס זענען געקומען צו אים מיט זייערע צרות און קריוודעס קעגן דעם רשעות פון די פּריצים, און קעגן די שנאה פון די פּויערים, שטאַרק געפאַלן.

אַ נייער גייסט האָט דעמאָלט געשוועבט אין דער לופטן. ס׳איז געווען ווי די פאַרכמורעטע, נידעריקע וואָלקנס וואָלטן פאַרשוואונדן, און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט תכלית־בלוי.

דער מענטש איז אין יענע טעג געגאַנגען מיטן קאָפּ צום הימל. מיט גלויבן אין אַ ליכטיקן מאָרגן. און טיף אין אים האָט נאָך איצט געטליעט, די האָפענונג אַז גאָט׳ס האַנט פירט צו דעם.

ר׳ פּנחס׳ל האָט געוואָלט זען דעם יידן אַ פרייען, מיט אויסגע־גלייכטע פּלייצעס, וואָס איז באַהעפט מיטן רבונו־של־עולם ניט זוען

סאיז אים שווער, ניט „ממעמקים״ נאָר וואָס לעבט מיט דער געטלעכקייט און מיט גאָט׳ס־ליכט אַ גאַנץ לעבן. און שלמה איז אים, דערפֿאַר, געווארן נאָענט. דער רבי איז צוגעקומען צו אים, האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים צוגעפירט צום פענצטער. געעפנט די פֿאַרטקעלע.

— וואָס זעסטו, זון מיינער, אין דער נאַכט?...

שלמה האָט געבליקט אין דעם פינצטערן דרויסן. ס׳איז געווען קאַלט און רוי. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דער רבי מיינט.

— כ׳זע... כ׳זע... עס איז פינצטער. עס איז ווינטיק. קאַלט.

— פֿאַרנעם־זשע: עס איז פינצטער און ווינטיק אויף דער וועלט. פון דערווייטנס טראָגט זיך אַהער אַ שטורעם... ער ברענגט מיט זיך מלחמה, פֿאַרניכטונג. עס טראָגן זיך אויך מיטן שטורעם קערנדלעך פון צדק, פון גאולה. ס׳וועט נעמען צייט. די קערנדלעך וועלן אויפגיין און עס וועט אָפּגעווישט ווערן דאָס רשעות. דורך פּיין און ליידן גייט די וועלט צו דער גאולה... גלויב און האָב בטחון...

דעם רבי׳נס אויגן האָבן אַרומגענומען שלמה׳ן מיט בינטן פון וואַרעמען, מוטיקנדיקן ליכט. און שלמה האָט דערפילט, ווי ס׳איז אים לייכט געוואָרן אויפן האַרצן, ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט גלויבן.

— און איצט — האָט דער רבי געזאָגט — קום מיט מיר. מיר׳ןביידע לערנען אַ בלאַט גמרא.

אַרומגענומען ווי ברידער, זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום ספרים אַלמער. דער רבי האָט אַרויסגענומען אַ גמרא. דערנאָך זענען זיי געזעסן ביים טיש. דער רבי האָט אויפגעעפנט און אָנגעהויבן לערנען.

עס איז געווען אַ מאמר, וואָס שלמה האָט שוין געהאַט געלערנט. די ערשטע קלאַנגען, פון רבי׳נס מויל, האָבן דערוועקט אין שלמה׳ן דעם אַלטן גמרא־ניגון וואָס האָט אים אַלעמאָל דערהויבן. ער האָט געלערנט מיטן רבי׳ן. זיין קול איז ווידער געווען פריש און גלויביק. דער רבי האָט געזאָגט:

— פֿאַרגעס די זינדיקע מחשבות, די חטאת־נעורים, זיי אַ „איד״. ווייסטו וואָס די ראשי תיבות פון „איד״ זענען: אהבה, יראה, דביקות. מען דאַרף אויסאַרבעטן די נשמה, אַז די אהבה, וואָס דער מענטש האָט, זאָל זיין צו השי״ת און צום כלל ישראל. און ווייסטו, זון מיינער, ווי אַזוי מען קומט צו אַזאַ מדרגה? דורך תפילה. דער רבי מיינער, זכותו יגן עלינו, האָט געטייטשט דעם מאמר: „תפילה עושה מחצה״? — תפילה, אויב מען איז מתפלל, „עושה״ צום באַשעפער פון דער וועלט, „מחצה״ — איז דער טייטש ניט אַ העלפט, נאָר העלפט, היילט די נשמה.

— בלייב דאָ מיט מיר. איך דאַרף אַזעלכע יונגעלייט ווי דו...

און ווען דער רבי האָט געגעבן שלמה׳ן די האַנט, האָט ער פאַר זיך געזען ניט דעם פריערדיק אומעטיקן, מוטלאָזן בחור, נאָר אינגאַנצן אַן אויפגעלעבטן. דער רבי האָט שוין פאַרגעסן זיין אייגענע מידקייט. ער האָט געהייסן אַריינשיקן דעם פאָטער.

שלמה איז אַרויס. דער טאַטע האָט אים דערזען און זיין האַרץ האָט פון פרייד אַ צאַפּל געטאָן.

— גיי אַריין, טאַטע. דער רבי וויל דיך זען.

דער רבי האָט באַגעגנט רחמיאל׳ן מיט אַן אויסגעלייטערט פנים.

— האָט ניט קיין צער, ר׳ רחמיאל. ער איז ניט אַראָפּ, חלילה, פון יידישן דרך. זיין יונגע נשמה איז פאַרווירט געוואָרן אונטער דער משא פון די צרות. האָט געזוכט צדק און יושר אויף דער וועלט. ער וועט מיט גאָט׳ס הילף גענעזן ווערן.

אַ ווײַלע האָט זיך דער רבי פאַרטראַכט.

— מיר דאַכט — האָט ער ווייטער גערעדט, — מען וואָלט אים באַדאַרפט חתונה מאַכן. יונג בלוט...

— אדרבה, רבי! ס׳איז שוין טאַקע צייט. איך אין זיינע יאָרן...

— נו, מען וועט זען. זאָל ער בלייבן דערווייל מיט מיר. גוט? — און דער רבי האָט דערלאַנגט רחמיאל׳ן זיין האַנט.

ווען רחמיאל איז אַרויס פון רבי׳נס חדר־מיוחד, האָט דער רבי אָפּגעזיפצט און מיט אַ טיכל געווישט דעם שווייס אויף זיין שטערן.

קאַפּיטל צען

ס׳איז געווען אָנהויב זומער אין אַ פרימאָרגן.

פון ראַנד פון וואַלד, איבער די שפּיצן פון דיביימער, האָט די זון געוואָרפן בינטן ליכט איבער דעכער און שטיבער. געריסן זיך דורך די שפּאַרונעס פון לאָדן און געוועקט די מענטשן צום נייעם טאָג.

אַ ניט דערשלאָפענער איז שלמה אויפגעשטאַנען. צוגעגאַנגען און אויפגעפּראַלט לאָדן און פענצטער.

פון דרויסן איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ פרישע ווינטל און גע־בראַכט דעם אַראָמאַט פון גראָזן און בליעכץ.

שלמה האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. אַרומגענומען דעם דרויסן פון ראַנד צו ראַנד. דערנאָך געוואָרפן אַ בליק אינעווייניק, צום בעט, וואו זיין ווייב, פרומע, איז רואיק געשלאָפן. פון אונטערן דינעם צודעק, האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן די קאָנטורן פון פרויען קערפּער. איר יונגע ברוסט האָט ריטמיש געאָטעמט. אויף די ליפּן פון עטוואָס צעעפנטן מויל, איז געווען דער שמייכל פון געזעטיקטער רו.

אַ ווײַלע האָט ער זיך גע׳ישוב׳ט: ס׳איז נאָך פרי. צי זאָל ער נאָך רוען, אָדער אָנטאָן זיך. דער יונגער פרימאָרגן האָט גערופן אין דרויסן.

שטיל, ניט אויפצואוועקן זי, האָט זיך שלמה אָנגעטאָן און אויף די שפּיץ פינגער אַרויס.

דער דרויסן האָט אים אַרומגענומען מיט לאַסטשענדיקער פרייד. האָט אַרייַנגעגאָסן מונטערקייט אין אַלע גלידער. ער איז אַוועק מיטן אָפענעם וועג צווישן אויפגעגאַנגענע פעלדער.

אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט פרייד פון יצירה. אַ וועלט מיט פרישער גרינקייט האָט זיך געצויגן אַוואו נאָר דאָס אויג איז געפאַלן, און עס האָט זיך געבאָדן אין זונליכט. אין דער לופט, האָט זיך שלמה׳ן היינט געדאַכט, זינגען די זשאַוואָראָנקעס מער פאַרכאַפּנדיק, אין זייער פלי אונטערן בלויען הימל.

שלמה איז געגאַנגען מיט לייכטן טראָט. די גראָזן, נאָך פייכט פון טוי, האָבן זיך ווייך געלייגט אונטער זיינע פיס. ער איז אינגאַנצן באַהויכט געוואָרן מיטן ליכטיקן טאָג, וואָס עפנט זיך אויף פאַר אים.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ פּניאַק.

דער פרימאָרגן האָט שאַרפער געמאַכט אַלע חושים. ער האָט איצט געטראַכט און איבערגעטראַכט, צום ווײפלטן מאָל, דאָס, וואָס ס׳האָט אים ניט געלאָזט רוען דורך די נעכט.

מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק האָט ער חתונה געהאַט. איצט איז ער אַן אײדעם אויף קעסט, ביי דעם גביר, מענדל פאַריצעווער, דעם אָרענ־דאַטאָר פון פריצישע מאַיאָנטקעס. עס פעלט אים גאָרניט. עס און טרינק פון דאָס בעסטע. זיץ זיך רואיק, אָן דאגות און לערן. וואָס־זשע איז מיט אים געשען? פאַרוואָס פילט ער זיך אַזוי אומעטיק און אומגליק־לעך? וואָס נאָגט אים?

ער דערמאָנט זיך ווי עס איז צו דעם געקומען.

אין די ערשטע טעג און וואָכן פון דעם אויפהאַלטן זיך ביים רבי׳ן, ר׳ פנחס׳לען אין וועליזש, איז ער געווען אין אַן אַנדער וועלט. דעם רבי׳נס ווערטער: אַז עס קומען אָן נייע טעג, נייע צייטן. אַז מען דאַרף האָבן בטחון, האָבן אים געבראַכט אַביסל צו זיך. דער יאוש האָט אָפּגע־לאָזן. אים האָט זיך געוואָלט גלויבן אין דעם, ווייל ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן די וועלט אָן גאָט׳ס־השגחה.

שלמה האָט זיך מיט נייגער צוגעקוקט צו דער נייער סביבה אין וועליזש.

דער כסדר׳דיקער שטראָם פון יידן וואָס זענען געקומען צום רבי׳ן ר׳ פנחס׳ל זוכנדיק פאַרלייכטערונג פון פיין, אַ רפואה צו פאַר־שיידענע שוואַכקייטן און חולאת׳ן, אָדער וואָס זענען געקומען נאָך אַן עצה ווי צו פאַרגרינגערן זייער פרנסה, האָט שלמה׳ן געטריבן צו ספקות.

און, הגם, שלמה האָט געהאַט גרויס יראת הכבוד פאַרן רבי׳ן, גע־וואָרן זיין געטרייער תלמיד, האָט ער דאָך איצט איינגעזען, אַז דער רבי גיט בלויז מאָמענטאַנע הילף. אָט ווי מען גיט אַ חולה אַ געטראַנק, וואָס שטאַרקט, אָבער עס באַזייטיקט ניט די חולאת.

ווי־זשע באַזייטיקט מען דעם מקור, פונוואַנעט די אַלע צרות שטאַ־מען? וואָס בלייבט צו טאָן? ווי ענדערט מען דעם סדר העולם?

אַלץ פראַגן, און קיין ענטפער איז ניטאָ.

אָט אין יענע טעג פון אומבאַשטימטקייט, ווען ער האָט ניט געזען פאַר זיך קיין קלאָרן וועג אין לעבן, איז דער גבאי געקומען צו אים רעדן, ער זאָל טאָן אַ שידוך.

ס׳האָט זיך דעמאָלט גראָד געטראָפן, אַז דער גביר, מענדל פאַרי־צעווער, איז געקומען צום רבי׳ן פרעגן אַן עצה וועגן טאָן אַ שידוך פאַר זיין בת־יחידה, פרומע. ער וויל פאַר איר אַ מאַן, אַ לערנער.

— גוט טראַכסטו, האָט דער רבי צו אים געזאָגט. גיי אַריין אין שטיבל. פאַראַן דאָרטן צווישן די בחורים אָפענע קעפּ. זוכער פון גאָט׳ס אמת. קלייב זיך אויס אַ חתן און מיט השם יתברך׳ס הילף וועסטו מצליח זיין.

איז מענדל פאַריצעווער, אַ ייד אַ לייב־געפּאַקטער, פון שיינעם וואוקס, מיט אַ גוטן פּנים איינגעראַמט אין אַ געדיכט שוואַרץ־גרויענ־דיקער באָרד, אַריין אין שטיבל וואו די בחורים האָבן געלערנט.

ביים טיר האָט ער זיך פאַרהאַלטן. אַרומגענומען מיטן אויג די לער־נער. ניט קיין קלייניקייט, אויסקלייבן אַ זיווג פאַר זיין פרומעניו.

שלמה איז געשטאַנען איבער אַ שטענדער מיט אַן אָפענער גמרא. ער האָט צוגעצויגן מענדלס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין קלינגעדיקן שיינעם גמרא־ניגון, מיט זיין הויכן וואוקס און גלייכע פּלייצעס, וואָס איז געווען אין קאָנטראַסט צו אַ סך אַנדערע בחורים, אויסגעוויקטע, קווארע.

מענדל איז צו אים צוגעגאַנגען. געגעבן שלום און גענומען אויס־פרעגן שלמה׳ן וועגן זיין לערנען. ביידע זענען באַלד אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין אַ שמועס. גערעדט און דערנאָך גענומען אַמפּערן זיך וועגן אַ פּשט אין דער גמרא, ווי זיי וואָלטן אינאיינעם געלערנט. מענדלען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן שלמה׳ס ערנסטקייט, קערנדיקייט.

האָט ער דערנאָך גערעדט מיטן גבאי, אַז ער זאָל זיך דורכשרייבן מיט די עלטערן, ריידן מיטן חתן. און טאַקע באַלד געגעבן דעם גבאי אין יד אַריין אַ שיינע מתנה.

ווען רחמיאל האָט דערהערט וועגן שידוך איז ער געווען שטאַרק צופרידן. ריווע־לאה איז געפאָרן אָנקוקן די כלה. זי האָט געזען די רייכע שטוב. אַ גליק, ממש אַ גליק האָט מיט זיי געטראָפן. און וועגן דער כלה האָט זי געהאָט נאָר גוטס צו דערציילן: אַ שטילע טויב, אַ שיינע, שעמט זיך די אויגן אויפצוהייבן. אַ יידישע טאָכטער.

רחמיאל האָט זיך צוגעהערט צו איר באַגייסטערטן ריידן און גע־טראַכט: אַלץ איז מן השמים. און אומזיסט האָט ער זיין זון חושד געווען אין שלעכטער אויפפירונג. ניט אַנדערש, אַז נאָר דער רבי, ר׳ פּנחס׳לס ברכה האָט גורם געווען צו זיין גליק. ער וועט זיין שלמה׳לען פירן צו דער חופּה. אוי, אַ לויב דיר, גאָטעניו!

רחמיאל איז אָראָפּגעפאָרן קיין וועליזש. האָט דערציילט שלמה׳ן, אַז מענדל פאַריצעווער וויל אים, שלמה׳ן, פאַר אַ חתן פאַר זיין איינציקער טאָכטער. עס איז פאַר אים אַ גאָלדענער זיווג. ער וועט קריגן קעסט און עס וועט אים גאָרניט פעלן.

שלמה האָט זיך דערמאָנט אָן מענדלס באַזוך. האָט זיך פאַרטראַכט. געשוויגן און גאָרניט דערווידערט.

מען האָט ניט לאַנג געצויגן און געפּראַוועט די חתונה.

אַ צייט האָט זיך שלמה'ן געדאַכט, אַז די ווענט, וואָס האָבן פריער פאַרשטעלט זיין לעבן, האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט. ס'איז געווען די נייקייט פון פאַרהייראַטן לעבן. ס'איז געווען דאָס ווייב, פרומע, יונג און שיין, מיט פוכקע, ראָזעווע בעקלעך, וואָס האָט אים צוגעצויגן.

זי, פרומע, וואָס האָט פון אָנהויב זיך אַביסל געשראָקן פאַר דעם יונגן, פרעמדן בחור, וואָס איז געוואָרן איר מאַן, איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ מער צוגעזאָטן צו אים. מיט פולע בעכער האָט זי געטרונקען די פריידן פון מאַן־און־ווייב לעבן. איר קערפּער איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פרישער זאַפטיקייט. אין די גלידער איז געווען אַ נאָגנדיקע פוילקייט. זי האָט, ווי אַ קעצעלע אַלץ זיך געצויגן צו אים. און אירע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן אַ סודות'פולן גלאַנץ. אירע באַקן האָבן געבליט.

נאָר שלמה האָט געגאַרט צו געפינען אין איר ניט נאָר אַ ווייב, נאָר איינע, וואָס וועט ווערן אַ שותף צו זיינע חלומות און זוכענישן. ער וועט זיך מיט איר טיילן. וועט דערציילן פון זיינע ספיקות און זי וועט געפינען אַ וואָרט, זיי לייכטער צו מאַכן. זיי וועלן צוזאַמען גיין.

נאָר ער האָט באַלד איינגעזען אַז זיין וועלט און זיינע טראַכטונגען זענען איר אינגאַנצן פרעמד. איז ער מיט דער צייט אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן. און ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן אין דער נייער סביבה.

און באַלד האָט שלמה גענומען זען זאַכן, קלייניקייטן וואָס האָבן אַרויסגערופן מחשבות'ן אין זיין מוח.

אָט, אַשטייגער, דאָס בילד, ווי די שוויגער האָט זיך געדונגען מיט ציפּע־שרה'ן, די יידענע, וואָס ברענגט צו איר עופות אויף שבת. ציפּע־שרה האָט זיך געשוואָרן טויזנטער מאָל, אַז זי קען פון מקח ניט אַרונטערלאָזן. זי זאָל אַזוי זיין אַ מאַמע צו אירע פּיצלעך קינדער, ווי זי קען ניט, נאָר דאָס האָט איר ניט געהאָלפן. די שוויגער האָט אַרונטער־געריסן אַ גריוועניק, שפּרינצע האָט גענומען דאָס געלט. האָט צוגע־וואונטשן אַל־דאָס גוטס און איז אַוועק.

אָדער אַן אַנדערש מאָל איז שיער ניט געקומען צו אַ קריגעריי. יעקל, דער שוסטער, האָט אָפּגעבראַכט אַ פּאָר שיך, וואָס די שוויגער האָט פאַר זיך באַשטעלט. און די שוויגער האָט אַראָפּגענומען אַ פער־טעלע.

האָט דאָס אים, שלמה'ן, שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט פּרובירט

רעדן מיט זיין פרומען. האָט זיך איינגעשטעלט פאַר ציפּע־שרה׳ן, פאַרן שוסטער. זיי האָרעווען שווער פאַר זייער ברויט.

פרומע האָט אים אָנגעקוקט. איר איז ניט געפעלן געוואָרן זיין רעדן אַזוי וועגן דער מאַמען. וואָס גייט עס דיר אַזוי אָן? עס פעלט דיר דען עפּעס ביי אונדז?

האָט שלמה דערפילט, אַז צווישן זיי שטייט אַ וואַנט. זי, די בת־יחידה, וואָס האָט שטענדיק געלעבט אין זעט און אָן זאָרג, וועט אים ניט פאַרשטיין.

יענעם טאָג, זיצנדיק ביים אָפענעם ספר, אין בית־מדרש, זענען זיינע געדאַנקען ניט געווען ביים לערנען. עס איז געווען אָן אומרו אין אים און פון דער טיף האָט אַ שטים אין אים געמאָנט: ווי זאָל איך לעבן אין זעט און רואיקייט, ווען אַרום איז דאָ אַזויפיל עלנט און נויט?

און ווען שלמה איז געקומען אַהיים און פרומע האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. געבעטן זיך ביי אים:

— שלמה׳ניו! נעם נאָך אַ זעמל. נעם נאָך שמאַנט.

איז דאָס שלמה׳ן געווען דערווידער און דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט זיין געמיט.

אַט וועגן דעם אַלץ האָט שלמה געטראַכט איצט, זיצנדיק אַליין אין פעלד. אַ טשוויטשעריי פון וואָראָביעטשיקעס, איבער זיין קאָפּ, וואָס האָבן זיך גע׳הרג׳עט פאַר אַ „זוי״, האָט אים דערמאָנט אַז ס׳איז צייט ער זאָל אַהיים גיין. איידער זיין ווייב וועט זיך כאַפּן אַז זי איז אַליין.

קוים האָט שלמה איבערגעטראָטן די שוועל, איז פרומע אים אַנטקעגן געקומען. דער פּנים אויסגעצויגן. אויגן ברוגז׳ע.

— וואו ביזטו געווען? כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט... אַליין... אך, שלעכטער.

זי איז צוגעגאַנגען נאָענט און געוואָרט אויף זיין לאַסקע.

ער האָט עס בכיוון ניט באַמערקט.

— איך בין אַרויס אין פעלד. בלויז דורכגיין זיך אַביסל. האָט ער קאַלט געזאָגט.

די שוויגער, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט געזאָגט.

— נייע מאָדעס גאָר! מען לאָזט איבער אַ יונג ווייבל און מען גייט זיך שפּאַצירן.

פרומע האָט אויפגעכאַפּט דער מאַמעס ווערטער און האָט זיך אָנגעבלאָזן.

— אַזוי גאָר, ביזט געגאַנגען שפּאַצירן... און איך האָב געמיינט דו ביזט אין בית־מדרש. האָסט דאָך אַפילו ניט געגעסן...

שלמה האָט באַמערקט ווי טרערן קוועלן אין אירע אויגן. באַלד וועט זי אָנהויבן וויינען. נאָר עפּעס באַליידיקט זי זיך און גיסט מיט טרערן. ער קען עס ניט פאַרטראָגן. אין דעם מאָמענט האָט ער זי פיינט געהאַט און האָט אויך פיינט געקראָגן דעם זאַטן, גאָלדענעם זומפּ, אין וועלכן ער איז אַריינגעקראָכן.

— איך וויל ניט עסן, האָט ער געזאָגט און איז אַרויס פון צימער.

ער האָט ניט געקענט בלייבן אין שטוב. געוואָלט זיין אַליין, איז ער אַוועק אין בית־מדרש.

דאָרטן, זיצנדיק ביים אָפענעם ספר, האָט ער ניט געזען די שורות. ער איז געווען צערודערט. איצט האָט ער געזען קלאָר, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אָנשפּאַרן צו רבנות, ווי דער שווער זיינער האָט דערוואַרט. עס ציט אים ניט צו דעם. די בילדער פון אָרעמקייט, שווערער האָרע־וואַניע, דאָס שלאָגן זיך פאַר די גראָשנדיקע פּרנסות, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין שטעטל זענען געשטאַנען פאַר אים. עס דאַרף זיין אַנדערש. אָבער ווי אַזוי? ווי מאַכט מען עס? ווידער פראַגן און קיין ענטפער איז ניטאָ.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס ספר. ער האָט געהאַט אַ געפיל אַז ער לעבט אין אַ וועלט פון שקר. און ווייל פרומע האָט אים געהאַלטן צוגעבונדן צו דעם אַלץ, האָט ער איצט צו איר אויסגעלאָדן זיין ביטער האַרץ.

***

עס זענען געקומען טעג, ווען די אַרבעט אויף די פעלדער און לאַנקעס האָט געברענט.

שלמה האָט ניט געקענט איינזיצן אין די ענגע ווענט פון בית־מדרש. און זיין לערנען האָט קיין פּעולה ניט געהאַט. די רעדער פון טראַכטן האָבן זיך ניט באַוועגט אין דער היץ. אים האָט געצויגן אין אָפענעם דרויסן.

די הענט, דער קערפּער, אַלץ אין אים האָט געמאָנט פיזישע איבונג. געזוכט פאַרמעסט. איז ער אין אַיין פרימאָרגן פאַרשוואונדן געוואָרן פון דערהיים.

שלמה איז געקומען צום עקאָנאָם פון פּאַן וועגעווסקי׳ס גיטער. געבעטן אים ער זאָל אים נעמען צו דער אַרבעט.

דער עקאָנאָם האָט אים אָנגעקוקט.

— עי, זשידעק! דו האָסט דען ווען געאַרבעט?

— כ׳קען.

— וואָס קענסטו?

— גיב מיר אַ קאָסע — איך וועל שניידן דאָס גראָז.

דער עקאָנאָם האָט אַ טראַכט געטאָן: עס וועט זיין אַביסל צום לאַכן. אַ זשידעק און ער וועט שניידן דאָס גראָז. כאַ־כאַ־! לאָמיר זען. אויף זיינע וואָנצעס איז געווען אַ לצנות׳דיקער שמייכעלע. נאָר ער האָט אים געגעבן אַ קאָסע.

שלמה האָט גענומען די קאָסע. האָט אויסגעפּרובירט איר שאַרפקייט און גענומען מיט אַ שאַרף־שטיין אָנסטראָיען זי.

דער עקאָנאָם האָט זיך צוגעקוקט ווי ער טוט עס און האָט שוין מער ניט געלאַכט.

באַגלייך מיט אַנדערע פּויערים איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן וויהאָן.

די ברייטע שטרעקע פון גרינעם גראָז מיט קאָלירפולע בלימעלעך האָט פריידיק פאַרכאַפּט דאָס אויג.

מען האָט זיך צעשאָטן איבערן לאָנקע און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

שלמה האָט גענומען אין די הענט די קאָסע. און עס איז געווען, ווי די הענט, אויסגעבענקטע נאָך אַרבעט, האָבן מיטאַמאָל דערפילט זייער תיקון. די אַרבעט האָט זיך צעזונגען. מיט אַ לייכטקייט און ריטם האָט ער זי געוואָרפן רעכטס און לינקס.

דאָס הויכע גראָז, פאָלגנדיק זיינע באַוועגונגען, האָט זיך אויסגעלייגט שורות׳ווייז און אָנגעפילט די לופט מיט שיכור׳נדיקן אַראָמאַט.

מיט פולער ברוסט האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם קוויקנדיקן אַראָמאַט. פאַרשלאָפענע יונגע כוחות האָבן אויפגעוואַכט, האָבן זיך געריסן פאַראויס. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז ער האָט ניט באַמערקט די מענטשן אַרום. ניט געפילט דעם שוויס, וואָס איז גערונען פון אים. אַלץ אין אים איז געווען איבערגעפילט מיט גליק פון טואונג און שפע.

אַזוי האָט מען געאַרבעט, ביז די זון איבערן קאָפּ האָט אָנגעזאָגט אַז ס׳איז שוין האַלבער טאָג. צייט איבערצורייסן די אַרבעט. אָפּעסן און אָפּרוען זיך.

אַלע האָבן זיך צעזעצט ביים ברעג פון וויהאָן. האָבן אָפּגעבונדן פעקלעך שפּייז און גענומען זיך צו דער אכילה.

איינער נאָר, שלמה, האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט גאָרניט מיט־

גענומען. ער האָט גאָרניט געטראַכט פון עסן, ווען ער האָט זיך פאַרטאָג אַרויסגעכאַפּט פון דער היים, פון וואָרעמען בעט.

וואַצעק, אַ יונגער פויער, וואָס האָט געאַרבעט ניט ווייט פון שלמה׳ן און האָט אים, די גאַנצע צייט, מיט נייגיר באַאָבאַכטעט, איז צוגעקומען.

— קום עסן מיט אונדז! מיט וואָס מיר האָבן וועלן מיר זיך טיילן. און מיר האָבן גענוג.

— אָ, אַ דאַנק דיר, ברודערל! כ׳בין טאַקע שטאַרק הונגעריק. אך, אַ פּאָהאָדזשקע היינט. גוט צו אַרבעטן.

זיי זענען צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו וואַצעקס צוויי חברים, יונגע פויערים האָבן אויף זיי געוואַרט. וואַצעק האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק שוואַרץ־ברויט און עס דערלאַנגט שלמה׳ן. דערנאָך אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ קריגעלע זויער־מילך מיט אַ הילצערנער לעפל.

— עס, זשידעק! עס, וויפיל דו ווילסט. שטער זיך ניט.

שלמה האָט געגעסן דעם ברויט מיט זויער־מילך און עס האָט זיך אים איצט געדאַכט, אַז דאָס עסן האָט אַלע טעמים. די מילכיגס האָט אָפּגעפרישט און געשטילט דעם דורשט.

אָפּגעגעסן, האָט מען זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און אָפּגעגעבן זיך צו דער רו. אַ וויילע איז מען געווען שטיל. וואַצעק האָט די שטילקייט איבערגעריסן.

— כ׳האָב געזען, דו האָסט גוט געשניטן דאָס גראָז. געסטאַרעט זיך. אָבער וואָס וועסטו האָבן פון דעם?

שלמה׳ן האָבן זיינע ווערטער פאַרוואונדערט: „וואָס וועט ער האָבן פון דעם?“, ער האָט אָנגעקוקט וואַצעקן. געזען אַז ער איז ערנסט. האָט ער געענטפערט.

— ווי זאָל איך דיר עס דערקלערן. ס׳האָט געצויגן צו דעם. און עס איז ענג געווען אין שטוב. כ׳האָב געבענקט נאָך דער קאָסע. שוין עטלעכע יאָר ניט געהאַלטן זי, דער זוניקער אָרום, די אָפנקייט און ברייטקייט, דאָס איז מיין באַלוינונג.

— וואַצעק האָט ברייטער צעעפנט די אויגן.

— הייסט עס ניט צוליב דעם געלט ביזטו געקומען אין פעלד. אַ מאָדנער זשידעק. ניט ווי די אַנדערע, וואָס איך האָב געקענט. ניין. איך קען נאָך איינעם, אַזאַ ווי דו. ראַדענסקי. אָ, ער איז אַ געלערנטער. אַ באַגייסטערטער, אַזאַ ווי דו. מיר קענען אים נאָענט.

מער קיין צייט צו רעדן איז ניט געווען. מען האָט זיך ווידער געשטעלט אַרבעטן.

אויך שלמה האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. אָבער ער

פלעגט אָפּט וואַרפן זיין בליק צו וואַצעקן. און עס האָט אים באַשלאָגן אַ וואַרעמקייט. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן אַ חשבון צי איז דאָס געווען די וואַרעמקייט פון דער בריענדיקער זון, צי אפשר די וואַרעמ־קייט פון וואַצעקס רייד. נאָר ס'האָבן אים פאַרטשעפּעט מיט מאָדנעם נייגיר וואַצעק'ס ווערטער וועגן ראַדענסקי.

ער האָט עטלעכע מאָל געזען ראַדענסקי'ן קומען צום שווער וועגן געשעפט. ער האָט געוואוסט אַז ראַדענסקי אַרבעט און פירט פאַן ווענעוווסקי'ס צוקער־פאַבריק. וואָס־זשע האָט וואַצעק געמיינט: „אַזאַ ווי דו"? האָט ער באַשלאָסן: ער מוז זיך מיט ראַדענסקי'ן באַקענען.

***

ווען שלמה איז געקומען אַהיים, האָט זיך אין שטוב געטאָן חושך. דאָס ווייב, פרומע איז געזעסן און מיט אַ טיכעלע, זיך געווישט די אויגן.

די שוויגער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אַלע ווײלע האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. געוואָרפן בליקן צו דער טאָכ־טער. געבראָכן די הענט.

— נו, גענוג! גענוג שוין צו וויינען! וואָס קלאָגסטו, ער וועט זיך אָפּזוכן...

דער קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן רייסן און זי האָט אַרומגעבונדן דעם שטערן מיט אַ נאַס־טיכעלע. און ווי די אומרו וואָלט איר געטריבן, איז זי ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט.

דער שווער, מענדל פאַריצעווער, איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף די הענט און געשוויגן. אין זיינע אויגן איז געווען אַ כמאַרע.

— אָט איז ער! ער גייט! ער איז דאָ!!! איז געקומען גלייכ־צייטיק פון פרומען און פון דער מאַמען.

— שלמה'ניו! איז דאָס ווייב געלאָפן אים אַנטקעגן, צוגעפאַלן צו זיין ברוסט. וואו ביזטו געווען? אין בית־מדרש האָט מען דיך ניט געזען...

שלמה האָט איר געוואָלט באַרואיקן. געגלעט אירע האָר.

— אין פעלד געאַרבעט.

— וואָס??? טפו, צו מיינע שונאים'ס קעפּ. האָסטו דאָך געקענט זאָגן.

— אוי, אַ בראָך איז צו מיר!!! האָט די שוויגער, שפּרינצע, אויס־געשריען. — זעט נאָר ווי ער קוקט אויס. שוואַרץ ווי די ערד. איינגאַנצן אין שוויס און אין שטויב. און די בגדים, זעט נאָר אַ הולך!!!...

איינער נאָר האָט געשוויגן, דער שווער מענדל. ער האָט געקוקט אויף שלמה׳ן און טיף געטראַכט: „אין פעלד גאָר מיט די פויערים?... עפּעס האָט ער לעצטנס באַמערקט, אַז ער, שלמה, איז ניט דער זעלבי־קער. וואָס־זשע פעלט אים? וואָס וויל ער? דאַכט זיך אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט געוועזן לוסטיק און גליקלעך. די טאָכטער, פרומע האָט דאָך אים אַזוי ליב. אַ יונגער מאַן... עך, עך!... איך קען אים ניט פאַרשטיין. ער גייט אַרום שטענדיק פאַרטראַגן אין אַן אַנדער וועלט. איצט אָבער, האָט מענדל ניט געוואָלט טיפער מאַכן דעם שאָדן, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן.

— שאַ! וואָס איז דאָ אַזאַ גערודער? נו, ער האָט זיך דאָך אָפּגע־זוכט. לאָזט אים צורו. לאָזט אים כאָטש אָפּוואַשן זיך. און ער איז מן־הסתם הונגעריק. בעסער גרייט צום טיש.

די ווייבער האָבן זיך איינגעשטילט. גענומען גרייטן דעם טיש.

שלמה האָט זיך לאַנג געוואַשן. שוין אָפּגעוואוינט פון אַרבעט, האָט ער איצט געפילט אַ מידקייט. נאָר ער איז געווען צופרידן מיט זיך.

ווען ער האָט זיך געזעצט צום טיש האָט ער זיך געטראָפן מיטן שווער׳ס אַנגעלאָדן פּנים און ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס וועט קומען. מוז קומען. ער וועט אויפדעקן פאַרן שווער דעם אמת, אַז זיין נשמה איז ניט רואיק... אַז ער ווייס נאָך אַליין ניט וואָס ער זוכט, נאָר ער האָט אַנדערש ניט געקענט...

איצט, אַז ער האָט געזען די גרויסע סומאַטאָכע, וואָס זיין אויס־פעלן איין טאָג פונדערהיים האָט אָנגעמאַכט, האָט ער זיך געפילט שולדיק. און אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געפילט, אַז ביים אַלטן קען עס ניט בלייבן. וואָס־זשע זאָל ער טאָן?

שווייגנדיק האָט ער דעם אָוונט־ברויט געגעסן. שלמה האָט גע־וואוסט אַז אַזוי לייכט וועט עס ניט אָפּלויפן. אַז די שוויגער גייט אַרום מיט פאַרשנירעוועטע ליפּן. ער וועט נאָך הערן פון איר. דערווייל אָבער איז געווען שטיל.

נאָכן עסן איז מען געזעסן אין דרויסן. שלמה׳ן איז שווער געווען די אָנגעלאָדנקייט און דאָס שווייגן. דערצו האָט ער געפילט די מיד־קייט. איז ער פרי געגאַנגען אין בעט און איינגעשלאָפן שטאַרק.

פרומע איז געלעגן אין איר בעט און שטיל, אין קישן געוויינט. אַז זי גייט אים, איר מאַן, אינגאַנצן ניט אָן. ער שלאָפט זיך געשמאַק און אָן איר האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. און זי האָט אים אַזוי באַ־גערט... דווקא היינט... דווקא היינט האָט זי געגאַרט נאָך אַביסל

צערטלעכקייט, וואָס זאָל באַרואיקן איר געמיט און איז גרייט געווען אים פאַרגעבן אַלץ.

ענדלעך איז אויך זי איינגעשלאָפן. פאַרטאָג האָט זי זיך אויפגע־כאַפּט. שלמה איז נאָך אַלץ געשלאָפן. האָט זי זיך ווידער צעוויינט.

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אירן אַ כליפּ. דערפילט אַ רחמנות צו איר און איז איבערגעגאַנגען צו איר אין בעט.

פרומע האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז זי מוז אים אַנלערנען. זי וועט זיין שטרענג און קאַלט צו אים. נאָר קוים האָט זי אים דערפילט נאָענט צו זיך זענען אירע באַשלוסן צעשמאָלצן געוואָרן. זי האָט זיך געגעסטלט צו אים און ער האָט געגלעט אירע האָר. זי באַרואיקט. אָבער קיין חרטה אויף זיין נעכטיקן טאָט האָט ער ניט געהאַט. און הגם זי איז געווען נאָענט צו אים, זענען אָבער אַלע זיינע טראַכטונגען איצט געווען אַנדערשוואו. ער האָט געטראַכט פון ראדענסקי׳ן. ווי אַזוי באַ־קענט מען זיך מיט אים. און וואָס האָט וואַצעק געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט: „אַ באַגייסטערטער, ווי דו״? אפשר וועט ראדענסקי העלפן אים, שלמה׳ן געפינען זיך אַליין? ער וועט אַריבער צו אים אין שטוב. עס וועט, אַפילו, זיין ניט גרינג אַוועקצוגיין פון דערהיים, נאָר ער וועט שוין געפינען אַ וועג.

***

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז שלמה צוגעקומען צו זיין ווייב.

— פרומעניו, איך דאַרף נויטיק צוגיין צו עמיצן נאָך אַ ספר.

— דו גייסט ניט אַוועק אויף לאַנג? האָט זי צו אים פרעגנדיק אַרויפגעקוקט.

ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם און ער האָט אומגעדולדיק געענטפערט.

— כ׳ווייס ניט. כ׳וועל זען זיין איינגיכן צוריק.

שלמה איז אַרויס און מיט גיכע טריט געלאָזן זיך גיין צו דער צוקער־פאַבריק. ער איז געגאַנגען און האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון פאַרוואָס ער האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואָרט אויף אָט דער באַגעגעניש. צו וואָס, אייגנטלעך, גייט ער? וואָס דער־וואַרט ער? נאָר וואַצעק האָט וועגן ראדענסקי׳ן גערעדט אַזוי וואַרעם און ער, שלמה, האָט אין דעם נייעם אָרט, ביים שווער אין שטוב, און מיט די נייע מענטשן אַרום, זיך געפילט אַזוי איינזאַם אין זיינע טראַכ־טונגען און זוכונגען, אַז ער האָט געגאַרט וואָס גיכער זיך צו טרעפן מיט ראדענסקי׳ן.

ס׳איז ניט געווען שווער צו דערוויסן זיך, וואו ראַדענסקי וואוינט. אַלע, דאַכט זיך, האָבן אים דאָ געקענט.

שלמה האָט אים געטראָפן אַרויסגייענדיק פון שטוב, מיט אַ שטאָק אין האַנט. דאָס פּנים ערנסט און בלאַס, איינגעראַמט אין אַ געשוירן בערדל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכטן לייוועַנטענעם רעקל, מיט אַ שטרויענעם פּויערישן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ.

שלמה איז געבליבן שטיין. ניט דרייסט אַרויסגערעדט: „פּאַניע ראַדענסקי?״...

ראַדענסקי האָט אויפגעהויבן די אויגן און פרעגנדיק אים אָנגעקוקט.

— יע, יונגערמאַן, דאָס בין איך. וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר?

— כ׳האָב געוואָלט... — שלמה האָט זיך עטוואָס פאַרלאָרן, — כ׳האָב זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט אייך.

ראַדענסקי׳ס פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

— זייער אָנגענעם, — האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט. — און ווער זענט איר?

— איך?... שלמה ראָטשטיין. מענדל פאַריצעווער׳ס איידעם.

— אַ, כ׳דערמאָן זיך, כ׳האָב אייך, דאַכט זיך, געזען. וואַרט נאָר, וואַרט! זענט איר ניט דערזעלבער יונגערמאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין פעלד צוזאַמען מיט די פּוילישע פעלד־אַרבעטער. וואַצעק האָט מיר וועגן דעם דערציילט.

— יע. דאָס בין איך געווען.

— וואָס־זשע, מיטאַמאָל פאַרגלוסט זיך אייך צו אַרבעטן אין פעלד?

שלמה האָט פאַרטראַכט געשוויגן, ווי ער וואָלט געזוכט דעם פּאַסיקן ענטפער.

— ס׳איז מיר ענג געוואָרן אין דושנעם בית־המדרש. און די געוואוינהייט צו אַרבעט האָט מיך גערופן.

— איר זענט דען אַן ערד־אַרבעטער?

— ניין. מיר האָבן געהאַט אַ מיל. געוואוינט ביים טייך. אַרום און אַרום ברייטע לאַנקעס. אָפענע פעלדער. איך האָב ליב געהאַט אַרויסצופאָרן מיט די שכנים. העלפן זיי. האָט דאָס פעלד גערופן...

ראַדענסקי׳ן איז געפעלן געוואָרן די אָפנקייט פון זיין רעדן. ס׳האָט זיך געפילט אין זיינע רייד אויפריכטיקייט און יונגער דראַנג. ער האָט געזאָגט:

— קומט מיט מיר! איך קלייב זיך אויף אַ שפּאַציר, וועלן מיר שמועסן אויפן וועג.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג שווייגנדיק, האָט ראַדענסקי ווידער אָנגעהויבן.

— זענט איר, הייסט עס, מענדל פאַרעצעווער׳ס איידעם. צו וואָס־זשע שטרעבט איר? אַוודאי אַריינגיין מיטן שווער אין מסחר.

— כ׳ווייס ניט. — האָט שלמה געענטפערט.

— צי אפשר זענט איר אַ וואויל־לערנער, און איר ווילט דערגרייכן רבנות?

— געווען צייטן, ווען איך האָב אַזוי געטראַכט. איצט ווייס איך ניט...

— אייער שווער איז אַ פאַרמעגלעכער. אַ פיין הויז. איז דאָך אייך גוט. ביי אונדז, יידן, זוכט מען דאָך תכלית, וואָס־זשע רופּעט אייך?

— אָט דאָס, טאָקע, פרעג איך זיך אַליין. איך וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין צופרידן. דאָך... איך מוז אייך דערציילן...

און שלמה האָט מיט האַרץ איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן מיטן טאַטן זיינעם, און מיט אים אַליין. די גאַנצע געשיכטע מיט פאַן סטריזשעווסקי און זייער משפחה.

— איך זע איצט פאַר זיך אַ וועלט, וואָס איז פול מיט רשעות און אומגערעכטיקייטן. איך פיל, אַז איך מוז קעגן אָט דאָס רשעות שטרייטן, ווייל מיטן שם־המפורש ווערט מען דאָס ניט אויסקאַרעניען, — האָט שלמה פאַרענדיקט.

ראַדענסקי׳ן האָט שלמה׳ס אויסגוס אונטערגעהויבן. ער האָט זיך דערפילט נאָענט צו אים, ווי צו אַ ברודער. ער איז געבליבן שטיין.

געבליבן שטיין איז אויך שלמה. ראַדענסקי האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען און וואַרעם געדריקט די האַנט. מיט אויגן צעשטראַלטע האָט ער געזאָגט.

— איך דאַנק אייך, פריינט! איר האָט מיך דערפרייט. איר זענט, אַזוי ווי איך, דער שטענדיקער זוכער פון נייע וועגן. זייט־זשע דרייסט. האָט ניט קיין מורא צו גיין צום ליכטיקן מאָרגן. ווייל נייע צייטן... זיי... זיי קומען אונדז אַנטקעגן. דורך שטיינערנע בערג פון אַלטוואַרג, דורך דערנער און ווילד־גראָז, קומט אויף דער שפּראָץ פון יונגן טאָג. איר, איך, — מיר זענען פון יענע אומגעדולדיקע, וואָס שטייען אויף פאַרן טאָג, צו באַגעגענען די זון. אוונטעראײילן זי...

ראַדענסקי האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט זיין רעדן. ער האָט דערזען שלמה׳ס שטום־פרעגנדיקן בליק. האָט ער דאַן באַגריפן, אַז ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זיין אַלטע געוואוינהייט. אפשר האָט ער צו

באַגייסטערט, צו הויך גערעדט. אָבער ס׳מאַכט ניט. שלמה וועט עס שפּעטער באַנעמען. איצט האָט ער גענומען רעדן געלאַסן.

— הערט־זשע, פריינט מיינער! אייער סענסיטיווע נשמה האָט, ווי אַ פּילבאַרער ווייזער, דערזען דאָס רשעות. עס איז ניט נאָר קעגן אונדז יידן אַליין געווענדעט. די שטאַרקע, די מעכטיקע, די פּאַנעס ווענדן דאָס אויך קעגן די אָרעמע פּויערים. און ניט נאָר ביי אונדז אין פּוילן איז עס אַזוי, נאָר ס׳איז אַזוי אומעטום אויף דער וועלט. אַט אַנטקעגן דעם מוזן מיר זיך ווערן. דער רעוואָלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין פראַנקרייך. עס וועט קומען אויך אַהער. מיר וועלן ניט בלייבן שטיין אַן אַ זייט. אַט צו דעם דאַרף מען זיין צוגעגרייט. ס׳איז נויטיק מער פאַרשטאַנד. מער וויסן ווי אַזוי און פאַרוואָס ס׳איז צו דעם געקומען. און ווי אַזוי מיר קענען זיך ווידערשטעלן.

זיי זיינען געבליבן שטיין ביים ראַנד פון אַ וועלדל. ראַדענסקי האָט שטיל און פאַרטראַכט געקוקט אינדערהויך, צו די העל־גאָלדיקע וואָל־קענדלעך אין מערב, וואָס האָבן זיך געלאָשן. ער האָט געקנייטשט זיין שטערן.

דערנאָך האָט ראַדענסקי איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ פראַגע.

— דייטש קענט איר?

שלמה האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער פרעגט אים מיטאַמאָל צי ער קען דייטש.

— ניין. כ׳קען ניט.

— לשון קודש קענט איר דאָך?

— אוודאי.

— גוט. כ׳וועל אייך געבן מיינס אַ חיבור, וואָס איז נאָך אין כתב־יד. לייענט עס און מיר וועלן דערנאָך שמועסן וועגן דעם אינהאַלט. עס וועט אייך דאַן קלאָרער ווערן די וועלט אַרום און איר געראַנגל.

ראַדענסקי האָט וואַרעם געדריקט שלמה׳ס האַנט.

— איך בין צופרידן צו האָבן אייך געטראָפן. מיר וועלן זיך ווידער זען אין צוויי טעג אַרום. טאַקע די זעלבע צייט. אַט־אָ־דאָ ביים וועלדל. ער האָט אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ געזעגענונג און איז אַוועק.

שלמה איז געבליבן שטיין. האָט אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך געפילט אויפגעהייטערט. דאָס האַרץ איז פול געווען מיט האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

אויף די שפּיצן פון די ביימער האָבן זיך געלאָשן די לעצטע זון־שטראַלן.

קאַפּיטל עלף

מיט לאַנגזאַמען, אָבער מער פעסטן טראָט איז ראדענסקי געגאַנגען צוריק אַהיים.

די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. אָוונט־טונקלקייט האָט גע־נידערט. האָט פאַרנעפּלט די קאָנטורן פון אַרומיקער לאַנדשאַפט אין נאַכטיקע שלייערן. נאָכן הייסן טאָג איז איצט געווען פריש און דער־קוויקנד, און ראַדענסקי האָט מיטן פולן ברוסט געצויגן אין זיך די דופטיקע לופט.

ער האָט זיך איצט געפילט מונטערער, יונגער, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ בינטל יאָרן. די באַגעגעניש מיט שלמה'ן האָט אים אָנגענעם איבערראַשט און דערפרייט. פאַר די פאָר יאָר, וואָס ער איז דאָ, אין די מקומות, איז דאָס צום ערשטן מאָל, וואָס ער טרעפט אַזאַ יידן. און אפשר איז דאָס זיין אייגענע שולד. האָט ער זיי דען געזוכט ?

ס'איז ניט געווען סתם אַ פראַגע, עס איז געווען מער אַ פאָרוואורף צו זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט די „שלמה'עס", וועמען ס'איז ענג אין בית־מדרש, וועלכע חלומ'ען פון אָפענע פעלדער, ווייטע האָריזאָנטן. וועמען ס'ציט צו געזונטער ערד־אַרבעט, צום מיל, צום טייך, ניט געזען פריער. ווען ניט וואַצעק וואָלט ער זיך אפשר קיינמאָל ניט גע־טראָפן מיט שלמה'ן. און אַזעלכע ווי שלמה זענען פאַראַן נאָך אין שטעטל. ער, ראדענסקי, האָט דאָך זיי שטענדיק אינזינען געהאַט. פאַר זיי האָט ער דאָך געשריבן זיין ביכל.

ווי צו פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער איז אַהער, אין דעם געגנט געקומען. ס'איז געווען אַ צופאַל.

געבראַכט אַהער האָט אים פאַן וועגעווסקי, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון פראַנקרייך. ער, פאַן וועגעווסקי, האָט געהאַלטן אין עפענען אַ צוקער פאַבריק. ער האָט געזוכט אַ פעאיקן און ערלעכן בוכהאַלטער. אַ באַקאַנטער זיינער האָט אים רעקאָמענדירט ראַדענסקי'ן, און פאַן וועגעווסקי האָט אים אָנגעשטעלט.

ראדענסקי איז געקומען קיין פוילן און האָט זיך די ערשטע צייט געפילט פרעמד. קיין קרוב און פריינט האָט ער דאָ ניט געהאַט. און די סביבה איז געווען ניי. ער האָט זיך באַזעצט אַליין אין אַ שטיבל, ניט

ווייט פון דער צוקער־פאַבריק. געווען איז ער נאָך אַלץ אַ בחור. גע־לעבט אָפּגעזונדערט. אַן אַלטע פויערטע פלעגט ראַמען די שטוב און אָפּקאָכן פאַר אים עסן.

די ערשטע טעג איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט איינשטעלן די ביכער און חשבונות. דאָס האָט אים אינגאַנצן פאַרשלונגען.

די יידישע סוחרים, וואָס פלעגן קומען אין צוקער־פאַבריק איינ־קויפן, אָדער צושטעלן געוויסע פּראָדוקטן, ווי אויך די מעקלער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום פּאַן וועגעווסקי, האָבן אים געזען אַ פאַרנו־מענעם און ניט געהאַט צו אים קיין צוטרוי. עפּעס אַ מאָדנער ייד. אָנגעטאָן גייט עס ווי אַ דייטש, מיט אַ קורץ רעקל און הוט. די באָרד — אויך ניט יידישלעך געשאָרן. ער לעבט מיט די גויים. אַוודאי מוז ער ניט זיין אָפּגעהיט אין יידישקייט. ווער ווייס, גאָר צי ער דאַוונט?

ראַדענסקי האָט אָט די באַציאונג צו אים געפילט, און עס האָט אים פאַרדראָסן, ווייל טיף אין זיך האָט ער געטראָגן אַ שטאַרקע צוגע־בונדנקייט צום יידישן שטאַם און גורל. אמת, ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די איבערגעטריבענע פרומקייט. די יידישע אָפּגעזונדערט־קייט און איינגעשלאָסנקייט. און ער האָט אויך ניט געקענט פאַרטראָגן זייער הכנעה׳דיקייט צום פּאַן וועגעווסקי. דערפאַר פלעגט מען אים אין שטעטל מיט די יידן ניט זען צו אָפט. אין שול פלעגט ער קומען בלויז ראש־השנה און יום־כיפור, און געהאַלטן זיך אָפּגעזונדערט.

ער האָט זיך נייגעריק גענומען צוקוקן צום לעבן אַרום אים. און דאָ האָט ער דערזען דאָס שווערע לעבן פון די אַרבעטער, און פון די פויערים אין פעלד. האָט זייער גורל אים צוגעצויגן און ער האָט גע־זוכט מער צו דערנעענטערן זיך צו זיי. ער האָט זיך אויסגעלערנט אין אַ קורצע צייט צו רעדן פויליש און זיי, די אַרבעטער און ערדלאָזע פויערים, האָבן אין אים דערפילט אַ פריינט.

ער האָט זיך געהאַלטן פּשוט און האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון דעם לעבן אין די לענדער, וואו ער איז אויסגעוועזן. ער האָט זיי אויפגעהויבן פון זייערע טעגלעכע דאגות און גרויקייט און געמאָלן פאַר זיי בילדער פון אַ בעסערן לעבן, אָט ווי די פראַנצויזן האָבן עס באַוויזן אין זייער לאַנד. דאָרטן איז מער ניטאָ קיין פּאַנסטשיזנע. די ערד האָט מען צעטיילט צו די, וואָס ווילן זי באַאַרבעטן. אַלע שטאַנדן זענען גלייך. ראַדענסקי האָט די פויערים פאַרכאַפּט מיט דער וויזיע פון אַ נייער אָרדענונג וואָס וועט קומען...

דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אַזוי, אַז עס זאָל ניט אויפרייסן די אויגן.

און ניט אַרויסרופן דעם צאָרן פון די פּאַנעס. ער האָט גערעדט, ווי ער וואָלט זיי לייענען בלעטער פון זיין אייגענעם לעבן אין יענעם לאַנד.

האָבן די פּוילישע באַטראַקעס און אַרבעטער פון צוקער־פאַבריק, געקוקט אויף דעם פון אָנהויב ווי אויף „באַיקעס״. עט, מעשה׳לעך! זיך פאַרלאָפן ווער ווייס וואו. און דערציילן דערציילט עס ווער? אַ זשיד! די אַלטע אומצוטרוי האָט אַ לאַנגע צייט געשטערט די דער־נעענטערונג.

אָבער באַלד האָבן אייניקע גענומען באַנעמען, אַז דאָס האָט דאָך צו טאָן מיט זייער אייגענעם לעבן. ווי לאַנג וועלן זיי אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין? און די פּויערים, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּאַרבעטן פאַר די פּאַנעס אַ געוויסע צאָל טעג אומזיסט, האָבן אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך, אַז ס׳איז שוין צייט, די ערד זאָל געהערן צו די, וואָס באַאַרבעטן זי מיט זייער שווייס.

און ביסלעכוויז האָט זיך אַרום ראַדענסקי׳ן געגרינדעט אַן אייגע־נער קרייז פון אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן גע׳חלומ׳ט פון זייער באַפרייאונג. זיי האָבן געטרוימט פון אַ נײַ פּוילן, פריי פון פרעמדן יאָך, פריי פון די פּאַנעס, מיט גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן.

ראַדענסקי האָט צו זיי אויך גערעדט וועגן די יידן, אַז דער יידישער בעל־מלאכה און יידישער האָרעפּאַשניק, איז פּונקט אַזוי ווי זיי, אין שטענדיקן געראַנגל פאַר אַ שטיקל ברויט. אַז אויך די יידן איז טייער זייער געבורטס־לאַנד — פּוילן, און זיי וועלן פאַר איר קעמפן. און אין נייעם פּוילן דאַרפן אַלע זיין גלייכבאַרעכטיקט.

און איינער פון אָט דעם קרייז איז וואַצעק געווען. און ער האָט עס דערציילט ראַדענסקי׳ן וועגן שלמה׳ס אַרבעט אין פעלד.

***

ראַדענסקי איז אַריין אין שטוב. איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און זיך אַריינגעזעצט אין באַקוועמען שטול, ניט אָנצינדענדיק די ליכט.

ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון זיין באַגעגעניש מיט שלמה׳ן. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען שלמה׳ס רייד. אין זיי איז געווען אַ פרישקייט. הינטער דער היציקייט, מיט וועלכער שלמה האָט גערעדט, האָט ראַדענסקי אַרויסגעפילט אַ זוכנדע נשמה, וואַגנדיקע יוגנטלעכקייט און אַ גרייטקייט נאָכצופאָלגן דעם רוף פון האַרץ.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער יוגנט. ווי לאַנג איז עס, אַז ער אַליין האָט זיך געראַנגלט מיט די זעלבע מחשבות. דער אַנקוועל

פון זכרונות האָט אים געבראַכט צוריק צו זיין היימיש שטעטל, ביי די ברעגן פון דער וויליע. צו דער אָרעמער שטוב, צו טאַטע־מאַמע...

פרי האָט ער זיין פאָטער פאַרלאָרן. ער איז קוים ניין יאָר אַלט געווען.

ער געדענקט יענעם טאָג, ווען זייער שטוב, וואָס איז אַלעמאָל פול געווען מיט טומל פון די שטיפנדיקע קינדער, מיטן טאַטנס חזנות, וואָס ער פלעגט האַרציק אויסציען ביי דער שניידעריי־אַרבעט, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאָמער־טאָל.

אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט שוואַרצן איז דער טאַטע געלעגן. די מאַמע אויסגעצויגן לעבן אים האָט געיאָמערט: „אויף וועמען לאָזטו מיר איבער מיט פיר פיצלעך קינדער. אוי, ווי און וויסט איז מיין לעבן אָן דיר...״

ער, איציקל, וואָס איז נאָך דעמאָלט אין חדר געגאַנגען, האָט גע־פילט, ווי עס שניידט אים פון דער מאַמעס רייד. זיין קינדהייט האָט זיך דעמאָלט אָפּגעהאַקט. ער איז דאָך דער עלטסטער. ער וועט העלפן דער מאַמען...

נאָר די מאַמע האָט צו דעם ניט דערלאָזן. זי האָט ניט געוואָלט אַוועקנעמען איציקלען פון לערנען. פלעגט זי אויפשטיין פאַרטאָג, אָפּ־געקאָכט אַ גרויסן טאָפּ מיט אַרבעס, איינגעוויקלט עס אין אַ האַנטוך, ס׳זאָל אָנהלטן די וואַרעמקייט, און אַרויס מיט דעם אין מאַרק. פון דעם האָט זי מפרנס געווען די משפחה פון פינף.

און עס גייען, פאַר אים, ראַדענסקי׳ן פאַרביי די יאָרן פון לערנען אין דער ישיבה. אַליין אין דער פרעמד. קיינמאָל ניט געגעסן צו זעט. געשלאָפן אין בית־מדרש אויף דער האַרטער באַנק. מיט אַ העמד און בגדים איז גאָר געווען שלעכט. און דאָך האָט ער אין יענע יאָרן געהאַט אַ סך דערהויבנקייט. ווי אָפט האָט ער זיך געקוויקט מיט אַ טיפן שיעור אין דער גמרא. געפונען דאָרטן אַ שאַרפן אַריינבליק אין לעבן. ער האָט דעמאָלט געזען אין דער טיפקייט פון דער תורה אַ קוואַל, וואָס קען אַלץ אויפקלערן און פאַרענטפערן.

ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זיך געפרייט מיט זיין ערשטן פאַר־דינטן פינף און צוואַנציקער, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין מלמדות. אַ גאַנצן זמן האָט ער געקנעלט באַ אַ ישוב׳ניק. ער האָט זיך ניט פאַר־גינען אויסצוגעבן אויף זיך מער ווי דאָס סאַמע נויטיקסטע. דאָס איבעריקע האָט ער אַוועקגעגעבן דער מאַמען.

אַך, מאַמע, מאַמע, טייערע... וואָס האָסטו געהאַט אין דיין לעבן? עס האָט אים פאַרדריקט אין האַרצן און אַ טרער האָט גענומען קוועלן.

יע. קיין סך נחת האָט זי אויך דעמאָלט ניט געהאַט פון אים.

צוזעענדיק דעם אָרעמען לעבן אַרום און ווי די מאַמע שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, האָט ער עס ניט געקענט פאַרטראָגן. די יידישע וועלט איז אים ענג געוואָרן.

גראָד דעמאָלט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ זון פון אַ רוסישן באַאַמטן. אָנגעהויבן צו לערנען זיך באַ יענעם רוסיש. מיט עקשנות האָט ער געלערנט די רוסישע גראַמאַטיק און מיט אַ ניט געשטילטן דורשט געלייענט רוסישע ביכער. ער האָט גע'חלומ'ט אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט.

ראַדענסקי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן: „טרוימען, טרוימען, וואו איז אייער זיסקייט״?

יע. אַלץ איז געווען בלויז אַ חלום, און וואָס איז געבליבן?...

אין אוניווערסיטעט איז ער ניט אַריין. איז ער געפאָרן קיין דייטש־לאַנד לערנען. שווער געאַרבעט און געלערנט. דערנאָך האָט ער עס אויך געוואָרפן. די געשעענישן אין פראַנקרייך האָבן אים פאַרכאַפּט. ער האָט דערזען אַ נייע וויזיע: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. אַ נייע האָפענונג פאַר אַלע מענטשן. איבערהויפּט אַ נייע האָפענונג פאַר זיין אייגן פאָלק.

ראַדענסקי האָט זיך דעמאָלט פאַרבונדן מיט פירנדיקע פערזאָנען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָבן אַזוי ווי ער גע'חלומ'ט פון אַ גייסטיקער איבערקערעניש אין יידישן לעבן, וואָס וועט אויך ברענגען צו אַ בעסערן מאַטעריעלן מצב.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט נאָך ניט פאַרענדיקט צו זיינעם אַ פריינט אין וואַרשע. און ער האָט אָנגעצונדן די ליכט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָ, אין איינזאַמען שטיבל, איז ראַדענסקי געווען ווייט פון דעם „מענטש״, וואָס האָט געהאַלטן די חשבונות פון גרויסן זאַוואָד. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון חלומות. דער שרייב־טיש איז געווען אָנגעהורדעט מיט פאַרשידענע כתבים. ער האָט אויפ־געזוכט דעם בריוו צו זיין פריינט אין וואַרשע און האָט עס נאָכאַמאָל געלייענט.

„...איך טראַכט און טראַכט פון דעם אָפענעם רויב, וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט. ווי מען נעמט און מען רייסט שטיקער לאַנד פון פוילן און מען רעכנט זיך גאָרניט מיט די וואונטשן פון די מענטשן, וואָס באַוואוינען דעם לאַנד.

איך טראַכט אויך פון דעם, וואָס דער שטאַרקערער שלינגט איין דעם שוואַכערן. און מיר ווערט קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה פון אַלע צרות אויף דער וועלט איז די מאַטעריעלע נויט.

בפרט ווייטיק איך, צוקוקנדיק צו דער אָרעמקייט פון אונדזער פאָלק, וואו בלויז געציילטע זענען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה. דער גרויסער רוב זענען אָבער עניים מטופּלים, וואָס ראַנגלען זיך ווי עס איז דורכצולעבן אַ טאָג.

איך ווייטיק און גיס זיך אָפּ מיט שאַנדע, צוזעענדיק אונד־זערע ברידער וואָס קומען אַהער פון פריערדיקן פּוילן, פון פּרייסן און פון עסטרייך. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע שלייכן זיי זיך אַרום. זייער היימלאָזיקייט, זייער אָרעמקייט שרייט צו די הימלען. זיי בלאָנקען איבער די וועגן און שטעטלעך און זוכן צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ און פאַרערגערן די אַזוי אויך שווערע לאַסט פון די היגע יידן.

אָט די וואַנדערער, וועמען די פּאָליאַקן רופן מיט שפּאָט „זאַקאָרדאָנאָווע האָלאָטאַ", זענען פאַר אונדז דער סימבאָל פון אונדזער נע־ונד. אָט זענען זיי געווען איינגעוואָרצלטע איינוואוי־נער פון לאַנד, און אָט ווערן זיי אויסגעריסן פון זייערע היימען און מוזן זיך שליאָנדערן איבער די וועגן.

איך זע די גאַנצע וועלט איז איין צער און נויט, איך קען זיך ניט באַרואיקן. איך וועל ניט אויפהערן צו וועקן און אויפקלערן, אַז עס מוז קומען אַ נייע וועלט מיט מער יושר"...

ראדענסקי האָט דעם בריוו ניט פאַרענדיקט. דער שיקזאַל פון די אַרויסגעטריבענע פּוילישע יידן פון די טיילן פון די טיילן וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו עסטרייך און פּרייסן האָט אים געבראַכט אויפן געדאַנק, אַז די יידישע צרות און נויט וועלן ניט אויפהערן, כל זמן די יידן וועלן זיין אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. ער האָט געטראַכט אַז ווען מען זאָל האָבן מיטלען, וואָלט מען די דאָזיקע יידן געדאַרפט באַזעצן אין ארץ ישראל. יידן זאָלן פאָרן אַהין ניט צום שטאַרבן, נאָר צו באַלעבן די אַלטע היים. ער האָט באַ־קרעפטיקט זיינע געדאַנקען מיט דער לאָגיק פון באַפרייאונג, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע טראָגט אין זיך.

ער האָט געוואוסט, אַז אָט די געדאַנקען וועלן קלינגען ווי אַן אָפּ־לייקענונג צו אַלץ, וואָס זיי, די אויפגעקלערטע יידן, האָבן פריער גערופן, צו בילדונג, צו דערלערנען די שפּראַך פון לאַנד און צו גלייכ־באַרעכטיקונג. האָט ראדענסקי געלאָזט דעם בריוו ליגן און גענומען זיך צו אַן אַנדער אַרבעט, כדי אַרויסצוברענגען און באַקרעפטיקן די

נייע געדאַנקען. אים האָט זיך געדאַכט אַז די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק איז אַ פאָרזעצונג פון די אייביקע אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע... דער דראַנג צו אן אייגענע היים, אין ארץ־ישראל, איז קיינמאָל פון אונדז יידן ניט אָפּגעטראָטן. טיף אין אים איז געווען דער גלויבן אין די כוחות פון זיין אייגענעם פאָלק און ער האָט אין זיינע טראַכטונגען ניט געזען קיין סתירה צום גלויבן אין דער באַפרייאונג פון פוילן און פון פאַנסטשינע.

ער האָט אָבער ניט געהאַט מיט וועמען צו טיילן זיך מיט דעם אָנפלוס פון די נייע אידעען. מיט וואַצעקן און מיט זיינע חברים האָט ער וועגן דעם ניט געקענט רעדן. שלמה וועט זיין דער ערשטער מיט וועמען ער וועט זיך טיילן און אַרומרעדן די זאַך.

***

נייע טעג זענען איצט אָנגעקומען פאַר שלמה'ן. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דעם טאָג און שעה פון זיין באַגעגעניש מיט ראַדענסקי'ן.

ער האָט שוין געפונען אַ תירוץ פאַר דער ווייב, אַוועקצוגיין פון שטוב. מיט איילענדיקן טראָט, מיט א האַרץ פול מיט דערוואַרטונגען, פלעגט ער גיין צום וועלדל, וואו ראַדענסקי פלעגט שוין וואַרטן אויף אים.

די צייטיקע פעלדער פון קאָרן און ווייץ האָבן אים געגריסט, וויגנדיק זייערע שווערע זאַנגען קעפּלעך. די טעג זענען געשטאַנען לויטערע, וואַרעמע. צוקומענדיק נאָענט, איז שלמה כמעט ווי געלאָפן.

ראַדענסקי האָט אים וואַרעם געגריסט. ביידן האָט געצויגן איינס צום אַנדערן.

שלמה האָט פון ראַדענסקי'ן געקראָגן ביכלעך, העפטן און זיין, ראַדענסקי'ס ביכל, אין כתב־יד.

שלמה האָט עס באַהאַלטענערהייט געלייענט אין בית־מדרש. פלעגט עמיצער אַריינקומען, פלעגט ער אויף גיך פאַרשטעקן עס אין שטענדער, אָדער פאַרדעקן מיט אַ ספר.

נפתלי הערץ וויזעלס קונטרס „דברי שלום ואמת" האָט פאַר שלמה'ן אויפגעוויקלט אַ נייעם געדאַנק: אַז מען דאַרף קענען לשון קודש און אויך די שפּראַך פון לאַנד.

אין די ביכלעך האָט זיך דערציילט פון דער אייביקער אומגערעכטיקייט פון די רייכע קעגן די אָרעמע. עס האָט זיך דערציילט וועגן דעם שטרייט פון דעם פראַנצויזישן פאָלק אָפּצושאַפן אָט די אומגע־

רעכטיקייט, וועגן דעם אויפשטאַנד, ווי די אָרעמשאַפט האָט געשטורעמט די תפיסות און באַפרייט די קעמפער פאַר פרייהייט. ווי זיי זענען גע־גאַנגען קעגן קעניג. האָבן אים אַרונטערגעזעצט און דערנאָך גע׳משפט. ווי מען האָט צוגענומען די גיטער פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער און עס צעטיילט צו די פויערים, וואָס האָבן עס באַאַרבעט.

שלמה׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער לעבט ווידער אין דערהויבנקייט פון טיפע קוואַלן, ווי אַמאָל. אַז די אמת׳ן האָט ער שוין געלערנט אין תנ״ך. ער האָט ווידער גענומען לייענען די ווערטער פון נביא עמוס, וואָס האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק גערעדט צו די יידן, געשטראָפט זיי:

„פאַר פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן,
און דעם אביון פאַר אַ פאָר שיך.
זיי, וואָס ווילן איינשלינגען דעם שטויב ערד
אויפן קאָפּ פון די אָרעמע.
און דעם וועג פון געדריקטע פאַרדרייען זיי.
און אַ מאַן און זיין פאָטער גייען צו איין מיידל,
כדי צו פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען.
און אויף פאַר׳משכנ׳טע קליידער ציען זיי זיך אויס
לעבן יעדן מזבח.
און וויין פון די באַשטראָפטע טרינקען זיי אין הויז פון גאָט״.

שלמה׳ס הארץ האָט געשטורעמט קעגן דער וועלטס רשעות. עס האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו די מענטשן וואָס פראַצעווען אַ גאַנץ לעבן אין אָרעמקייט און ענגשאַפט און עס האָט אים דערנענטערט צו וואָצעק׳ן און זיין גלייכן.

ער האָט ווי אַ דורשטיקער געלייענט ראַדענסקי׳ס כתב־יד, וואו דער לעצטער האָט גערעדט מיט פייער, אַז עס איז פאַראַן אַ פאָלק אויף דער וועלט. און דווקא דאָס פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געהייסן: „עם חכם ונבון״, איז איצט פאַרגרעבט און אומוויסנד. אמת ניט מיר זענען שולדיק — דאָס איז די ירושה פון דעם ביטערן גלות. פון דער שנאה און שרעק־לעכע רדיפות, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין משך פון לאַנגע צייטן.

„אָבער איצט קומען נייע צייטן. די ווייאונגען פון פרייהייט וועלן אויך דערגרייכן אַהער, אין פוילן. אויך די יידן וועלן אויסגלייכן דעם רוקן. זיי וועלן זיך אויסלערנען די שפּראַך פון לאַנד. אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אַלטן שטייגער פון קליידונג און זיי וועלן ווערן גלייכבאַרעכ־טיקטע בירגער״.

ווייטער רעדט ראַדענסקי וועגן דעם, ווי נוצלעך ס׳וואָלט געווען צו קויפן באָדן אין ארץ ישראל און באַזעצן דאָרטן די היימלאָזע יידן, וואָס קענען ניט געפינען קיין היים דאָ אין פוילן. זיי, די יידן פון די טיילן פון פוילן, וואָס זענען איצטער אַריבער צו עסטרייך און פּרייסן וואָלטן צוריק געקענט אויפלעבן אונדזער אַלטע היימלאַנד — ארץ ישראל.

דאָס אַלץ איז פאַר שלמה׳ן געווען ניי. און ווען ביי זייער באַגעגעניש האָט ראַדענסקי זיך אָנגעפרעגט ביי שלמה׳ן וואָס ער טראַכט וועגן זיין, ראַדענסקי׳ס כתב־יד, האָבן שלמה׳ס אויגן אויפגעגליט מיט באַגייסטערונג:

— „נביא׳ישע חלומות. אָט ווי עס שטייט טאַקע ביים נביא, עמוס:

„גאָט האָט געזאָגט: טעג קומען
און דער אַקערער וועט זיך אָנשטויסן אָן דעם שניטער
און דער טרויבן טרעטער אָן דעם זריעה וואַרפער.
און די בערג וועלן טריפן זאַפט.
און אַלע הויכן וועלן צעגיין.
און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל
און זיי וועלן אָפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן.
און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין.
און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט.
און איך וועל זיי איינפלאַנצן אין זייער ערד
און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד,
וואָס איך האָב זיי געגעבן. זאָגט יהוה, דיין גאָט“

די באַגייסטערונג, מיט וועלכע, שלמה האָט גערעדט האָט אויך ארומגעכאַפּט ראַדענסקי׳ן. ער האָט אַרומגענומען שלמה׳ן.

— זע, דו געדענקסט נאָך!? קענסט נאָך שטיקער פון תנ״ך אויף אויסנווייניק?! ניט אומזיסט האָבן דיינע עלטערן געטראַכט, אַז דו וועסט זיין אַ רב, אַ גדול־בישראל.

אַ ווײַלע זענען ביידע געבליבן שטיל. ראַדענסקי איז געוואָרן ערנסט.

— מיינסטו אַז דאָס זענען בלויז חלומות?

— איך ווייס ניט. ביי יעדן יידן לעבט דער חלום פון אַן אייגענער היים. איך געדענק, ווען איך האָב געגעסן טעג אין קאָנעוויץ, האָב איך געהאַט אַ טאָג באַ אַ יידן, אַ שוסטער. האָט ער אויך געגלויבט באמונה

שלמה, אַז יידן וועלן נאָך האָבן זייער אייגענע היים אין ארץ־ישראל. זיי וועלן עס אָפּקויפן פון טערק פאַר אַ שיבוש.

ראַדענסקי האָט זיך צעשמייכלט. געטראַכט. דערנאָך געזאָגט.

— פאַרוואָס זאָלן יידן פאָרן קיין ארץ ישראל בלויז צו שטאַרבן? פאַרוואָס זאָלן זיי ניט פאָרן אַהין צו לעבן און צו בויען. טאַקע ווי יענער באַקאַנטער אייערער זאָגט. אָפּקויפן ביסלעכווייז שטיקער ערד. ווערן ערד־אַרבעטער. בויען ישובים. איך האָף ס׳וועט קומען די צייט. מען דאַרף צו דעם רופן.

אַ שטיקל צייט זענען זיי געגאַנגען זייט ביי זייט שווייגנדיק. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף אַ בערגל, ניט ווייט פון וועג. ראַדענסקי האָט באַמערקט ווי שלמה קוקט אַן ערנסטער צו דער פאַרגייענדיקער זון. די קנייטשן אויפן שטערן האָבן אַרויסגעגעבן זאָרג. פון דער פריערדיקער באַגייסטערונג און אויפגעלעבטקייט איז איצט קיין סימן ניט געווען. ער האָט געפרעגט.

— וועגן וואָס טראַכסטו, שלמה? איך זע, עפּעס האָסטו אויפן האַרצן. וואָס דריקט דיר?

שלמה האָט ניט באַלד געענטפערט. ער האָט ניט געוואָלט באַשווערן ראַדענסקי׳ן און דערציילן אים, אַז עס מאַטערט אים דאָס, וואָס ער מוז פירן אַ טאָפּלט לעבן. לפנים מוז ער זיך פירן ווי פריער. זיין פרום און פאַרברענגען אַ סך צייט ביים לערנען, הגם עס מאַטערן אים ספיקות. ער האָט ניט אָפּגעווייכט פון די עיקרים, פון די מצוות פון דער תורה, אָבער אויף די אַלע מנהגים, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן שפּעטער, האָט ער זיך באַצויגן מיט ספק.

ער האָט אים אויך ניט געקענט זאָגן, ווי שווער ס׳איז צו שפּילן דעם איבערגעגעבענעם, צוגעלאָזענעם מאַן צו זיין ווייב, פרומע, כאָטש זי איז איצט נאָך ווייטער און פרעמדער פון אים, ווי פריער, און אַז ער ברעכט זיך דעם מוח ווי צו געפינען אַן אויסוועג. ער האָט ווי צו זיך געזאָגט:

— אָט טראַכטן מיר ווי איבערצובויען דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק. און אָט איז מיין אייגן לעבן... איך פיל, כ׳קען שוין מער ניט אויסהאַלטן. עס וואַקסט אין מיר אַ מרידה קעגן מיין זאַטן, פוסטן לעבן. און ווי צו ענדערן עס, דאָס ווייס איך ניט.

— דו זאָלסט באַדאַרפט אַוועקפאָרן פון דאַנען. איך וועל דיר געבן אַ בריוו צו מיינעם אַ פריינט אין וואַרשע. ער וועט דיר העלפן.

— ווי אַזוי?

— כ׳ווייס? ער וואָלט דיר געשאַפן שטונדן ביי רייכע בעלי־בתים. ווער אַ לערער פון העברעאיש.

— שלמה איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. געמאַכט אַ טראָט. אָפּגעשטעלט זיך און באַלד ווידער זיך געזעצט און מיט ביטערקייט גע־זאָגט.

— אַ מלמד, אָ, ניין! כ׳וויל ניט זיין קיין מלמד. כ׳וויל ערלעך פאַרדינען מיין ברויט מיט פּראַצע. כ׳וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַ מילנער, צי לעבן פון ערד אַרבעט. אָבער די מילן און די ערד געהערט צו די פּאַנעס... און אַמאָל טראַכט איך גאָר צו אַנטלויפן קיין דייטש־לאַנד. שטודירן...

ראדענסקי האָט ניט געהאַט וואָס אים צו ענטפערן. ער איז דאָך אַליין געווען אין דייטשלאַנד און האָט גוט געוואוסט דעם לעבן פון די אָרעמע סטודענטן אין אויסלאַנד. האָט ער געשוויגן.

נאָר אינגיכן איז געשען עפּעס וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט שלמה׳ס לעבן.

קאַפּיטל צוועלף

ס'איז געווען די צייט פון שניט. טעג זענען געשטאַנען זוניקע, הייסע. די שפּע אויף די פעלדער איז געווען פול. דער קאָרן, ווייץ, גערשטן און אַנדערע תבואות זענען געוואָרן צייטיק. די זאַנגען האָבן זיך, פון שווערקייט, צו דער ערד געבויגן און האָבן געוואַרט אויפן שניטער. מען האָט זיך געמוזט איילן, אַניט וועלן די זאַנגען זיך אויס־שיטן, און די שפּע וועט צו גרונט גיין, יעדע אַרבעטס־האַנט איז געווען טייער.

און דאָ האָט וואַצעק און די אַנדערע פּויערים, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּאַרבעטן פאַר דעם פּאַן זייער צאָל טעג, זיך צוזאַמענגערעדט און אָפּ־געזאָגט זיך אַרויסצוגיין אין פעלד צו דער אַרבעט.

אומזיסט האָט דער עקאָנאָם זיך געבעטן ביי זיי, ניט צו ברענגען אויף זיך קיין אומגליק.

— גייט אַרויס צו דער אַרבעט! אַניט וועט דער פּאַן אַראָפּברענגען אַהער סאָלדאַטן. פאַר בונטעווען קעגן דעם געזעץ וועט איר טייער באַצאָלן. עס וועט אויסגיין צו אייערע לעבנס.

עס האָט ניט געהאָלפן. און אין איין פרימאָרגן איז דאָס גאַנצע דאָרף אַרומגערינגלט געוואָרן מיט סאָלדאַטן. מען האָט פאַרנומען אַלע די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין אין פעלד צו דער אַרבעט.

אויך ראַדענסקי'ן האָט מען אַרעסטירט.

אויף מאָרגן האָבן די קלויסטערס אין אַלע אַרומיקע דערפער געקלונגען. צוזאַמענגערופן די פּויערים פון דעם גאַנצן אַרום. זאָלן זיי זען, וואָס ס'וועט געשען צו די, וואָס שטעלן זיך קעגן געזעץ און קעגן די פּאַנעס.

אין שרעק האָבן אַ סך געזוכט צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. פּויערטעס האָבן געוויינט. געצייטערט פאַר זיך און פאַר די קינדער. זיי האָבן תפילה געטאָן: „הייליקער יעזוס, דערבאַרעם זיך אויף אונדז!...״

אונטער אַ וואַך, מיט אַנטבלויזטע שווערדן, האָט מען די ווידער־שפּעניקע געפירט. און פאַראויס זיי איז געגאַנגען וואַצעק.

ס'איז אים שווער געווען צו דערקענען. דאָס העמד אויף אים איז געווען צעריסן, און אויף אים, ווי אויף די הויזן, פלעקן פון בלוט

צעמישט מיט שטויבן פֿון ערדישע דילן. אַ פֿאַרטריקנט דין שנירל פֿון בלוט, האָט זיך געצויגן פֿון שטערן ביז אַרונטער קין. פֿאַרסמאַליע־טער שוים אויף די ליפּן פֿון מויל. אונטער די אויגן — פֿאַסן, שוואַרץ ווי קויל.

מען האָט די פֿאַרהאַלטענע אַרויסגעפֿירט אויפֿן אָפֿענעם פּלאַץ, קעגנאיבער דעם קאַשטשיאַל. אַן אָפּטיילונג פֿון סאָלדאַטן, אָנגעפֿירט פֿון אַן אָפֿיציר, האָט זיי איבערגענומען פֿון דער וואַך. האָט אָפּגעטיילט פֿון זיי וואַצעקן און אַרויסגערוקט אים פֿאַראויס.

וואַצעק האָט אַרומגענומען מיט זיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגן דעם גאַנצן אַרום. האָט אויפֿגעכאַפּט דעם זוניקן גלי אויף דעם צלם פֿון קאַשטשיאַל, דעם בליאַסק אויף די שפּיצן פֿון אַנטבלויזטע שווערדן.

דערנאָך האָט ער מיט זיינע בליקן אַרומגענומען דעם גרויסן עולם פֿון פּויערים. האָט פֿאַרהאַלטן זיין בליק אויף שלמה׳ן, וועמעס אויגן האָבן פֿון ווייטן מיט פֿייער געגליט. ער האָט דאָך דאָ געקענט יעדן איי־נעם. און פֿאַר זייער גורל האָט זיך איינגעשטעלט. פֿאַר זיי האָט ער די קלעפּ פֿון די סאָלדאַטן אויפֿגענומען.

פֿינצטער און אָנגעלאָדן ווי אַ כמאַרע זענען זייערע אויגן געווען. מיט שנאה האָבן זיי געקוקט צו דעם אָפֿיציר, צו די סאָלדאַטן. די מיילער געשלאָסן.

וואַצעק האָט געטראַכט: „אָט די שטום שטייענדיקע זענען, אין זייער דערצאָרנטקייט, דער גרויסער כוח, וואָס קען אָראָפּשווענקען און פֿאַרניכטן די הענקער און די פּאַנעס. און ער האָט אַריינגענומען אַלעמענס צאָרן און שנאה. ער וועט שטיין פֿאַר זיי ביזן סוף...

דער אָפֿיציר האָט אויפֿגעהויבן זיין האַנט. עס איז געוואָרן שטיל. אַ שטילקייט אָנגעלאָדן מיט שפּאַנונג.

— וואַצעק!!! — האָט דער אָפֿיציר אויסגערופֿן. — איך פֿרעג דיך צום לעצטן מאָל, צי ווילסטו פֿאָלגן דאָס געזעץ און אַרויסגיין טאָן די אַרבעט?

וואַצעק האָט געשוויגן.

— באַטראַכט זיך! וואָס פֿאַר אַ טיפֿול איז, מיטאָמאָל, אַריין אין דיר? דו האָסט אויפֿגעהויבן דיין האַנט אַנטקעגן דעם פּאַן, וואו דיינע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט. אַנטקעגן גאָט׳ס איינשטעלונג. אַזוי איז דאָך דאָס געזעץ פֿון גאַנצן לאַנד.

— אַזוי וועט דאָס ניט אייביק זיין!!! — האָט וואַצעק געענטפֿערט.

— דו וואוינסט דאָך אויף דער ערד, וואָס געהערט צום פּאַן. באַ־

אַרבעסט זי און האָסט פון דעם דיין ברויט. צאָלסט מיט אַרבעט אָפּ פאַר דעם.

וואַצעק האָט אויפגעהויבן זיין האַנט. עס איז שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געקענט הערן, ווי עס זשומען די פליגן איבער די קעפּ. די פּויערים האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער, אויפצוכאַפּן זיינע רייד. וואצעק האָט אויסגעשפּיגן אַ קנויל סלינע, געמישט מיט בלוט. ער האָט גערעדט.

— איך בין אַ פרייער מענטש! צו קיינעם ניט פאַרקויפט. די ערד... ס'איז גאָט'ס ערד. זי געהערט צו די, וואָס באַאַרבעטן זי. זי געהערט אונדז, פּויערים, ווייל מיר האָבן זי דורכגעקנאָטן מיט אונדזער שוויס...

— שווייג!!! — האָט אַ דונער געטאָן דער אָפיציר.

וואַצעק האָט העכער געהויבן זיין קול. געקוקט צו די פּויערים.

— זי געהערט צו איך, ברידער פּויערים. שוין דורות אַז איר צאָלט פאַר דעם מיט אייער בלוט און...

— נעמט אים!!! — האָט אַ דונער געטאָן דער אָפיציר.

די סאָלדאַטן פון וואַך האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף וואַצעקן. ער האָט זיך, מיט די לעצטע כוחות, געווערט. זיי אָפּגעשטופּט. נאָר צוויי סאָלדאַטן האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט. געדרייט זיי אַהינטער. אַ דריטער האָט מיט אַ שטריק פאַרטשעפּעט זיינע פיס. אַ צי געטאָן און וואַצעק האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. די סאָלדאַטן זענען געוועזן אויף אים. געבונדן די הענט.

— גיט אים פערציק שמיץ!

— צוויי סאָלדאַטן זענען צוגעקומען. אין די הענט האָט יעדערער געהאַלטן ריטער פון נוסנבוים־צווייגן, אָן בלעטער.

— הויבט אָן!!! — האָט הייזעריק אַ באַפעל געגעבן דער אָפיציר.

די ריטער האָבן זיך אַ הויב געטאָן און מיט אַ פייף אַראָפּגעלאָזן אויף דעם ליגנדיקן וואַצעקן.

וואַצעק האָט דערפילט אַ שניידיקן ברי און אַ שאַרפן ווייטיק. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און פאַרקלעמט די ליפּן ניט אויסצושרייען. בלויז די פיס האָבן געדריגעט צו יעדן שניד פון ריטער. דערנאָך האָט ער זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ יאָמערדיקן געוואַי.

שלמה'ן האָט וואַצעקס יאָמער אינגאַנצן דורכגענומען. ער האָט אין אים דערהערט דעם וויי־געשריי פון טויזנטער געפּייניקטע, פון פאַר־

שמיסענע ביז טויט. ער האָט אין אים געהערט אויך דעם ווי געשריי פון זיין געשמיסענעם פאָטער.

באַוועלטיקט פון אָט דעם געוואָי, וואָס האָט גערופן צו הילף, האָט שלמה מער ניט געקענט איינהאַלטן זיך. מיט אַ שטויס פון זיינע קרעפטיקע עלנבויגן האָט ער זיך גענומען שטופן און געמאַכט וועג צווישן דעם געדרענג פון די פויערים. מיט עטלעכע שפּרונגען איז ער געווען לעבן די סאָלדאַטן, לעבן וואַצעקן, ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנט פון איינעם פון די סאָלדאַטן און געריסן פון אים דעם בינטל צווייגן. מיט אַלע כוחות האָט ער געשריען צו די פויערים:

— ברידער, פויערים!!! דערלאָזט ניט!!! דערלאָזט...

ס'האָבן זיך אַ וויג געטאָן די פאַרגליווערטע פויערים. פויסטן אינדערהויך. אויגן־פייער. קללות. נאָך אַ מינוט און זיי וואָלטן ווי אַ שטורעמדיקער פלייץ, דורכגעריסן די דאַמבע פון די שטייענדיקע סאָלדאַטן. נאָר אין דעם מאָמענט האָט דורכגעשניטן דעם אָפיצירס הייזעריקער כריפּ:

ק־ר־ו־ג־אָ־ם!!! (דרייט זיך אויס).

די זעלנער האָבן זיך אין איין אויגנבליק אויסגעדרייט און גע־שטאַנען מיט די ביקסן קעגן דעם דראָענדיקן המון.

באַלד נאָכדעם.

— ביקסן צום פייער! אינדערהויך, שיס!!!

אַ קנאַלעריי פון פייער האָט פאַרהילכט די לופט. און אַ פּחד איז געפאַלן אויף אַלעמען. די געביילטע, אויפגעהויבענע פויסטן, זענען מאַכטלאָז אַרונטערגעפאַלן. די מענטשן זענען פאַר אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרן. די אויגן צו דער ערד, האָבן זיי זיך געדוקט אַהינטער.

— באַלד ווידער דער כריפּענדיקער באַפעל: — בינדט דעם זשידעק.

די סאָלדאַטן פון דער וואַך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף שלמה'ן. ער איז געשטאַנען אָנגעגעאָסן מיט צאָרן. דער ערשטער זעלנער, וואָס איז אונטערגעקומען נאָענט האָט געקראָגן אַ טראַסק אין פּנים, אַז ער איז אָפּגעפלויגן, און אַנידערגעפאַלן. נאָר די אַנדערע זענען געווען אויף אים. ער האָט זיך געראַנגלט, ווי אַ באַזעסענער. האָט זיי אָפּגעוואָרפן און אַרויסגעריסן זיך פון זיי. ווידער איז אַ זעלנער געבליבן ליגן מיט אַ צעבלוטיקט מויל. שלמה האָט ערשט איצט דערפילט אין זיך אַ נייעם כוח.

פאַרכאַפּט פון דעם ניט גלייכן געראַנגל, זענען די פויערים אויפ־געלעבט געוואָרן. ס'איז געווען ווי דער זשידעק האָט זיך איצט גע־

שלאָגן פאַר זייער באַ׳עוול׳טקייט. פאַר זייער דערנידערונג און זיי האָבן מיט זייערע געשרייען אים צוגעגעבן מוט:

— גיב זיי!!! גיב זיי די בלוט־זויגער. דערלאַנג זיי, די שלאַנגען!

נאָר לאַנג האָט דער געראַנגל ניט געדויערט. באַלד איז שלמה איבערגעוועלטיקט געוואָרן. ער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויסרייסן פון זיי. פון אַלע זייטן האָבן זיך אויף אים געשאָטן קלעפּ און ער איז אַנידערגעפאַלן אַ צעביילטער, צעבלוטיקטער.

איצט איז שוין די עקזעקוציע פון וואַצעקן אָנגעגאַנגען מיט פריער־דיקער אָרדענונג: „ביינצן, צוואַנציק, איין און צוואַנציק" האָט דער אָפיציר געציילט די שמיץ. ביז וואַצעק האָט זיך שוין מער ניט גערירט. געלעגן ווי אַ טויטער.

— נו, ס׳וועט אים סטייען! ער וועט שוין מער ניט בונטעווען דעם אָרנטלעכן פויער. איצט וועט מען אים אָפּגעבן צו די סאָלדאַטן און אויס בונטאָווּשטשיק.

אַ סאָלדאַט האָט אָפּגעגאָסן דעם באַוואוסטלאָזן וואַצעקן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער און מען האָט אים אַוועקגענומען.

אויך שלמה׳ן, אַ געבונדענעם, האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פור און אָפּגעפירט אין געפענגעניש.

***

עס זענען פאַרביי צוויי וואָכן. מענדל פאַריצעווער האָט אַרויסגעגע־נומען שלמה׳ן פון געפענגעניש און געבראַכט אַהיים. אַ צעוואונדיקטער און צעבראָכענער איז ער, שלמה, געלעגן אין אַ באַזונדערן חדר.

פרומע איז אַריין. דערזען אים אַן אויסגעדאַרטן, בלאַסן מיט שוואַרצע פאַסן אונטער די אויגן. די אויגן עפּעס אַזוינע גרויסע, אַנ־דערע.

זי איז אַנידערגעפאַלן, צעיאָמערט זיך: „וואָס האָסטו געטאָן? מיך אומגליקלעך געמאַכט"!...

שלמה האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים.

גוט איז וואָס מענדל פאַריצעווער איז געקומען און זי אַרויסגעפירט. איר פאַרזאָגט, אַז זי זאָל מער צו אים ניט אַריינגיין. אים, מענדלען איז איצט געווען שווערער ווי אַלעמען. ער האָט דאָך אים, שלמה׳ן, אַליין אויסגעקליבן פאַר זיין איידעם. און ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט באַ־נעמען, וואָס איז מיט אים, שלמה׳ן געוואָרן. ער האָט דאָך אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. קען לערנען. און ער, דער טאַטע, האָט דען ניט געטאָן אַלץ

פאַר די קינדער? ער האָט זיי געגעבן אַ באַקוועמע היים. עסן און טרינ־קען ניט געזשאַלעוועט פון דאָס בעסטע. לעב און נעם אַריין די פריידן פון דער יוגנט. וואָס גייען דיך אָן די פויערישע קריוודעס? טראַכט פון דיין אייגענער משפחה. דו וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן.

איצט ווייס ער פונוואַנעט אַלע צרות האָבן זיך גענומען. ראַדענסקי איז אין אַלץ שולדיק. נאָך דעם אומגליק האָט מען אין בית־מדרש גע־פונען באַהאַלטענע טריפה׳נע ביכלעך. איצט איז אים, מענדלען שוין קלאָר, וואוהין שלמה פלעגט, אונטער פאַרשידענע תירוצים פאַרפאַלן ווערן. ער פלעגט גיין צום עוכר ישראל, צו ראַדענסקי׳ן. ניין. מער וועט ער דאָס ניט ליידן. ער וועט ניט האַלטן אין שטוב אַ בונטאָוושטשיק. ער איז אַלעמאָל מיט די פּאַנעס גוט דורכגעקומען. געהאַנדלט. געהאַט פרנסה בשפע. אויס זאָל עס זיין. אַ סוף און אַן עק. ער וועט צווינגען שלמה׳ן געבן זיין טאָכטער אַ גט.

און טראַכטנדיק פון זיין טאָכטער האָט דעם טאַטנס האַרץ גע־בלוטיקט. זי האָט דאָך אים ליב, דעם גאַרנישט. דעם... דעם... זי ליגט גאַנצע טעג און וויינט. נו, וואָס קען מען זיך העלפן. זי וועט זיך גוט אויסוויינען און וועט פאַרגעסן. ער, מענדל פאַריצעווער, וועט איר פאַרזאָרגן מיט אַ מאַן, אַ בעסערן. ניט אַזאַ... און ער האָט פון כעס אַזש אויסגעשפיגן.

*
**

מיט אַ שווער געמיט איז שלמה ארויסגעגאַנגען פון רב׳ס שטוב, וואו דער גט מיט זיין ווייב איז פאַרגעקומען.

ער האָט ניט געקענט קוקן זיין פרומע׳ן און דעם שווער אין די אויגן. ער האָט געפילט זייער ווייטיק און אַנטוישונג. זיי האָבן דאָך צו אים געהאַט אַזויפיל צוטרוי. אַזויפיל האַרציקייט. זיין פרומע האָט דאָך אים ליב געהאַט. און ס׳האָט אים געבראָכן דאָס האַרץ צוקוקנדיק וואָס פון איר איז געוואָרן. דאָך, פילט ער איצט, אַז עס איז בעסער אַזוי. זי, פרומע, און זיין היימישער וואוילזיין האָט ניט געקענט אויס־פילן איינגאַנצן זיין לעבן, איינשטילן דעם אומרו און די זוכעניש אין אים.

מיט אַ שטרויענעם קערבל, אין וועלכן ער האָט איינגעפּאַקט זיין גאַנץ פאַרמעגן אין איין האַנט און מיט אַ לייכטן מאַנטל אין דער אַנ־דערער, איז ער געגאַנגען פון שטעטל צום שליאַך.

ס׳איז געווען נאָך האַלבער טאָג. דורך שיטערע וואָלקנדלעך האָט די זון געוואָרעמט. שלמה האָט אַרומגענומען דעם ברייטן, אָפענעם

אָרום מיט זיין בליק. די תבואות אויף די פעלדער זענען שוין געווען אַראָפּגענומען. געלער שטרוי פון אָפּגעשניטענעם קאָרן, האָט דערציילט פון אָפּגעגאַנגענעם פול־צייטיקן לעבן. אויך אויף די בוימער האָט זיך אָנגעזען דאָס פאַרגיין פון זומער. דער גרינער פּראַכט פון די בוימער איז דורכגעפלאָכטן געווען מיט געל.

ער האָט מיט פולער ברוסט אַריינגענומען אין זיך דעם אַראָמאַט פון די פעלדער. איינגעזאַפּט די שלווה פון דעם אָרום. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון שטעטל. אַוועק פון דעם נעכטן, וואָס איז אים נאָכגעהאָנגען. און וואָס ווייטער ער איז אָפּגעגאַנגען, אַלץ גרינגער איז געוואָרן זיין געמיט. ער איז פריי! ער איז פריי! ער דאַרף מער ניט לעבן טאָפּלטקייט, אין שקר. און אין אים איז אויפגעגאַנגען אַן עקשנות, אַ מין הפקר׳דיקייט. ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן פון דער צוקונפט... עט! ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, און לעבן וויל ער, ווי זיין האַרץ און געוויסן רופט.

אַזוי איז ער געגאַנגען אַן אָפּשטעל פאַרביי פעלדער, שטרעקעס מיט זומפּיקן באָדן באַדעקט מיט קושאַקעס, וועלדלעך. אַוונט האָט אָנ־געהויבן צו נידערן און ערגעץ אויף אַ בערגל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

שלמה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. אַ צייט איז ער געזעסן צוהערנדיק זיך צו דעם שיכורנדיקן געזאַנג פון דער באַפרייאונג, וואָס האָט געזונגען אין אים, זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די פייגעלעך. און צי ס׳איז געווען די מידקייט פון גיין, צי פון אָנגעשטרענגטקייט פון טראַכטן, נאָר דער גאַנצער קערפּער האָט געצויגן צו דער מוטער־ערד.

ער האָט דעם מאַנטל אויסגעשפּרייט און אויסגעצויגן זיך, מיטן פּנים צום הימל. אַוונט רואיקייט האָט פאַרוויגט. די וויעס האָבן זיך לאַנגזאַם געשלאָסן און ער איז איינגעשלאָפן.

***

גרוי איז נאָך געווען אָרום, ווען שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַלץ פאַרהוילן אין נאַכטיקע שלייערס. די וועלט איז נאָך געווען אין דרימל.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און איז געבליבן פאַרגליווערט. ער איז געווען אַליין. אַליין און איינזאַם.

ער האָט געגעצט און געוואַשן די הענט און דאָס פּנים מיטן טוי פון די נאַכטיקע גראָזן. געזוכט צו פאַרטרייבן דעם חלום, וואָס האָט אים דורך דער נאַכט געמאַטערט. ער האָט כסדר געזען דעם שדים־טאַנץ פון די ריטער איבער דעם ליגנדיקן וואַצעקן. געזען דאָס דריגען פון זיינע

פּיס. וואָצעק? וואו איז ער איצט. און ראַדענסקי, וואו איז ער?... מיט זיי וואָלט אים לייכטער געווען.

שלמה האָט זיך דערמאָנט אָן יענע באַגייסטערונג, וואָס איז גע־ווען ביי אים און ביי ראַדענסקי'ן בעת זייער ערשטער באַגעגעניש. ער האָט זיך דערמאָנט ראַדענסקי'ס רייד:

„זיי דרייסט. האָב ניט קיין מורא צו באַטרעטן נייע וועגן. ווייל ניי צייטן... זיי קומען אונדז אַנטקעגן. דורך שטיינערנע בערג פון אַלטוואַרג, דורך דערנער און ווילד־גראָז, קומט אויף דער שפּראָץ פון יונגען טאָג".

א סוויטשער פון פייגל, וואָס האָבן אויפגעוואַכט, האָט זיך איבער זיין קאָפּ, פון דיביימער געטראָגן, און האָט אים געבראַכט צו זיך. א נייער טאָג פאַרנעמט זיך. און אַזוי פיל איז דאָ צו טאָן, צו קעמפן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. געשטאַנען גרייט און געוואַרט.

שיטערער איז דער נאַכטיקער נעפּל געוואָרן. נידעריק אויפן האָרי־זאָנט האָט גענומען ליכטיקן. די ערשטע גאָלדיקע זון־שטראַלן האָבן זיך אַרויסגעריסן און געצונדן דעם מזרח. העלער, פלאַמיקער.

ער האָט זיך איינגעבויגן. גענומען זיין קערבל, דעם מאַנטל און איז געגאַנגען דעם נייעם טאָג אַנטקעגן.

— סוף —